STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06428

TARAS BULBA

Nikolai Vasilevich Gogol

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. וו. גאָגאָל

טאַראַס בולבאַ

(ראָמאַן)

יידיש: יוסף טורקאָ.

פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב

וואַרשע 1924

דרוק י. וואַכמייסטער, נאַלעווקי 7.

DRUK. J. WAGMEISTER. NALEWKI № 7

I

גיב זיך נאָר אַ דריי־אויס, זון. סאַרע קאָמישער די ביסט! וואָסערע פויפסטלעכע לייב־רעק זענען דאָס אויף אייך ? גייען אַלע אַזוי אין דער אַקאַדעמיע?

מיט אַזעלכע ווערטער האָט דער אַלטער בולבאַ באַגעגנט זיינע צוויי זין, וועלכע לערנען זיך אין דער קיעווער סעמינאַריע און זענען אַהיים געקומען צום פאָטער.

זיינע זין זענען נאָר־וואָס אַראָפּגעקראָכן פון די פערד. דאָס זענען געווען צוויי יונגע בעלי־כוחות, וואָס קוקן נאָך פון אונטער די שטערנס אַ פויר, ווי נישט־לאַנג באַפרייטע סעמינאַריסטן. זייערע קרעפטיקע און געזונטע פנימער זענען געווען באַדעקט מיטן ערשטן פוך פון האָר, וועלכע דאָס גאָל־מעסער האָט נאָך נישט באַרירט. זיי זענען אַזוי מבולבל געוואָרן פונם פאָטערס אויפנאַמע, אַז זיי זענען שטיין געבליבן ווי די געליימטע, און האָבן די אויגן אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

— שטייט, שטייט! לאָזט מיך נאָר אייך גוט באַטראַכטן —

האָט ער אויסדרייענדיק זיי מוסיף געווען—וואָסערע לאַנגע בגדים זעגען דאָס אויף אייך! זע נאָר סאָרע לאַנגע! אַזעלכע בגדים האָב איך נאָך אויף דער וועלט נישט געזען. זאָל נאָר ווער פון אייך אַביסל לויפן! איך וויל נאָר זען, צי עס שלימפּערט זיך נישט נאָך, און וויקלט זיך נישט פאַר די פיס.

—לאַך נישט, לאַך נישט פּאָטערל! — האָט צום סוף דער עלטסטער פון זיי געזאָגט.

— זע נאָר, ווי אין גרויסן ער שטייט! און פאַרוואָס־זשע דען נישט לאַכן?

—ווייל אַזוי, כאָטש דו ביסט מיר אַ טאַטע און וועסטו לאַכן, וועל איך, בנאמנות, ממיתן!

—אַך, דו אַזוינער און אַזוינער! ווי? אַ טאַטן?—האָט טאַראַס בולבאַ געזאָגט, מאַכנדיק פון פאַרוואונדערונג עטלעכע שריט אויף צוריק.

— אַפילו אַ טאַטן. פאַר באַליידיקן וועל איך נישט קוקן און וועל קיינעם נישט שאַנעווען.

— ווילסטו - זשע מיט מיר זיך שלאָגן? אפשר מיט די פויסטן?

—נו, טאָ זאָל זיין אויף פויסטן; — זאָגט בולבאַ פאַרקאַשערנדיק די אַרבל,—כ׳וועל זען, וואָסערער מענטש דו ביסט אין די פויסטן?

און טאַטע מיט זון, אָנשטאַט דעם, וואָס זיי זאָלן זיך נאָך אַ לאַנגער צושייטקייט מקבל־פּנים זיין, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעהויבן מהנה צו זיין מיט אַ שטורכע אין דער זייט, אין „דיך", אין האַרץ אַריין, דאָ אָפּטרעטנדיק און אומקוקנדיק

זיך, און דאָ פון דאָסניי אָנהייבנדיק צושלאָגן׳

— קוקטס נאָר, ליבע מענטשן: דער אַ ער איז פאַרנאַרט געוואָרן! ער איז אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ!—האָט געטענהט ד בלאַסע, דאַרינקע און גוטע מאַמע זייערע, וועלכע איז שטיין גע בליבן אויף דער שוועל און האָט נאָך נישט באַוויזן זאַט צוקוקן אויף די קינדער אירע—די קינדער זענען אַהיים געקומען, מער ווי אַ יאָר זיי, נעבעך. נישט געזען, און ער האָט אויסגעטראַכט ווער ווייסט וואָס: מיט די פויסטן זיך צושלאָגן!

—ער שלאָגט זיך וואויל?—האָט בולבאַ מידווערנדיק אַרויס גערעדט—באמנות, ווי גוט!—האָט ער פאָרט געזעצט אָפּרוענדיק זיך אַביסל—באמת, ווען מ׳זאָל אים אַפילו נישט אויספּרואוון. אַ גוטער קאָזאַק וועט ער זיין! נו, זדראָוואָ, זונעלע! לאָמיר זיך צוקושן!

און פאָטער מיט זון האָבן זיך אָנגעהויבן צו קושן.

— גוט אַזוי, זונעלע! אָט אַזוי זאָלסטו דרעשן יעדעם, ווי דו האָסט מיך געביילט: פון קיינעם זאָלסטו זיך נישט לאָזן! אָבער פונדעסטוועגן איז אויף דיר דאָס אָנטועכץ לעכערלעך: וואָסערע שטריקל הענגט אָט דאָ? און דו, בייבאַס, וואָס שטייסטו מיט אַראָפּ געלאָזטע הענט?—האָט ער געזאָגט ווענדניק זיך צום יינגערמאַן—פאַרוואָס־זשע ממיתסט דו מיך נישט אַזוי. הינטישער זון?

—אָט וואָס ער האָט נאָך אויסגעקלערט — האָט געטענהט די מוטער אַרומנעמענדיק דערביי דעם יינגן — וואָס עס קומט אים אַלץ אין קאָפּ אַריין, אַז אַ לייבלעך קינד זאָל שלאָגן אַ טאַטן! און גראָד אַצינד וואָלט צו דעם געווען די צייט, אַ יינג קינד, אַדורכגעמאַכט אַזאַ מהלך, האָט ער עס אַזוי מיד גע־מאַכט...—(דעם קינד איז געווען קנאַפּע צוואַנציק יאָר און גראָד

אַ סאַזשען אין דער לענג) — ער דאַרף זיך איצטער אָפּרוען און עפּעס עסן, און ער מאַכט אים גאָר שלאָגן!

—ע, דו ביסט דאָך גאָר אַפּלוידער=זאַק, ווי איך זע—האָט בולבאַ געזאָגט—הער נישט, זונעלע, דער מאַמען! זי איז אַ באָבע, זי ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגן. וואָס איז אייער באַגער? אייער באַגער איז — אַ ריין פעלד און אַ גוט פערד: אָט איז אייער באַגער! און זעט איר אָט די שווערד? דאָס איז אייער מוטער! אַלץ, מיט וואָס איר שטאָפּט אין אייערע מוחות, זענען נאָר פּוסטע זאַכן, אי די אַקאַדעמיע און אַלע די ביכלעך, די אַלף=כיתן און די פילאָזאָפיעס און אַלץ, דאָס גאַנצע קאָזנאַשטשאָ—איך שפּיי אויף דעם אַלעם!...—דאָ האָט בולבאַ אַריינגעוואָרפן אַזאַ וואָרט, וועלכעס איז אַפילו נישט שיין אויסצוזאָגן—בעסער וועל איך אייך הייַנטיקע וואָך אַריבערשיקן אין זאַפּאַראָזשיע. אָט וואו מען לערנט! דאָרט האָט איר כאָטש אַ שול, דאָרט וועט איר קריגן שכל.

—און איין וואָך זאָלן זיי נאָר זיין אין דער היים? האָט פון רחמנות, מיט טרערן אין די אויגן אַרויסגעהעשעט די דאַרע אַלטינקע מאַמע. אַפילו שפּאַצירן וועלן זיי, די אָרעמע, נישט קאָנען, זיי וועלן אַפילו דאָס געבורטס=הויז נישט זען און איך וועל זיך צומאָל אויף זיי נישט קאָנען זאַט=קוקן!

—געווג שוין, געווג איז דאָס קלאָגן, אַלטע אַ קאָזאַק איז נישט דערויף, אַז ער זאָל זיך אַרומפירן מיט ווייבער. דו וואָלסט זיי ביידן פאַרבאַהאַלטן אונטער דער יובקע און וואָלסט אויף זיי געזעסן ווי אויף הינערישע אייער. גיי, גיי, און גרייט אונז וואָס גיכער צום טיש אַלץ, וואָס ס'איז נאָר פאַראַן. מ'דאַרף נישט קיין לאַטקעס, קיין האָניק=קיכן, קיין מאָן=קיכלעך און אַנדערע כבודים: מאַך אונז אַ גאַנצן שעפּס, אַ ציג גיב צוהער און האָניג

פּערציק־יעריקן! און בראַנדוויין מערער, אמתן בראַנדוויין אונגישט פון קיין ראָזשינקעס און אַנדערע געמויזעכצן, נאָר ריינעם שוימיקן בראַנדוויין גיב, אַז ער זאָל שפּילן און זיצן ווי אַ משוגענער.

בולבאַ האָט די זין זיינע אַריינגערופן אין אַ באַזונדערן אַלקער, פון וואו ס'זענען מיט אַ געשווינדיקייט אַרויסגעלאָפן צוויי שיינע מיידלעך־באַדינערנס אין רויטע קאָפּ־טיכלעך, וועלכע האָבן זיך גענומען צו רוימען די חדרים. זיי האָבן זיך, אַפּנים, דער־שראָקן צוליבן אָנקום פון די יינגע בעלי־בתים, וואָס האָבן נישט ליב געהאַט קיינעם אַדורכצולאָזן, אָדער גאָר פּשוט, זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרבייגן זייערע ווייבערישע מדות: אויסשרייען און פאַלן איבער האַלז און נאַקן, זעענדיק אַ מאַנסביל און דערנאָך זיך פון בושה לאַנג דאָס פּנים מיט די הענט פאַרשטעלן.

דער אַלקער איז געווען אויסגעפּוצט לויטן געשמאַק פון דער צייט, פון וועלכן ס'איז נאָר איבערגעבליבן דער זכר און די בלויזע לידער פון די פּאָלקסראַטן אויף אוקראַינע, וואו עס ווערט שוין מער נישט געזונגען און דורך די בערדיקע, בלינדע זקנים מיטגעברומט אין אַ שטילער, שעפּטשנדיקער באַגלייטונג פון אַ באַנדורע, און וועלכעס שטעלט־פאָר דאָס בילד פון אַן אומגע־צאַמט פאָלק — אין דער שטימונג פון אָט דער קעמפנדיקער און שווערער צייט, בעת וועלכע ס'האָבן זיך אויף אוקראַינע אָנגע־הויבן אָפּצושפּילן די חבלי־לידה מיט די שלאַכטן פאַר דער אוניע אַלץ איז געווען ריין און אויסגעקלעפּט מיט פאַרביקע ליים. אויף די ווענט—שווערדן, נאַגייקעס, פּאַסטקעס פאַר פייגל, סיטשן און ביקסן, אַן ערנסט־אויסגעאַרבעטער האָרן אויף פּולווער, אַ גאָלדן ציימל פאַר אַ פערד און שפּאָרנס מיט זילבערנע בלאַכן. פענסטער זענען אין אַלקער געווען קליינינקע, מיט קיילעכדיקע טריבע שייבן

וועלכע מ'טרעפט היינט נאָר אין די פּאַרצייטישע בתי-תפילות, דורך וועלכע מ'קאָן אַנדערש נישט אַריינקוקן איידער מ'הייבט צופריער נישט אויף די רוק-גלעזער. אַרום די פענסטער און טירן זענען געווען אויסגעמאָלט רויטע קרייזן. אויף די פּאָליצעס, וואָס אין די ווינקלען, זענען געשטאַנען קרוגן, פלאַש און פלעשלעך פון גרינעם און בלאָען גלאָז, געשניצטע זילבערנע גלעזלעך באַגילדטע קאַרפינקעס פון אַלערליי אויסאַרבעטונגען: ווענעציאַנישע, טערקישע, טשערקעסקע, וואָס זענען אין בולבעס אַלקער אַריינגעקומען דורך פאַרשידענע וועגן פון דער דריטער און פירטער האַנט, אַזוי, ס'איז לגמרי גוויינטליך געווען פאַר די דאָזיקע ווייטע צייטן. די ווייס-פּאָלירטע בענק אַרום אַלע צימערן, דער גרויסער טיש אונטער די בילדער פונם פאַראַדנעם ווינקל, דער ברייטער אויוון מיט די אויוון-ווענטלעך, מיט די שיבערס און ריטשערס, וואָס זענען באַדעקט מיט פאַרביקע, געבלימלטע קאַכלעס — דאָס אַלצדינג איז געווען גוט באַקאַנט אונזערע צוויי בחורים, וועלכע קומען יעדעס יאָר אויף קאַניקולן — און געקומען זענען זיי דערפאַר, ווייל ביי זיי איז נאָך קיין פערד נישט געווען און דאָס דערפאַר, ווייל מ'איז בכלל נישט געווען געוואוינט שילער צו דערלויבן צוגרייכן אין דער הייך. ביי זיי זענען געווען לאַנגע טשופּרינעס, פאַר וועלכע יעדער באַוואָפנטער קאָזאַק האָט זיי געקאָנט אַ ריס-טון.

בולבאַ האָט בלויז בשעת אַרויסלאָזן זיי, פון זיין טאַבון מיטגעשיקט אַ פּאָר יינגע פערדלעך.

בולבאַ, בעת ס'זענען געקומען צו פאָרן זיינע זין, האָט ער באַפוילן צונויפצורופן אַלע סאָטניקעס און דער גאַנצער פּאָלקאָווער ראַנגע—אַלע וואָס זענען נאָר געווען אין די אויגן. און בעת עס זענען געקומען נאָר צוויי פון זיי און דער קאָזאַטשקער קאַפּיטאַן

דמיטראָ טאָווקאַטש, אַן אַלטער חבר זיינער, האָט ער זיי תיכף פאָרגעשטעלט זיינע זין אַזוי זאָגנדיק:

—אָט גיט אַ קוק, סאַרע יינגען! אינגיכן וועל איך זיי נאָך סעטש*) שיקן.

האָבן די געסט בולבאַ ווי אויך ביידע יינגעלייט, צו זיי געטענהט, אַז זיי טוען גוט, און אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין בעסערע בילדונג פאַר אַ יינגן מענטשן ווי די זאַפּאָראָזשיער סעטש.

— נו-זשע, פאַן-בראַטצעס, זעצט זיך אַלע צום טיש, וואו וועמען ס'געפעלט נאָר. און איר, זונדעלעך! קודם כל וועלן מיר אויסטרונקען אַביסל בראַנדווייַן!—האָט בולבאַ געזאָגט—זאָל גאָט העלפן! אַ געזונט אויף אייך, זונדעלעך! אי דו, אָסטאַפּ, אין די אַנדריי! זאָל-זשע גאָט געבן, אַז ס'זאָל אייך אין דער מלחמה שטענדיק גיין מיט הצלחה! אַז איר זאָלט די בוסורמענער**) שלאָגן די טערקן, און די טערינס זאָלט איר ממיתן און אַז די ליאַכעס***) וועלן עפּעס אָנהייבן קעגן אונזער אמונה, זאָלט איר אי די ליאַכעס דורסן. נו, שטעל-זשע אַנידער דיין טשאַרקע וואָס, איז ער גוט, דער בראַנדווייַן? ווי, אויף לאַטייניש?—נעמט ער, דער ווייַן? אַזוי-אַזוי, זונעלע, טפּשים זענען זיי געווען, די לאַטיינער: זיי האָבן צו מאָל נישט געוואוסט, אַז ס'איז אויף דער

*) אַ געגנט ביים טייך דניעפּר, וועלכע איז פאַרצייטנס געווען באַזעצט מיט קאָזאַקן.

**) ס'ווערט געמיינט—די מאַכמעדאַנער.

***) פּאָליאַקן.

דער איבערזעצער.

וועלט אַ בראַנדוויין פאַראַן. ווי זאָגסטו, האָט מען גערופן אָט דעם וואָס האָט די לאַטייניִשע שירים געשריבן? אין די דראָבנע אותיות בין איך נישט קיין איבריקער קענער, און דעריבער ווייס איך נישט, וואָס גאָראַצי?

—זעסטו, סאַרע פאָטערל דאָס איז! — האָט געטראַכט ביי זיך דער עלטערער זון אָסטאָפּ — אַלץ ווייסט ער, דער אַלטער הונט, און צו אַלעם נעמט ער זיך.

— איך מיין, אַז דער אַרכימאַנדריט*) האָט אייך אַפילו נישט געגעבן אַ שמעק צו טון פון בראַנד-וויין,—האָט טאַראַס ווייטער גערעדט.—זייט זיך מודה, זינעלעך, מ'האָט אייך דאָרט פעסט געשמיסן מיט בעראָזעווע און פרישע קאַרשן-צווייגן איבערן רוקן און איבער אַלץ, וואָס ס'איז ביי אַ קאָזאַק נישט פאַראַן? און אפשר דערפאַר וואָס איר זענט שוין אפשר אַביסל קלוגער געוואָרן, האָט מען אייך אויך מיט בייטשן געציילט? וואָס נישט בלויז אים שבת, ס'דהאָט אויך געסטייעט אי אויף מיטוואָך און אויף דאָנערשטאַגן?

—ס'לוינט זיך נישט, פאָטערל, אויפצומישן, וואָס ס'איז געוועזן—האָט אָסטאַפּ קאַלטבלוטיק אָפּגעענטפערט—וואָס ס'איז געוועזן איז פאַרפאַלן!

—זאָל ער נאָר אַצינד פּרואוון!—האָט אַנדרי געזאָגט—לאָז נאָר אימיצער אַצינד טשעפּען. זאָל נאָר אַפילו איצט אונטערקומען עפּעס אַ טערקין, וועט זי שוין געוואָר ווערן, וואָס עס הייסט אַ קאָזאַטשקע שווערד!

*) אַרכימיאַנדריט—דער ראש פון אַ גייסטליכן-אינסטיטוט.

דער איבערזעצער.

—גוט אַזוי, זונעלע! בּיי גאָט, ווי ס׳אי גוט אַזוי! און ווען ס׳וועט דערצו קומען, טאָ וועל איך מיט אייך פאָרן! בּיי גאָט, ווי איך פאַר. צו וואָסער רוח האָט איר דאָ צו זיין? אַז איך זאָל די גריקע פּאַרזוכן, אַ בעל-הבית זיין, דאָ אויף דער שאָף, אַכטונג געבן, דאָ אויף די חזרים און מיט דער ווייב זיך עלטערן? זאָל זי אַפילו פּאַרלאָרן ווערן, איך — איך בּין אַ קאָזאַק, וויל איך נישט! וואָס איז דער מער, קומט דען קיין מלחמה נישט פּאָר? איך וועל אויך מיט אייך מיטפאָרן אין זאַפּאָראָזשיע — אַ הוליע-טון, בּנאמנות, כ׳וועל פאָרן! — און דער אַלטער בּולבּאַ ד׳האָט זיך פּאַוואָלי געהיצט, איז אינגאַנצן אויפגערעגט געוואָרן, האָט זיך אויפגעשטעלט פונם טיש, איז שטיין געבּליבּן און האָט אַ טופּע-געטון מיטן פוס. —מאָרגן פאָרן מיר! צו וואָס אָפּלייגן? וואָסערן שונא קאָנען מיר דאָ אויסזיצן? צו וואָס אונז אָט די הייזקע? צו וואָס טויג אונז דאָס אַלצדינג, און די טעפּ נאָך צו וואָס?

אַרויסרעדנדיק דאָס דאָזיקע, האָט ער אָנגעהויבּן צושליידערן און צו צעבּרעכן די טעפּ מיט די פלאַש.

די אָרעמע באָבּע, וועלכע איז שוין צוגעוואוינט צו אַזעלכע שטיקלעך מצד איר מאַן, האָט זיצנדיק אויפן בּענקל, געקוקט דערויף אַ טרויעריקע. זי האָט קיין וואָרט נישט געוואַגט אַרויסצורעדן, נאָר דערהערנדיק וועגן אַזאַ שרעקלעכן פאַר איר באַשלוס, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון די טרערן. זי האָט געקוקט אויף די קינדער, מיט וועלכע ס׳האָט איר געדראָט אַזאַ געשווינדע צעשיידונג, און קיינער וואָלט נישט געהאַט קיין ווערטער צו באַשרייבּן איר ביטערניש, וועלכע האָט דאַכט זיך, געציטערט אין אירע אויגן און אין אירע קראַמפּהאַפט-צונויפגעקוועטשטע ציין.

בולבאַ איז געווען פשוט שרעקלעך, דאָס איז געווען אייבער פון די כאַראַקטערן, וועלכע האָבן געקאָנט געבוירן ווערן נאָר אינם שווערן פונפצענטן יאָרהונדערט אויפן האַלב-וואַנדערנדיקן ווינקל פון אייראָפּע, בעת דאָס גאַנצע פריערדיקע דרום-רוסלאַנד, וואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן פון זיינע פירשטן, איז געבליבן וויסט, און ביז צום גרונט פאַרניכטעט דורכן סופיקן אָנגעלויף פון די מאָנגאָלישע ציק-חיות, ווען זי האָט בארויבט דאָס האָב-און-גוטס איז דאָ געשטאַרקט געוואָרן דעם מענטשנס האַרץ; ווען ער האָט זיך דאָ אויף די שרפות, באַזעצט, און פון מורא פאַר צאָרנדיקע שכנים און די שטענדיקע סכנות זיך אויסגעלערנט זיי צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, און דערקענען צי ס׳איז באמת פאַראַן אויף דער וועלט עפּעס אַ מורא, ווען עס האָט מיט אַ קעמפנדיקן פלאַם-פייער באַוויזן דעם אַלט-געליבטער סלאַוויאַנישער גייסט און האָט אַרומגעכאַפּט אויך דאָס קאָזאַקנטום — די גאַנצע, ברייטע און צעהוליעטע געוואוינהייט פון דער רוסישער נאַטור, בעת אַלע יבשות, איבערפירונגען, נעבן-ברעגיקע אַקערפעלדער און אַלע באַקוועמע ערטער זענען פאַרפלייצט געוואָרן מיט קאָזאַקן פון וועלכע מ׳האָט קיין מספר נישט געוואוסט, און די דרייסטע חברים זייערע זענען גרייט געווען צו ענטפערן דעם סולטאַן, וועלכער האָט געוואָלט וויסן זייער צאָל: ווער ווייס זיי ביי אונז זענען זיי צעשפּרייט איבערן גאַנצן סטעפּ: וואָס אַ פוילנדער, אַלץ מערער אַ קאָזאַק (וואו נאָר אַ בערגל, דאָרט איז שוין פאַראַן אַ קאָזאַק). און דאָס איז טאַקע געווען אַ משונהדיקע דערשיינונג פאַר די רוסישע כוחות: אים האָט דאָס דער פלאַם פון ביטערנישן אַרויסגעוואָרפן פון דער פאָלקס-ברוסט, אויפן אָרט פון די פריערדיקע ישובים, דראָבנע שטעטעלעך, וועלכע זענען געווען אָנגעפולט מיט הינט-שלעגער און יעגערס, אויפן אָרט פון די פיינטלעכע און צווישן-זיך קריגנדיקע שטעט פון די

קליין־פירשטן, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן מעכטיקע ישובים, קאַ־זאַקן־דערפער און פּראָווינצן, וואָס זענען געווען געשיצט פון סכּנה און שנאה מצד די נישט־קריסטלעכע רויב־חיות, אַלעמען איז שוין באַוואוסט פון דער געשיכטע, אַז זייער אייביקער קאַמף און אומ־רויקער לעבן האָבן גערואַטעוועט אייראָפּע פון אָן־סופיקע אָנגע־לאָפן. באַדראָענדיק זי מיט פאַרניכטונג. ס׳זענען פּלוצים דערשי־נען די פוילישע קעניגן, אויפן אָרט פון באַזונדערע פירשטן, די הערשער פון פאַנאַנדערגעשפרייטע ערדן, הגם ווייטען און שוואַ־כע, האָבן זיי פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון די קאָזאַקן און די באַקוועמלעכקייט פון אַזאַ קעמפנדיקן, וואַכזאַמען לעבן. זיי האָבן אויפגעמונטערט און געהנפעט זיך צו דעם דאָזיקן לאַגער. אונטער זייער געפאַלענער הערשאַפט, האָבן די העטמאַנעס, אויסגעקליבע־נע פון צווישן די זעלביקע קאָזאַקן, אויסגעבילדעט אין די פּולקן פּראָווינצן, קאָזאַקן־דערפער און רעכטפערטיקע קרייז־שטעט. דאָס איז נישט געווען קיין צונויפגעקליבן פּאַראַד־מיליטער; אַזוינס וואָלט אודאי קיינער נישט באַמערקט.

אין פאַל פון מלחמה און פרעמדער ווידערשפעניקונג, איז יעדער אין משך פון אַכט טאָג—נישט מער—דערשינען אויף זיין פערד. ער איז איינגאַנצן געווען באַוואָפנט און האָט אַלס שכר באַקומען פון קעניג נאָר איין טשערוואָניעץ, און אין צוויי וואָכן האָט זיך צונויפגעקליבן דאָס גאַנצע חיל, אַקעגן וועלכן ס׳איז נישט בכוח געווען מנצח צו זיין אפילו די גרעסטע רעקרוטירטע מחנות, און האָט זיך געענדיקט דער קריגס־צוג—איז דער קריגס־מאַן אַוועק אויף די לאָנקעס און פאַשעס, אויף די דניעפּרישע פּאַראָמס, האָט פיש געפאַנגען, געהאַנדלט, ביער־געקאָכט און איז געווען אַ פרייער קאָזאַק. די פרעמד־לענדער האָבן בשעת, זיך זיי־ער געחידושט איבער זיינע אומגעווענלעכע פעיקייטן. ס׳איז נישט געווען קיין מלאכה, וועלכע דער קאָזאַק האָט נישט געזאָלט קע־

נען: קעלטן ווײן, אויפבויען אַ וואָגן, דרעשן קערנער, פירן אַ שמידערײ, טון שלאָסער־אַרבעט און — אַ צולאָז דערצו — צו הוליען ביז משוגע, טרונקען און זויפן, ווי דאָס קאָן נאָר באַווײזן אײן רוס — און דאָס אַלצדינג איז אים געווען הינטערן רוקן.

חוץ די פאַרשריבענע קאָזאַקן, וועלכע זענען געווען מחויב זיך צו צושטעלן בשעת מלחמה, האָט מען צו יעדער צייט, אין פאַל פון דריגנדיקער נויטווענדיקייט, געקאָנט צונויפזאַמלען גאַנצע מחנות פרייוויליקע רייטער: די קאָזאַקן ־ אָפיצירן האָבן נאָר געדאַרפט אַריבערגײן די מערק און פלעצער פון אַלע דערפער און שטעטלעך און אויסשרייען, שטייענדיק אויפן וואָגן, מיטן גאַנצן כוח:

— היי, איר ביער־לייט, ברויער! גענוג אײך ביער געקאָכט, קריכט אַ פויער פון אונטער די אייוון און גיטן אָנצופרעסן מיט אייערע פעט לייבער די פליגן! גייט פאַרטיידיקן דעם כבוד און דעם רום פון די ריטער! איר, אַקערלייט, גערשטן־זייער, שעפסן־היטער, ווייבער־ליבהאָבער! גענוג אײך צו גײן נאָך די אַקער־אײזנס, אַרײנצולייגן אין דער ערד אַרײן אייערע געזונטע שטערנס, צו פאַרקריכן זיך צו די ווייבעלעך אין אָנווערן די גאַנצע ריטער־לעכע גבורה! שוין צייט אויפצוהייבן דעם קאָזאַקישן רום!

און די דאָזיקע ווערטער זענען געווען ווי פונקען, וואָס פאַלן אויף טרוקן האָלץ. דער אַקערמאַן האָט זײן אַקער צעבראָכן די ווײן־קעלטער מיט די ביער־ברויער האָבן געוואָרפן זייערע צע־בערס, האָבן צעבראָכן די פעסער, דער בעל־מלאָכה און דער הענדלער האָט צום טײוול געשיקט אי דאָס האַנטווערק, אי דאָס געוועלב, האָט אין דער היים די טעפּ צעקרישלט — און אַלע ווער ס׳האָט נאָר נישט געזאָלט זײן, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד. הקיצור דער רוסישער כאַראַקטער האָט באַקומען אַ מעכ־טיקן, ברייטן שוואונג, אַ שטאַרקן יסוד.

טאַראַס איז געווען איינער פון די געציילטע, קערניגע,
אַלטע פּולקאָווניקעס: ער איז אינגאַנצן געווען ווי געבוירן צו
קריגערישער מהומה און פון אַלע זיינע מדות, האָט ער זיך
אויסגעצייכנט מיט זיין גראָבער דרייסטקייט. דאַמאָלס האָט די
פּוילישע השפּעה זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן ביים רוסישן
אַדעל. אַ סך פון זיי האָבן שוין געהאַט איבערגענומען די פּוי-
לישע מנהגים, האָבן געהאַט אַ פאַרשווענדעריש לעבן מיט גרוי-
סאַרטיקער באַדינונג, לייב-קנעכט, יאַגדן, מיטאָגן, גיטער. טאַ-
ראַסן איז דאָס אַלצדינג זייער נישט געווען צום האַרצן. ער
האָט ליב געהאַט אַ פּראָסט קאָזאַקן-לעבן און האָט זיך תמיד
געקריגט מיט די חברים זיינע, וועלכע האָבן געהאַט אַ נייגונג
צו דער וואַרשעווער זייט, רופנדיק זיי: די קנעכט פון די פּוי-
לישע פּאַנעס. שטענדיק אַן אומרויקער, האָט ער זיך גערעכנט
פאַר אַ געזעצלעכן פאַרטיידיקער פון דער פּראָוואָסלאַווישער ערע.
ער איז זעלבסטשטענדיק אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער,
וואו מ'האָט זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן אויפן צוקומען
פון אַרענדאַטאָרן און אויף דעם מוסיף-זיין פון נייע צאָלן אויף
רויך. ער אַליין, צוזאַמען מיט זיינע קאָזאַקן, האָבן אַדורכגע-
פירט דעם משפט און האָט געהאַלטן פאַר זיין רעכט, אַז אין
דריי פאַלן מעג מען זיך נעמען פאַר דער שווערד, נעמלעך,
ווען די קאָמיסאַרן האָבן מיט עפעס פוגע-בכבוד געווען די
עלטסטע און זענען פאַר זיי געשטאַנען אין די היטלען; בעת
מ'האָט אויסגעשפּעט די פּראַוואָסלאַוויע און מ'האָט נישט פאַרערט
די מנהגים פון די אָבות, און, צום סוף, ווען די שונאים זע-
נען געווען מאַכמעדאַנער און טערקן, קעגן וועלכע ער האָט אין
יעדן פאַל געהאַלטן פאַר דערלויבט אַרויסצוטרעטן אינם נאָמען
פון קריסטנטום מיט די וואָפן.

איצט האָט ער זיך געפרייט מיטן געדאַנק, ווי אַזוי ער

וועט זיך דאָס באַווייזן מיט זיינע צוויי זין אין ס ע ט ש און וועט אַ זאָג-טון:

— גיט נאָר אַ קוק וואָסערע יינגען כ'האָב געבראַכט צו אייך!

ווי אַזוי ער וועט זיי פאָרשטעלן פאַר די אַלטע חברים זיינע, וועלכע זענען שוין פאַר־וואונדעט געוואָרן בעת די שלאַכטן; ווי אַזוי ער וועט נחת-האָבן פון זייערע ערשטע זעלנערישע באַוועגונגען און פון זייער שכורן, וועלכעס ער האָט פאַררעכנט אַלס איינס פון די הויפּט-פאַרדינסטן פאַר ריטער.

לכתחילה האָט ער זיי, וואָס אַן אמת, אַליין געוואָלט אַהינשיקן, אָבער, בעת ער האָט באַמערקט זייער פרישקייט, זייער דערוואַקסנקייט און דאָס מעכטיקע, קערפּערלעכע שיינקייט זייערס, האָט אים זיין קריגערישער גייסט אַ שטויס געטון און באַלד צו מאָרגנס, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן מיט זיי מיט צו פאָרן, הגם די גאַנצע נויטווענדיקייט דערפון איז געלעגן רק אין זיין עקשנותדיקן ווילן. ער האָט זיך גענומען אַרומפאָרען. און אַרויסגעגעבן באַפעלן, האָט צוגעגרייט פערד מיט געווער פאַר זיינע יינגע זין. ער איז אויך אַרומגעגאַנגען איבער די שטאַלן, שייערס, און האָט אויסגעוועלט דינערס, וועלכע האָבן צו מאָרגנס מיט אים געדאַרפט מיטפאָרן. דעם סאָטני-קאָמאַנדיר טאָווקאַטש, האָט ער איבערגעענטפערט זיין מאַכט צוזאַמען מיט אַ שטרענגן באַפעל, באשר, אַזוי ווי ער וועט פון ס ע ט ש איבערשיקן אַ וועלכע ס'איז ידיעה, זאָל ער זיך תיכף ומיד באַווייזן צוזאַמען מיט זיין גאַנצן פולק. הגם ער איז געווען שכור און אין קאָפּ האָט אים געררישט, פונדעסטוועגן האָט ער אין גאָרנישט, נישט פאַרגעסן. ער האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָנצופּאָיען די פערד, אַריינשיטן זיי אין מויל די

פעטסטע און בעסטע ווייצן, און איז צוריק געקומען אַ מידער פון זיינע דאגות.

— נו, קינדער, אַצינד דאַרף מען גיין שלאָפן, און מאָרגן װעלן מיר טון דאָס, װאָס גאָט װעט דערהייסן. אָבער מיר בעטן נישט קיין געלעגער! אונז איז קיין געלעגער נישט נויטיק אויפן הויף װעלן מיר שלאָפן.

די נאַכט איז נאָרװאָס צוגעפאַלן, אָבער בולבאַ האָט זיך שטענדיק פרי געלייגט שלאָפן. ער האָט זיך צעלייגט אויפן טע־פיך, האָט זיך איינגעדעקט מיט אַ שעפּסענעם ראָק, מחמת די נאַכטיקע לופט איז געװען גענוג פריש און דערפאַר, װייל בול־באַ האָט זייענדיק אין דער היים זיך ליב געהאַט װאָס װאַרע־מער איינצוטוליען. ער האָט גיך אָנגעהויבן צו כראָפּען און באַלד נאָך אים דער גאַנצער הויף, אַלץ, װאָס האָט נאָר נישט געזאָלט ליגן אין פאַרשידענע װינקעלעך, האָט זיך צעכראָפּעט און צעפּיפן. אָבער פריער פון אַלע איז איינגעשלאָפן דער װעכטער װייל ער האָט זיך מער פון אַלעמען אָנגעטרונקען לכּבֿוד דעם אָנקום פון די יינגע בעלי-בתּים.

איינע, די אָרעמע מאַמע איז נישט געשלאָפן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום צוקאָפּנס פון די טייערע זין אירע, װעלכע זיי־נען געלעגן איינס נעבן ס'אַנדערע; מיט אַ קאַם האָט זי צעקעמט זייערע יינגע, געדיכטע געקרייזלטע לאָקן און האָט זיי פאַרכט געמאַכט מיט טרערן. זי האָט זיך אין זיי טיף איינגעקוקט, האָט געקוקט אויף זיי מיט אַלע איהרע חושים — זי האָט זיך פאַר־קערפערט אין איין בליק, און זיך נישט געקאָנט זאַט קוקן. זי איינע האָט זיי מיט דער אייגענער ברוסט געצויגן; זי האָט זיי אויפגעהאָדעװעט, גרויס געמאַכט — און נאָר אויף איין אויגנבליק האָט זי זיי.

—זין מײַנע, זין מיינע ליבע! וואָס וועט זײַן מיט אײַך? וואָס דערוואַרט אײַך?— האָט זי צו זיך גערעדט און די טרערן זענען איר געבליבן שטיין אין די פאַלדן, וועלכע האָבן פאַרביטן איר אַזוי שיינעם פנים פון אַמאָל.

און אין דער אמתן: ס׳איז אויף איר געווען אַ רחמנות, ווי אויף איטלעכער פרוי פון יענע ווײַטע דורות, נאָר איין אויגנ־בליק האָט זי געלעבט מיט דער ליבע, נאָר בעתן ערשטן פלאַם פון דער ליידנשאַפט, אין ערשטן פלאַם פון דער יוגנט און שוין האָט דער שטרענגער פאַרפירער זי פאַרלאָזן צוליב דער שווערד זײַנער, צוליב די חברים, צוליב שכרות, זיי האָבן דעם מאַן גע־זען צוויי—דרײַ טעג אין יאָר און שפּעטער איז וועגן אים איינ־גע יאָר אַפילו קיין ידיעה נישט געווען. און ווען אַפילו זי האָט זיך געזען מיט אים, ווען זיי האָבן געלעבט צוזאַמען, וואָסערע לעבן, מישטיינס געזאָגט. האָט זי געהאַט? זי האָט געליטן באַליי־דיקונגען, און אַפילו קלעפּ, זי איז פאַרצערטלט געוואָרן נאָר בעת ליבע צווישן דער דאָזיקער מחנה פון ווייבערלאָזע ריטער אויף וועלכע דאָס צעווילדעטע זאַפּאָראָזשיע האָט אַרויפגעלייגט זיין רויען שטעמפּל, איז זי געווען אַ מערקווירדיק באַשעפע־ניש. מיט היץ, מיט ליידנשאַפט און מיט טרערן, גראָד ווי אַ מעווע פון סטעפּ, האָט זי זיך געדרייט אַרום אירע קינדער. אירע זין, אירע ליבע זין, נעמט מען פון איר אַוועק—מ׳נעמט זיי צו דעם, אַז זי זאָל זיי שוין מער נישט זען! ווער ווייסט ס׳קאָן דאָך זיין, אַז אין דער ערשטער שלאַכט זאָל זיי אַ טאָ־טער די קעפּ אַראָפּהאַקן, און זי וועט צומאָל נישט וויסן, וואו עס ליגן זייערע אַוועקגעוואָרפענע לייבער, וועלכע ס׳וועט אַ ציק־פויגל פון אונטערוועגנס דעפּיקן, און פאַר יעדן טראָפּן בלוט פון זיי, וואָלט זי זיך אינגאַנצן מקריב געווען. ווען ס׳האָט איר שוין אַרומגענומען אַ שטאַרקער שלאָף, האָט זי, אַ פאַר־

צאָגטע, זיי געקוקט אין די אויגן אַריין און האָט געטראַכט:

—אולי־אפשר וועט בולבאַ, אויפוואַכנדיק, אָפּלייגן די נסיעה אויף אַ טאָג־צוויי אפשר האָט ער דערפאַר אַזוי געשווינט פאַר־טראַכט דאָס אַוועקפאָרן, ווייל ער האָט אַ סך געטרונקען.

די לבנה האָט פון דער הויך, אויפן הימל שוין לאַנג באַ־לויכטן דעם הויף, וואָס איז פול מיט שלאָפנדיקע. דער געדיכ־טער הויפן ווערבעס און דאָס הויכע סטעפּ־גראָז, אין וועלכע עס איז געווען פאַרטרונקען דער פלאָט, וואָס צאַמט־אַרום דעם הויף, זי איז אַלץ געזעסן צוקאָפּנס אירע ליבע זין, האָט אויף אַ מינוט נישט אַראָפּגענומען פון זיי די אויגן און אַליין אויך געטראַכט וועגן שלאָפן. די פערד, דערפילנדיק דאָס אויפגיין פונם טאָג האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט אויפן גראָז און אויפגעהערט צו מעלה־גירהן. די אויבערשטע בלעטלעך פון די ווערבעס האָבן אָנגעהויבן צו־רוישן, און אַ מורמלענדיקער קוואַל האָט דורך זיי געשלאָגן צום סאַמע אונטן. זי איז געזעסן ביז פאַרטאָגס, זי איז לחלוטין נישט מיד־געווען, און האָט געהאַט אַ טיפן באַגער, אַז די נאַכט זאָל זיך זיי ווייט מעגלעך פאַרציען לענגער פון סטעפּ האָט זיך דערטראָגן אַ הירזש פון אַ פערדל און רויטע שטרייפן האָבן זיך העל צע־לויכטן איבערן הימל.

אינדעם האָט בולבאַ אויפגעוואַכט און איז אויפגעשפרונגען. ער האָט גוט געדענקט אַלצדינג, וואָס ער האָט נעכטן באַפוילן.

—נו, יינגלעך, גענוג געשלאָפן! גענוג, גענוג! פּאָיעט די פערד! און וואו איז די אַלטע? —(אַזוי האָט ער געוועינלעך גערופן זיין ווייב)—לעבעדיקער אַלטע, גרייט־אונז צו עסן: אַ ווייטער וועג שטייט אונז פאָר!

די אָרימע אַלטע, אַ פאַרצווייפלטע פון דער לעצטער האָפ־נונג, האָט זיך איבער דער שטוב אַרומגעטראָגן אַ טרויעריקע. דער־ווייל, בעת זי האָט מיט טרערן אין די אויגן געקאָכט אַלץ, וואָס

ס׳איז נאָר נויטיק אויף אָנבייסן, האָט בולבאַ אַרויסגעגעבן באַ־פעלן, זיך אַליין אַרומגעדרייט אין שטאַל און פאַר די קינדער אויסגעקליבן אָנטועכץ.

און די סעמינאַריסטן זענען פּלוצלונג גאָר אַנדערע געוואָרן אָנשטאָט די פריערדיקע, פאַרשמירטע שטיוול, האָבן זיך אויף זיי באַוויזן רויט־לעדערנע מיט זילבערנע פּאַדקעוועס, הויזן אָן דער ברייט פונם שוואַרצן ים, מיט טויזנטער פאַלדן און לאַגן, אַרומגענומענע מיט אַ גאָלדענעם שנירל. צו דער שנור זענען גע־ווען צוגעטשעפּעט לאַנגע רימענטלעך מיט טראָלדזן און אַנדערע קלעפּערלעך צו אַ טראָמפּייט. דער מאַנטל פון בלוט־רויטער קאָ־ליר, פון פלאַמיקן, ווי פייער, שטאָף איז געוואָרן אַרומגעגאַרטלט מיט אַ מוסטערהאַפטן פּאַסעק און אַ שווערד האָט געקלעפּערט פאַר די פיס. זייער נאָך ווייניג דערצונדענע פּנימער, האָבן זיך, דאַכט זיך, געלייטערט און בלאַס געוואָרן; די יינגע, שוואַרצע וואָנצענ־לעך האָבן אַצינד עפּעס בולטער אָנגעצייכנט זייער ווייסקייט. די שוואַרצע שעפּסענע היטלען מיט די גאָלדענע שפּיצן, האָבן זיך גוט געקלעפּט צו זייערע פּנימער. אָרימע מאַמע! אַזוי ווי זי האָט זיי נאָר געזען, האָט זי קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

—נו, זין, אַלץ איז גרייט! ס׳איז שוין גאָרנישט נישטאָ צו פּאַקן—האָט בולבאַ צום סוף אויסגערעדט—אַצינד דאַרף מען לויטן קריסטלעכן שטייגער פאַרן אַוועקפאָרן זיך צו זעצן.

אַלע, נישט אויסשליסנדיק אַפילו די דינערס, וועלכע זענען דרך־ארצדיק ביי דער טיר געשטאַנען, האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

—אַ צינדער, מאַמע, בענטש דיינע קינדער — האָט בולבאַ געזאָגט—בעט גאָט, אַז זיי זאָלן העלדיש קעמפן, זאָלן תמיד פאַר־טיידיקן דעם ריטערלעכן כבוד, אַז זיי זאָלן שטענדיק זיך האַלטן פאַר דער קריסטלעכער אמונה, און אויב נישט דאָס — זאָלן זיי

בעסער פאַלן, אַז זייער רוח זאָל אַפילו אויף דער וועלט נישט זיין! גייט־צו, קינדער, צו דער מאַמען, די מאַמישע תפילה ראַטע־ וועט אי אויפן וואַסער אי אויף דער ערד!

די מוטער, אַ שוואַכע, ווי נאָר אַ מאַמע, האָט זיי אַרומגע־ נומען, האָט אַרויסגענומען צוויי נישט גרויסע הייליקע בילדלער, די טרויעריקע און האָט זיי אָנגעטון, אויפן האַלז.

— לאָז זי באַשירעמען אייך די געטלעכע מוטער... נישט פאַרגעסט, זינדעלעך, די מאַמע אייערע... שיקט כאָטש אַ נאַכריכט וועגן זיך...

ווייטער האָט זי שוין נישט געקאָנט רעדן.

— נו, לאָמיר גיין, קינדער! — האָט בולבאַ געזאָגט—ביים גאַניק זענען געשטאַנען געזאָטלטע פערד, בולבאַ איז אַרויפגע־ שפּרונגען אויף זיין טייוול, וועלכער האָט זיך ווילד אָפּגעטרייסלט האָט דערפילט אויף זיך די צוואַנציק־פּודיקע משא, מחמת טאַראַס איז געווען אויסערגעוויינלעך שווער און דיק.

ווען די מוטער האָט געזען, אַז אויך די זין אירע האָבן זיך שוין אַרויפגעזעצט אויף די פערד, האָט זי זיך געוואָרפן צום יינגערן, ביי וועמען אויפן פּנים ס'האָט זיך אויסגעדריקט אַ מע־ רערע צאַרטקייט. זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קנעכל, זיך צו־ געדריקט צו זיין זאָטל און מיט טרויער אין די אויגן האָט זי אים פון אירע הענט נישט אַרויסגעלאָזט. ערשט צוויי קרעפטיקע קאָזאַקן האָבן זי פאַרזיכטיק פון אים אָוועקגעריסן און זי אַריינ־ געטראָגן אין דער הייזקע. אָבער בעת זיי זענען מיט דער גרינ־ קייט פון ווילדע ציגן אַרויסגעפאָרן פאַרן טויער, איז זי צו זיי אַרויס און האָט מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן כח אָפּגעשטעלט דאָס פערד און איינעם פון די זין אַרומגענומען מיט אַזאַ באַרוישטע, באַוואוסטלאָזער ליידנשאַפט. האָט מען זי אויפסניי אָוועקגעפירט.

די יינגע קאָזאַקן זענען געריטן אומעטיקע, אין האָבן זיך געשטיקט מיט די טרערן, וואָרום זיי האָבן מורא-געהאַט פאַרן פאָטער, וועלכער איז אַליין אויך געווען גערירט, הגם ער האָט זיך באַמיט דאָס נישט אויסצעווייזן. דער טאָג איז געווען אַ גראָער דאָס גרינוואַרק האָט העל געלויכטן און די פייגל האָבן עפּעס טרייעריק געצווישטשעט אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל, האָבן זיי זיך אומ-געקוקט אויף צוריק: זיין הייזקע איז ווי אַראָפּ אין דער ערד אַריין. ס׳זענען נאָך געווען קענטיק די בלויזע צוויי קוימענס פון זייער באַשיידענעם הייזל און די שפּיצן פון די ביימער, איבער וועלכנס צווייגן זיי זענען געשפּרונגען ווי וועווייערקעס, פאַר זיי איז נאָך געשטאַנען יענע לאָנקע, אָן וועלכער זיי האָבן זיך גע-קאָנט דערמאָנען די גאַנצע געשיכטע פון זייער לעבן, פון די יאָרן, בעת וועלכער זיי האָבן זיך געוואַלגערט איבער איר הויכן גראָז ביז די יאָרן, ווען זיי האָבן איך איר דערוואַרט די שוואַרצ-ברעמיקע קאָזאַטשקע, וועלכע האָט אַ שרעקעוודיקע דורך איבם אַדורכגעשוועבט מיט אירע פרישע געשווינדע פיס... אָט איז נאָך דער איינציקער וועג צום ברונעם מיטן אין דער הייך צוגעבונ-דענעם ראָד פון אַ וואָגן, וואָס טאַרזשעט זיך אַן איינזאַמער אין הימל אַריין, אָט איז שוין די פלעכע, וואָס זיי זענען אַדורכגע-פאַלן און ווייזט אויס פון דער וויטנס ווי אַ באַרג און האָט מיט זיך אַלץ צוגעדעקט. — זייט געגריסט איר קינדהייט, איר שפּילן און אַלץ, אַלץ!

II.

אַלע דריי רייטער זענען געפּאָרן שווייגנדיקע, דער אַלטער טאַראַס האָט געטראַכט וועגן פאַרגאַנגענעם: פאַר אים איז פאַרבייגעגאַנגען זיין יוגנט, זיינע יאָרן, זיינע אַוועקפליענדיקע יאָרן אויף וועלכע דער קאָזאַק וויינט שטענדיק, ווילנדיק, אַז דאָס גאַנצע לעבנס זיינס זאָל זיין אַ יוגנט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם ווער פון זיינע פריערדיקע מיט־חברים ער וועט טרעפן אין סעטש. ער האָט אויסגערעכנט, וועלכע זענען שוין אויסגעשטאָרבן און וועלכע עס לעבן נאָך, אַ טרער איז שטיל געהאָנגען אויף זיין ברעם און זיין גראָענדיקער קאָפּ, האָט זיך טרויעריק אַראָפּגעלאָזט.

זיינע זין זענען ווידער געווען פאַרנומען מיט אַנדערע מחשבות. אָבער מ׳דאַרף אַ ביסל מער דערציילן וועגן די זין זיינע. צו צוועלף יאָר זענען זיי אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער קיעווער אַקאַדעמיע, ווייל אַלע הויכגעשטעלטע שרים פון יענער צייט האָבן געהאַלטן פאַר אַ נויטווענדיקייט זייערע קינדער צו געבן

בילדונג, הגם דאָס איז געטון געוואָרן מיט דער דעה, אַז מ׳זאָל עס דערנאָך פולשטענדיק פאַרגעסן, ווי אַלע אַריינטרעטנדיקע אין סעמינאַריע, זענען זיי דעמאָלט געווען ווילד, דערצויגן אויף דער פריי, און דאָרט האָבן זיי זיך, ווי געווענלעך, געלייטערט און באַקומען עפּעס פּרעמדס, וועלכעס האָט איטלעכן פון זיי אויסגע־שטעלט אויף באַגלייך. דער עלטערער, אָסטאַפּ, האָט דערפון צו־געהויבן זיין בילדונג, וואָס באַלד דאָס ערשטע יאָר איז ער אַנט־לאָפן, האָט מען אים צוריקגעבראַכט, שרעקלעך אויסגעשמיסן און אַוועקגעזעצט צום בוך, פיר מאָל האָט ער זיין אַלף־בית אין דער ערד איינגעגראָבן, און נאָך פיר מאָל אים אוממענטשלעך צו־ממיתן, האָט מען אים אַ נייעם געקויפט. אָבער, אָן ספק, ער וואָלט דאָס איבערגעחזרט אויך אַ פינפט מאָל, ווען דער פאָטער וואָלט אים נישט געגעבן זיין פייערלאַכן צוזאָג, אַז ער וועט אים אָפּ־האַלטן גאַנצע צוואַנציק יאָר אין מאָנאַסטיר און ער האָט אַ שבועה געטון, אַז ער וועט זאַפּאָראָזשיע נישט זען, כל־זמן ער וועט זיך אין דער אַקאַדעמיע נישט אויסלערנען אַלע למודים. ס׳איז אַ חידוש, וואָס דאָס דאָזיקע האָט געזאָגט דער זעל־ביקער טאַראַס בולבאַ, וועלכער האָט פאַראַכט יעדע לערנונג און האָט די קינדער געעצהט, ווי מיר האָבן שוין געזען, אינגאַנצן זיך נישט צו פאַרנעמען דערמיט. פון דעמאָלס אָן, האָט אָסטאַפּ אָנגעהויבן מיט אַן אויסערגעווענלעכער התמדה צו זיצן פאַרן או־מעטיקן בוך און האָט זיך גיך געשטעלט אין דער ריי פון די בעסטע. דער דאַמאָלסדיקער אופן לערנען האָט זיך מוראדיק אונ־טערגעשיידט מיטן אָרט לעבן: די סכאָלאָהטישע, גראַמאַטישע, רע־טאָרישע און לאָגישע פעדים האָבן זיך, שליסלאַך צו דער צייט נישט צוגעפּאַסט, קיינמאָל זיך נישט געביטן און איבערגעחזרט אינם לעבן. די, וואָס האָבן זיך מיט זיי געלערנט, האָבן זיך באין־אופן נישט געקאָנט צו בינדן צו זייערע קענטנישן, הגם זיי

זענען געווען אַפילו ווייניקער סכאָלאַסטיש. די דאַמאָלסדיקע גע-
לערטע זענען געווען מער פון אַנדערע אומוויסנד, מחמת זיי זע-
נען אינגאַנצן געווען דערווייטערט פון דער פּראַקטיק. דערפאַר
האָט דער רעפּובליקאַנישער צוזאַמענשטעל פון דער סעמינאַריע,
דער מאוסער אָנגעלאָף פון יינגע, קרעפּטיקע און געזונטע מענטשן.
דאָס אַלצדינג האָט שטאַרק געדאַרפט משפיע זיין זייער טעטי-
קייט אויסער דער בילדונגס-אַרבעט.

אַמאָל דער שלעכטער אויפהאַלט, אַמאָל די אָפּטע הונגער-
שטראָפן, אַמאָל די פולע דרכים, וואָס וועקן זיך אינעם פרישן,
יינגן און שטאַרקן בחור, דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען, האָט אין
זיי געבוירן דעם אונטערנעמונגס-גייסט, וועלכער האָט זיך שפּע-
טער אַנטוויקלט אין זאַפּאָראָזשיע. די אויסגעהונגערטע סעמינאַריע
האָט געבראָדזשעט איבער די קיעווער גאַסן און אויסגעשטעלט
יעדן צו זיין פּאָרזיכטיק. די הענדלערקעס, וואָס זיצן אויפן באַ-
זאַר, האָבן שטענדיק זעענדיק נאָר אַן אַדורכגייענדיקן סעמינאַריסט
מיט זייערע הענט פּאַרדעקט די קיכלעך, שעפּסעלעך, קירבעס-
קערנער, גראָד ווי די אָדלער-מאַמעס זייערע קינדער. דער קאָנ-
סול, וואָס האָט דאָרט אַמטירט און האָט לויט זיינע התחייבותן
געדאַרפט אַכטונג-געבן אויף זיינע אים אונטערגעוואָרפענע מיט-
ברידער, האָט געהאַט אין זיינע הויזן אַזעלכע שרעקלעכע טאַשן
אַז ער האָט אין זיי געקאָנט אַריינפּאַקן דאָס גאַנצע געוועלב
פון דער בטל-ומבוטלער הענדלערקע.

די סעמינאַריסטן האָבן געבילדעט אינגאַנצן אַ באַזונדערע
וועלט: צום העכערן קרייז, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון פּויל-
שע און רוסישע יחוס-לייט, האָבן זיי זיך נישט דערנענטערט.

דער וואָיעוואָדע אַדאַם קיסעל אַליין, נישט קוקנדיק אויף
זיין באַשיינפּערלעכער התקרבות צו דער אַקאַדעמיע, האָט זיי

ניט אײַנגעפּירט אין דער געזעלשאַפט און האָט זײ געהײסן האַלטן שטרענגער.

איבעריגנס, די דאָזיקע תורה איז שוין געװען צופיל, מחמת דער רעקטאָר און די פּראָפעסאָרן־מאָנאַרכן האָבן נישט געקאַרגט קײן קלעפּ און שמיץ, און אָפט האָבן די לעקטאָרן, לױט זײער באַפעל, געשמיסן די קאָנסולן אַזױ אַכזריותדיק, אַז עטלעכע װאָכן האָבן זײ זיך געהאַלטן פאַר די הױזן. פאַר אַ סך פון זײ איז דאָסדאָזיקע געװען גאָרנישט און ס׳האָט זיך זײ אױסגעדאַכט, אַז דאָס איז נאָר אַ ביסל שטאַרקער פון גוטן בראָנפן מיט פעפער. אַנדערע װידער, האָבן שטאַרק דערעסן אַזעלכע אומאױפהערלעכע קאָמפּרעסן, זענען זײ אַנטלאָפן קײן זאַפּאָראָזשיע, אױב זײ האָבן נאָר געקאָנט געפינען אַ װעג און אױב זײ זענען אונטערװעגנס נישט געכאַפּט געװאָרן. אָסטאַפּ בולבאַ, נישט קוקנדיק דערױף, װאָס ער האָט אָנגעהױבן מיט גרױס התמדה צו לערנען חכמה און אַפילו טעאָלאָגיע, האָט באין־אופן נישט מורא־געהאַט פאַר דער אַכזריותדיקער ריט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלצײנג האָט געדאַרפט פאַרהאַרטעװען דעם כאַראַקטער און פאַרשאַפן אים די האָטנעקיקײט, מיט װעלכער ס׳צײכענען זיך שטענדיק אױס די קאָזאַקן. אָסטאַפּ האָט זיך שטענדיק פאַררעכנט אַלס אײנער פון די בעסטע חברים. אין זעלטענע פאַלן פלעגט ער אַנדערע צו־העלפן אין טונקעלע אונטערנעמונגען — באַרױבן אַ פרעמדן סאָד אָדער גאָרטן, נאָר דערפאַר איז ער תמיד געװען אײנער פון די ערשטע, װעלכע זענען געקומען אונטערן פאָן פונם אונטערנע־מונגס־פעיקן סעמינאַריסט, און טײלמאָל בכל־אופן נישט אױסגעגעבן זײנע חברים; קײן שום בײטשן און רוטן האָבן אים דערפון נישט געקאָנט אָפּהאַלטן. צו אַנדערע שפּיצלעך איז ער געװען שטרענג, סײדן צו מלחמה און װילדע הוליקעס; מינדעסטנס האָט ער כמעט

קיינמאָל וועגן קיין אַנדערן נישט געטראַכט, ער איז געווען גלייכגילטיק צוגלייך מיט אַלעמען. גוטע מדות האָט ער אין זיך געהאַט אין אַזאַ מאָס, אויף וויפיל זיי האָבן נאָר געקאָנט עקזיסטירן ביי אַזאַ כאַראַקטער און אין דער דאַמאָלסטיקער צייט, ער איז געווען גייסטיק געריירט פון די טרערן פון זיין אָרעמער מוטער, און דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט אים פאַראומערט און פאַרטראַכטערהייט אים געמאַכט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ.

דער ייגגערער ברודער זיינער, אַנדרי, האָט געהאַט אַביסל מער לעבעדיקערע געפילן און איז געווען מער אַנטוויקלט. ער האָט זיך געלערנט מיט מער חשק און אָנשטרענגונג, ווי עס קומט געווע:לעך אויס ביי אַ שווערן און שטאַרקן כאַראַקטער. ער איז געווען מער בעל־מוח פון זיין ברודער, האָט זיך געקאָנט אַוועקדרייען פון אַ באַפעל דאַן, ווען דער ברודער זיינער, אָסטאַפּ האָט באַפרייענדיק זיך פון יעדער זאָרג, פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס אויבער־בגד און זיך אַנידערגעלייגט אויפן דיל, נישט טראַכטנדיק אינגאַנצן וועגן רחמנות־בעטן. אויך ער האָט געברענט פון דורשט נאָך העלדנטאַטן, אָבער צוזאַמען דערמיט איז די נשמה זיינע געווען אויך עמפינדלעך צו אַנדערע געפילן, די באַדערפניש פון ליבע האָט אים אַלעבעדיקן שטופּ־געטון דאַן, ווען אים איז אַוועק דאָס אַכצנטע יאָר; די פרוי האָט זיך אים, וואָס אָפטער פאָרגעשטעלט אַלס דער ברענענדיקסטער טרוים, הערנדיק פילאָזאָפישע דיספוטן, האָט ער זי צייטנווייז געזען אַ פרישע, אַ שוואַרץ־אויגיקע און אַ צאַרטע. אָן איבעררייס האָבן פאַר אים געבליצט אירע פינקלענדיקע, רייפע ברוסטן, איר צאַרטע, שיינע און אַנטבלויזטע האַנט, איר בלויזער מאַנטל, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף אירע קינדערישע און איינצייטיק קרעפטיקע גלידער, דהאָט אין זיינע

טרוימען געשמעקט מיט עפעס א נישט-אויסדרוקלעכער זיסער תאוה.

מיט א מאָדנער קרענקלעכקייט האָט ער פאַר זיינע חברים אויסבאַהאַלטן די פיבערן פון זיין ליידנשאַפטלעך-בחורישער נשמה, ווייל פאַר יענע צייטן איז דעם קאָזאַק געווען א חרפה און אומ-ווירדיק צו טראַכטן וועגן א פרוי און וועגן ליבע, אויב ער איז נאָך נישט געווען אין דער מלחמה. אין אַלגעמיין, האָט ער זיך שוין אין די לעצטע יאָרן, וואָס זעלטענער באַוויזן אַלס אָנפירער פון א וועלכע ס׳איז באַנדע, נאָר ער האָט א יין געוואַנדלט ער-געץ וואו אין א פאַרלעגענעם ווינקל פון קיעוו, וואָס איז געווען פאַרטרונקען אין קאַרשן-סעדער, צווישן נידעריקע הייזלעך, וועלכע קוקן פאַרפירעריש צו דער גאַס. טיילמאָל האָט ער זיך פאַרקליבן אויך צו דער גאַס פון די אַריסטאָקראַטן, אין יענעם אַלטן קיעוו וואו ס׳האָבן געלעבט די מאַלאָרוסישע און פוילישע אַדעליגע און וואו די הייזער זענען געווען אויסגעפוצט מיט א געוויסער זאָרג-פולקייט.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך אַזוי פאַרגאַפט, איז אויף אים כמעט אַרויפגעפאָרן א קאָטש פון עפעס א פוילישן פאַן, און זיצנ-דיק אויף דער קעלניע, האָט אים דער שמייסער מיט די שרעק-לעכע וואָנצעס, א שטאַרקן שמיץ געטון מיט דער בייטש. דהאָט דער יינגער סעמינאַריער אויפגעזאָטן: מיט א באַוואוסטלאָזער דרייסט-קייט, האָט ער מיט זיין קרעפטיקער האַנט אָנגעכאַפּט אַן אונ-טערשט ראָד, אָפּשטעלנדיק אַזוי-ער נאָך די קאָטש. אָבער דער קוטשער, מורא-האָבנדיק פאַר א סילוק, האָט א טרייב געטון די פערד, האָבן זיי זיך נאָכגעלאָזט—און אַנדרי, וואָס האָט צו זיין גליק נאָך באַוויזן אַוועקצוכאַפּן די דהאַנט, האָט א זרוקה-אַנידער געטון אויף דער ערד, אויסשמירנדיק זיך דאָס פּנים אין בלאָטע

ערשט ווען ער האָט אונטער זיך דערהערט אַ קלינגנדיקן און האַרמאָנישן געלעכטער, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און ביי אַ פענסטער געזען שטיין אַזאַ יפפיה, וואָס איר גלייכן האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען: אַ שוואַרצאויגיקע און אַ ווייסע, ווי דער שניי, וואָס איז באַלויכטן מיט דער פרימאָרגנדיקער זונען־רויט־קייט. זי האָט געלאַכט פון גאַנצן האַרצן, און דאָס געלעכטער האָט צוגעגעבן אַ בליצנדיק חיות איר גאַנצער, בלענדנדיקער שיינ־קייט.

ער איז אויפגעציטערט געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף איר אינגאַנצן זיך פאַרלוירן, און האָט אַ צעשטרייטער זיך אָפּגעווישט אינם פּנים די בלאָטע, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָך מער איינ־געשמירט.

—ווער קאָן דאָס זיין, די דאָזיקע יפפיה? — האָט ער זיך געוואָלט דערוויסן פון די הויף־לייט, וועלכע זענען רייך־אָנגעטוע־נע אין אַ גרויסער מחנה, געשטאַנען פאַרן טויער און אַרומגע־רינגלט אַ שפּילנדיקן, ייִנגן באַנדוריסט.

די הויף־לייט האָבן אויפגעהויבן אַ געלעכטער, דערזעענדיק פאַר זיך אַזאַ פאַרשמירט פאַרזעעניש און האָבן אים נישט גע־ענטפערט. דערנאָך האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען די טאָכטער פונם צוגעפאָרענעם אויף אַ געוויסער צייט, קאָוונער וואָיעוואָדע.

און אין דער זעלביקער נאַכט האָט ער צוזאַמען מיט אַן עזותדיקן סעמינאַריסט זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן פּלויט אין סאָד אַריין, איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים, וועמענס צווייגן ס'האָבן דערגרייכט ביז צום סאַמע דאַך. פונם בוים איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און דורך דעם סאַמען קוימען זיך

אַרײַנגעקראָגן אינם שלאָפֿצימער פֿון דער יפֿפֿיה, װעלכע איז גראָד אין דער צײַט געזעסן בײַ אַ ליכט און פֿון די אויערן זיך אַראָפּגענומען די טײַערע אוירנגלעך.

די װאונדערשײנע פּוילין האָט זיך אַזוי דערשראָקן, דער־זעענדיק פֿאַר זיך אַזאַ אומדערוואַרט אַן אומבאַקאַנטן מענטש, אַז זי האָט קײן אײן וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן; נאָר בעת זי האָט געזען, אַז דער ייִנגערמאַן איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט פֿון בושה נישט געוואַגט מיט אַ האַנט אַ ריר צו־טון, ווען זי האָט אין אים דערקאַנט דעמזעלביקן. װעלכער האָט זיך פֿאַר אירע אויגן אויף דער גאַס אַזוי אויפֿגערעגט — האָט זי זיך פֿון דאָסניי פֿונאַנדערגעלאַכט.

דערבײַ איז אויף אַנדרי׳ס פּנים גאָרנישט געװען אַזעלכעס: ער איז גאַר רואיק געװען מיט זיך.

זי האָט געלאַכט פֿון גאַנצן האַרצן, און האָט זיך לאַנג פֿון אים געוויילט.

די שײנהײט איז געװען װילד װי אַ פּוילין, נאָר די װאונ־דערשײנע, העלע און קלוגע אויגן אירע, האָבן געוואָרפֿן אַ לאַנגן בליק װי אַ דערוואַקסענער. דער סעמינאַריסט האָט נישט געקאָנט מיט קײן האַנט באַװעגן און איז געװען געבונדן, װי אין אַ זאַק, בעת דעם וואָיעוואָדע׳ס טאָכטער איז צו אים דרייסט צוגעגאַנגען, אויפֿן קאָפּ אים אָנגעטון איר בלישטשנדיקע דיאַדעמע. אויף די ליפּן — אים אָנגעהאַנגען די אוירינגלעך און האָט אויף אים אַרויפֿגעצויגן איר דורכזיכטיק־מושלינענע שעמיזעטקע מיט די פֿעסטאָנען, בײַנײיטע מיט גאָלד. זי האָט אים אָנגעטון און געמאַכט מיט אים טויזנטער פֿאַרשידענע נאַרישקייטן, און אַלץ מיט אַזאַ קינדערישער פֿרײַקייט, מיט װעלכע ס׳צייכנען זיך אויס די לוס־טיקע פּוילינס. און װעלכעס האָט אַרײַנגעבראַכט דעם אָרימען סע־מינאַריסט אין אַ נאָך גרעסערן אומעט. ער האָט פֿאַרגעשטעלט אַ

לעכערלעכע פיגור, וואָס שטייט מיט אַן אָפן מויל און קוקט אַן אומבאַוועגלעכער אין אירע בלעדנדיקע אויגן אַריין.

אַ קלאַפּ, וואָס האָט זיך אין דער זעלבער צייט געהערט פון דער טיר, האָט זי איבערגעשראָקן. דעריבער האָט זי אים געהייסן באַהאַלטן אונטערן בעט, און בעת די שרעק איז אַריבער האָט זי גערופן איר שטובן־מיידל, אַ געפּאַנגענע טאָטערקע, און איר באַפוילן פאַרזיכטיקערהייט אים אַרויסצופירן אין גאָרטן און פון דאָרט אים משלח־זיין דורכן פּלויט אָבער דאָס מאָל איז אונזער בחור נישט אַזוי גליקלעך אַריבערגעקומען דעם פּלויט, דער דערוואַכטער שומר האָט אים גאַנץ לייטיש אָנגעכאַפּט פאַר די פּיס און די צונויפגעלאָפענע מענטשן האָבן אים אַזוי לאַנג געדורסט, ווילאַנג זיינע געשיקטע פיס האָבן אים נישט געראַטעוועט, נאָכדעם איז דאָס פאַרבייגיין נעבן דעם הויז געווען זייער סכּנהדיק, מחמת די הויפישע זענען ביים וואָיעוואָדע געווען אין זייער אַ גרויסער צאָל.

זי האָט ער נאָך אַמאָל געטראָפן אין קאַסטשאָף, זי האָט אים באַמערקט און זיך צו אים אַזוי אַנגענעם אויסגעשמייכלט, גראָד ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, און נאָך איינמאָל האָט ער זי געזען: דאָס איז געווען אין איין אויגנבליק. נאָכדעם איז דער קאָוונער וואָיעוואָדע אַוועקגעפאָרן און צוזאַמען מיט אים די וואונדערשיינע, שוואַרצאויגיקע פּאָלקע, און אָנשטאַט איר, האָט פון פענסטער אַרויסגעקוקט עפּעס אַ גראָב פּנים. אָט וועגן וואָס אַנדרי האָט געטראַכט אַראָפּהענגנדיק דעם קאָפּ און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער פערדישער גריווע.

דערווייל האָט דער סטעפּ זיי אַלעמען אַרומגענומען מיט זיינע גרינע אָרעמס, און דאָס גרינע גראָז, בייגנדיק זיך, האָט זיי פאַרדעקט און מ׳האָט פון צווישן די זאַנגען אַרויסגעזען נאָר

די קאָזאַקישע שוואַרצע היטלען.

— ע, ע, ע! וואָס זענט איר אַזוי שטיל געוואָרן, יינג-לעך — האָט בולבאַ אויפוואַכנדיק פון זיינע מחשבות, צום סוף אַ זאָג-געטון: עפּעס אַזוי ווי די נזירים שווייגט איר! נו, פּטרט אַלע טראַכטעניש צום טייוול! נעמט אין די מיילער די לול-קעס, לאָמיר רייכערן און די פערדלעך וועלן מיר אונטעריאָגן מיר וועלן פליען אַזוי, אַז קיין פויגל וועט אונז נישט דער-יאָגן!

און די קאָזאַקן צובייגנדיק זיך צו די פערד, זענען פאַר-טרונקען געוואָרן אינם גראָז. אַפילו די שוואַרצע היטלען האָט מען שוין נישט אַרויסגעזען, נאָר אַן איינזאַמער וואַסער-שטראָם האָט זיך געוויזן בעת זייער אימפּעטיקן לויף.

די זון האָט שוין לאַנג אַראָפּגעקוקט פונם געלייטערטן הימל און מיט איר מונטערן, וואַרעמען שיין אָפּגעגאָסן די מדבר. אַלץ וואָס ס'איז ביי די קאָזאַקן אויף דער נשמה גע-ווען אומעטיק און שלעפעריק, איז אין איין אויגנבליק אַראָפּ-געשווימען; זייערע הערצער זענען דערוואַכט געוואָרן ווי די פייגל.

דער סטעפּ איז וואָס ווייטער אַלץ שענער געוואָרן. דאַ-מאָלס איז דער גאַנצער דרום, אָט דער גאַנצער שטח, וועלכער בילדעט דאָס איצטיקע ניי-רוסלאַנד ביז צום שוואַרצן ים, גע-ווען אַ גרינע, יינג-פרוייליכע מדבר. קיינמאָל איז דורך אירע ענדלאָזע פאַליעס פון ווילדע צמחים קיין אַקער אייזן נישט אַדורכגעגאַנגען, די איינציקע האָבן זיך אין זיי אויסבאַהאַלטן. פערד, וועלכע האָבן זיי צעטראָטן. גאָרנישט האָט אין דער נאַטור געקאָנט זיין בעסער, די גאַנצע ערד-פלעכע האָט פאַר-

געשטעלט אַ גרינלעך-גאָלדענעם אָקעאַן, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשאָסן מיליאָנען פאַרשידענע בלומען. צווישן דינע, הויכע גרעזער, האָבן אַרויסגעקוקט הימל פאַרביקע, בלאָע און ליליע-צויבער-קעפלעך, אַ געלער דראָק*) איז אַרויפגעשפּרונגען מיט זיין גאַנצער פּיראַמידן-גרויסער קרוין אין דער הייך, ווייסע שירעם-אַרטיקע גרייפּל-קעפּלעך האָט פון אויבן אויף אויסגעשאָסן, אַ הויכע ווייץ-זאַנג האָט, איין גאָט ווייס פון וואו, זיך אַרויפגעדראַפּעט פון דער געדיכטעניש. אונטער זייערע אַלעמענס דינע וואורצלען האָבן זיך געוויגט קוראָפּאַטוועס, אויסציענדיק זייערע העלזער. די לופט איז געווען אָנגעפולט מיט טויזנט פאַרשידנאַרטיקע פויגלשע פייפערייען. אויפן הימל זענען אומבאַוועגלעכע געשטאַנען יאַסטשעמבעס, וועלכע ד'האָבן צעשפּרייט זייערע פליגלען און אויך אומבאַוועגלעך אָנגעשטעלט זייערע אויגן צום גראָז. אַ געשריי פון ווילדע גענז, וואָס ציען צו דער זייט פון די וואָלקנס, האָט אָפּגעשלאָגן, גאָט ווייסט, אין וועלכן ווייטן טייך. פון די גראָזן האָט זיך מיט מעסיקן געפלאַטער אַ מעווע אויפגעהויבן און זיך אַ פריידיקע געבאָדן אין די בלאָע וואָלקנס לופט. אָט איז זי אין דער הייך פאַרשוואונדן געוואָרן און בלינצלט אַראָפּ, ווי אַ שוואַרץ פּינטעלע, און אָט האָט זי זיך גאָר איבערגעקערט מיט די פליגלען און האָט אַ בליץ-געטון אַ קעגן דער זון... זאָל אייך דער טייוול נעמען, איר סטעפּעס, ווי גוט איר זענט!...

אונזערע רייזענדע האָבן זיך נאָר אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט כדי צומיטאָגן, דערביי זענען אונטער זיי געפאָרן

---

*) דראַק — אַ מין בוים וואָס וואַקסט אין די דרום-סטעפּעס.
דער איבערזעצער.

בײ אַ צען קאָזאַקן, װעלכע זענען אַראָפּגעקראָכן פֿון די פֿערד, האָבן אָפּגעבונדן די הילצערנע פּעסעלעך מיט קאָרענעם בראַנד, װײַן און די קירבעס, װעלכע זײ האָבן באַנוצט אַנשטאָט געפֿעס. געגעסן האָבן זײ בלױז ברױט מיט חלב, אָדער טרוקענע װײַצענע קיכלעך, פֿאַרטרונקען נאָר מיט אײן שטאָף, כּדי זיך צו מאַכן קוראַזש, מחמת טאַראַס בולבאַ האָט קײנמאָל אונטערװעגנס נישט דערלױבט זיך אָנצוטרונקען — און זײ האָבן די נסיעה פֿאָרטגעזעצט ביזן אָװנט. אין אָװנט האָט זיך דער סטעפּ אינגאַנצן געביטן: דער גאַנצער בונטער שטח איז אַרומגעכאַפּט געװאָרן מיטן לעצטן, העלן זונען־גלאַנץ און איז בהדרגה געװאָרן טונקל אַזױ, אַז מ׳האָט געזען, װי אַ שאָטן איז איבער אים פֿאַרבײַגעלאָפֿן און איז געװאָרן טונקל־גרין, דער טױ איז געװאָרן געדיכטער, איטלעכס בלימל, איטלעכס גרעזל האָט זײַן קעפּל אַראָפּגעלאָזט און דער גאַנצער סטעפּ האָט געאָטעמט מיט ריח־נחוח. איבערן טיף־בלאָלעכן הימל איז װי מיט אַ ריזיקער באַרשט געװען צעשמירט ברײטע שטרײַפֿן פֿון ראָזעװען גאָלד, װאו נישט װאו האָבן זיך װי פֿלאָקנס געװײַסלט לײַכטע און דורכזיכטיקע װאָלקנדלעך, און דער סאַמע פֿרישער, פֿאַרפֿירערישער, װי די ים־פֿאַליעס, װינטל, האָט קױם געשפּילט איבער די שפּיצן גרעזער און קױם־קױם געגלעט איבער די באַקן. די גאַנצע מוזיק, װאָס שפּילט בײַטאָג, איז אײַנגעשטילט געװאָרן און האָט זיך פֿאַרביטן אױף אַ צװײטער, די פֿאַרשידנפֿאַרביקע סטעפּ־מײַז זענען אַרױסגעקראָכן פֿון זײערע נאָרעס, ד האָבן זיך געשטעלט אױף די אונטערשטע פֿיסלעך און האָבן פֿאַרטײַבט דעם סטעפּ מיט אַ פֿײַפֿערײַ. דאָס גרילצן פֿון די הײַשעריקן איז געװאָרן דײַטלעכער. טײלמאָל האָט זיך פֿון ערגעץ אַ פֿאַרלעגענער אָזערע געהערט דאָס געשרײ פֿון אַ שװאַן, װעלכער האָט, װי זילבער אָפּגעקלונגען אין דער לופֿט. די רײַזנדע, אָפּ-

שטעלנדיק זיך אין מיטן פעלד, האָבן געגרייט אַ נאַכטלעגער, צעלייגט אַ פייער און דערויף אַרויפגעשטעלט אַ קעסטל, אין וועלכן זיי האָבן קליסקעס געקאָכט — און אַ פּאַרע האָט געשלאָגן און באַלכסון זיך צערייכערט אין דער לופט. אָפּגעגעסן קאָלאַציע, האָבן די קאָזאַקן זיך געלייגט שלאָפן, און די פערד זייערע האָבן זיי, געפּענטעטע, געלאָזט אויפן גראָז. זיי האָבן זיך צעלייגט אויף די לייברעקלעך, און אויף זיי ד־האָבן גלייך געקוקט די נאַכטשטערן. מיט די אויערן האָבן זיי געהערט די גאַנצע אומצייליקע וועלט פון אינזעקטן, וואָס פילן אָן דאָס גראָז:

זייער אַרומיק קלאַפּן, פּיפּעריי און שאָרכן—דאָס אַלצדינג האָט קלינגנדיק אָפּגעשלאָגן אין דער נאַכט, זיך געלייטערט אויף דער פרישער לופט און איינגעוויקלט דאָס דרעמלענדיקע געהער. און אויב ס'האָט זיך אימיצער פון זיי אויפגעהויבן אין דער זייט, האָט אים דער סטעפּ אויסגעוויזן צו זיין פאַרזייעט מיט בלישטשנדיקע פונקען פון לייכטנדיקע שלאַנגען. טיילמאָל האָט זיך דער נאַכטיקער הימל אין פאַרשידענע ערטער צעלויכטן פון אַ ווייטער אָפּשיין פון אַ אין ערגעץ אויף לאָנקעס און טייכן אָנגעצונדענעם דאָרן, און אַ טונקעלער צוג פון שוואַנען, וואָס פליען אויף צפון, האָט זיך פלוצלונג באַלויכטן מיט אַ זילבער־ראָזעווען ליכט. דאַמאָלס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'זענען רויטע פליטערלעך איבערן טונקעלן הימל געפלויגן.

די נוסעים זענען געפאָרן אָן יעדער הפסקה. אַמאָל האָט זיך זיי געמאַכט אַריבערצוקומען ביימער: אַלץ דאָס זעלביקע ענדלאָזע, פרייע און וואונדערשיינע מדבר. פון צייט צו צייט האָבן זיך אין דער זייט געבלאָעט די שפּיצן פון אַ ווייטן וואַלד, וואָס ליגט ביי די ברעגעס פון דניעפּר. און איינמאָל נאָר, האָט טאַראַס זיינע זין אָנגעוויזן אויף אַ קליינינקן פּינטעלע, וואָס שוואַרצט

זיך אין ווייטן גראָז. און האָט צו זיי געזאָגט:

—קוקטס, קינדער, אָט שפּרינגט אַ טאַטער!

דאָס קליינינקע קעפּל מיט די וואָנסעלעך האָט פון דער ווייטנס אויף זיי אָנגעשטעלט זיינע שמאָלינקע אייגעלעך, האָט אַ שמעק געטון אין דער לופט, ווי אַ יעגער-הונט און ווי אַ סאַרנע ערגעץ פאַרשוואונדן, זעענדיק, אַז קאָזאַקן זענען געווען אַ מאַן דרייסיק.

—אַ נו, קינדער, פּרוואווט נאָר אָנצויאָגן דעם טאַטער! און וועט איר נישט פּרוואון—וועט איר שוין אייביק אים נישט פּאַקן וואָרום דאָס פערד איז ביי אים געשווינדער פון מיין טייוול.

פון דעסטוועגן האָט בולבאַ אָנגענומען פאָרזיכטיקייטס-מיט-לען, מורא-האָבנדיק פאַר אַ באַהאַלטנדיקער פאַרפאָלגונג זיי זענען צוגעשפּרונגען צו אַ נישט-גרויס טייכל וואָס רופט זיך טאַטאַרקע און פאַלט אַריין אין דניעפּר, האָבן זיך דערצו אַראָפּגעלאָזט און כדי צופאַרווישן זייערע שפּורן, האָבן זיי, צוזאַמען מיט די פערד זייערע, דערין לאַנג געשווימען, און ווען זיי האָבן זיך אַרויסגע-קליבן אויפן ברעג, האָבן זיי ווייטער פאָרטגעזעצט דעם וועג.

דריי טעג נאָך דעם, זענען זיי שוין געווען נישט ווייט פונם אָרט, וועלכעס איז געווען דער תכלית פון זייער נסיעה. אין אַויר איז פּלוצלונג געוואָרן קאַלט: זיי האָבן דערפילט דעם דניעפּרס נאָנטקייט. אָט שפּיגלט ער זיך אין דער ווייטנס, און האָט זיך מיט אַ טונקעלן שטרייף אָפּגעטיילט פונם הימל-ראַנד. ער האָט געווייעט מיט קאַלטע כוואַליעס און האָט זיך פונאַנדער געשפּרייט, געקומען אַלץ נענטער, נענטער, און צום סוף אַרומ-גענומען אַ העלפט פונם גאַנצן כדור-הארץ. דאָס איז געווען דאָס אָרט פונם דניעפּר, ביז וואו ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון שוועלן

און האָט דאָ ענדלעך, גענומען דאָס זייניקע און האָט גערוישט ווי דער ים, צעגיסנדיק זיך פריי דאָרט, וואו די געוואָרפענע אין דער מיט אַריין אינזעלעך, האָבן אים נאָך מער אַרויסגעשטויס־ פון די ברעגעס, און זיינע כוואַליעס האָבן זיך ברייט פונאַנדער־ געשפּרייט איבער דער ערד, נישט טרעפנדיק שוין נישט קיין פעלדזן, און נישט קיין הויבונגען. די קאָזאַקן זענען אַראָפּ פון זייערע פערד, זענען אַרויף אויפן פּאַראָם און דורך דריי שעה שווימען, זענען זיי שוין געווען ביי די ברעגעס פון אינזל כאָר־ טיצע, וואו עס האָט זיך דאַמאָלס געפונען די ס ע ט ש, וועלכע האָט אַזוי אָפט געביטן איר זיץ אָרט.

אַ גרויסער עולם האָט זיך אויפן ברעג געקריגט מיט די איבערפירער. די קאָזאַקן האָבן צוגעזען די פערד, טאַראַס האָט אָנגעגורט די לענדן, האָט אויף זיך פעסטער דעם פּאַס צוגעצויגן און שטייף אַ פיר אַריבער געגעבן די האַנט איבער די וואָנסעס. זיינע יינגע זין האָבן זיך אויך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, מיט וואָסערער שרעק און אויסערגעוויינלעכער צופרידנקייט זיי זענען אַלע צוזאַמען אַריינגעפאָרן אין דער פאָרשטאָט, וואָס גע־ פינט זיך ביי אַ האַלבן וויאָרסט פון סעטש. ביים אַריינפאָר האָט זיי פּאַרטייבט פופציק שמידער־האַמערס, וועלכע דהאָבן געקלאַפּט און פינף־און־צוואַנציק שמידערייען, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט גרוזע און אויסגעגראָבענער ערד. קרעפּטיקע גאַרבערס זענען אויף דער גאַס געזעסן אונטערן אָפּדאַך קרעפּטיקע פון גאַנקעס, און האָבן מיט זייערע שטאַרקע חענט גערעקט אָקסענע לעדער; קרעמער זענען אין זייערע ביידלעך געזעסן פאַר הויפנס קיזל־ שטיינער, ריגגען און פולווער; אַן אַרמענער האָט צעהאָנגען טייַ־ ערע טיכלעך; אַ טאָטער האָט אויף שעפּסענע הערנדלעך אויסגע־ רופן זיינע טייגענע אייזנבאַנען, אַ ייד, אויסציענדיק דעם קאָפּ

פּאָרויס, האָט געצאַפּט קאָרענעם בראַנדוויין פון אַ פעסל אַרויס.

דעם ערשטן, וואָס זיי האָבן געטראָפן אויפן וועג, איז געװען אַ זאַפּאָראָזשיער, וואָס איז געשלאָפן אין דעם סאַמער מיט פון וועג, אויסשפּרייטנדיק די הענט און די פיס, טאַראַס בולבאַ האָט אים נישט געלאָזט פאַרבייגיין, אַז ער זאָל אים נישט באַטראַכטן.

—עך, ווי וויכטיק ער האָט זיך דאָ צעלייגט! פוי, דו, וואָסערע פּראַכטפולע פיגור!—האָט ער אויסגערעדט אָפּשטעלנדיק דאָס פערד.

און אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ געַנוג קאָמיש בילד אַ זאַפּאָראָזשיער, גרויס, ווי אַ לייב, האָט זיך אויסגעצויגן אויפן וועג, זיין שטייף-צעוואָרפענער קענדזשער האָט פאַרנומען ביי אַ האַלבן אַרשין ערד, די הויזן, וועלכע זענען געווען געמאַכט פון טייערן, רויטן שטאָף זענען געווען פאַרשמירט מיט דזשעגעכץ, כדי צו ווייזן די פולע פאַראַכטונג צו זיי, אָנקוקנדיק דערפון האָט זיך בולבאַ פאַרנומען אויף ווייטער, אין דער ענגער גאַס אַריין, וועלכע איז געווען באַזעצט מיט מייסטערס, וואָס זענען דאָ אויפן גאַס געווען פאַרנומען ביי זייער מלאכה און מיט מענטשן פון אַלע נאַציעס, וועלכע פולן אָן די גאַנצע ס ע ט ש ע ר פאָרשטאָט, וועלכע איז געווען ענדלעך צו אַ יאַרמאַרק און האָט געקליידט און געשפּייזט דאָס גאַנצע סעטש, וועלכע קאָן נאָר הוליען און שיסן פון די ביקסן.

ענדלעך זענען זיי אַדורכגעקומען די פאָרשטאָט און האָבן דערזען עטלעכע צעוואָרפענע שטרוי-געצעלטן באַדעקט מיט גרוזע אָדער, לויטן טאָטערישן שטייגער, מיט וואוילעק. אַנדערע זענען געווען אויסגעבויעט, ווי פושקעס. אין ערגעץ האָט זיך נישט גע-

זען קיין פלויט. אָדער כאָטש די דאָזיקע נידעריקע הייזעלעך מיט די אָפּדאַכן, וואָס זענען געווען אונטערגעשפּאַרט מיט נידעריקע הילצערנע העלצער, וואָס אין דער פאָרשטאָט, אַ נישט־גרויסע מויער און אַ הילצערן פּלויטל, וועלכע האָבן לגמרי מיט גאָרנישט באַשיצט, האָבן איבערצייגט אין דער שרעקלעכער זאָרגלאָזיקייט. עטלעכע קרעפּטיקע זאַפּאָראָזשיער, ליגנדיקע מיט די לולקעס אין מויל אין דער סאַמע מיט וועג, האָבן אויף זיי געקוקט מיט אַ געניגנדער גלייכגילטיקייט, נישט־רירנדיק זיך פון אָרט. טאַראַס איז פאָרזיכטיק זיי פאַרבייגעריטן און האָט מיט די זין צו זיי געזאָגט:

— זייט באַגרוסט, איר פּאַנעס!

— זייט באַגרוסט אויך איר! — האָבן די זאַפּאָראָזשיער אָפּגעענטפערט.

אומעטום, איבערן גאַנצן פעלד, איז קאָקעסווייז געווען צעלייגט אַ פאַרשידנפאַרביקער עולם. לויט זייערע ברוינע פּנימער איז געווען קענטיק, אַז אַלע זענען זיי געווען פאַרוואונדעט אין די מלחמות, וואָס האָבן פאַרשאַפט כל־ערליי פּורעניות. אָט אַזאַ איז זי די סעטש! דאָס איז די נעסט, פון וואו ס׳פליען אַרויס אַלע שטאָלצע און שטאַרקע, ווי די לייבן! אָט פון וואו עס צעגיסט זיך די פרייהייט און דאָס קאָזאַקנטום פאַר גאַנץ אוקראַינע!

די וואַנדערער זענען אַרויסגעפאָרן אויף אַ ברייטן וואו ס׳האָט זיך תמיד צונויפגעקליבן דער ראַט. אויף אַ גרויסן אומגעוואָרפענעם פאַס איז אַ זאַפּאָראָזשיער געזעסן אָן אַ העמד, דאָס העמד האָט ער געהאַלטן אין די הענט און פאַמעלעך פאַרנייט די לעכער. זיי איזווידער פאַרלאָפן דעם וועג אַ גאַנצער המון

כלי־זמרים, צוויטן וועלכע ס׳האָט פון דער מיט אַרויסגעטאַנצט אַ ייִנגער זאַפּאָראָזשעץ, וואָס האָט פאַרבראָכן דעם קאָפּ אויף אַרונטער און שנעל באַוואויגן מיט די הענט, ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

—לעבעדיקער שפּילט, מוזיקאַנטן! קאַרג נישט פּאָמע, קיין בראַנד־וויין פאַר די פּראַוואָסלאַוונע קריסטן!

און פּאָמע, האָט מיט אַן אונטערגעשלאָגענעם אויג אַן אַ שיעור געהאַלטן אין איין אָנגיסן צו גרעסערע מעסטלעך. אַרום דעם ייִנגן זאַפּאָראָזשעץ האָבן פיר קליין־פּיסיקע־זקנים געמאַכט די רגלים האָבן זיך געבויגן ווי אַ שטורעמווינט, אָן אַ זייט, כמעט אויף די מוזיקער אַרויף, און אינדעם האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, זיך אָפּ־געשטעלט, זיך אָפּגעטראָגן אויף צוריק און מיט זייערן זילבערנע פּאָדקאָוועס שטייף און שטאַרק אָנגעשלאָגן אָן דער פּייכטער, צע־טרעטענער ערד. די ערד האָט הילכיק געקלינגען און אין דער לופט האָבן ווייט אָפּגעשלאָגן די שלעג און דאָס געקלינג פון די קלינגנדיקע שטיוול־פּאָדקאָוועס.

איינער פון זיי אַלעמען האָט לעבעדיקער געשריען און איז געלאָפן הינטער די אַנדערע אין טאַנץ. זײַן טשופּרינע האָט זיך צופלאָשעט אונטערן ווינט און די גאַנצע געזונטע ברוסט זײַנע איז געווען אָפּגעדעקט; דער וואַרימער, ווינטערדיקער פּעלץ איז אויף אים געלעגן, און דער שוויס, ווי אַ האָגל, האָט זיך פון אים געגאָסן עמערווײַז.

—נעם כאָטש אַראָפּ פון זיך דעם פּעלץ! — האָט טאַראַס ענדלעך אַרויסגערעדט—דו זעסט, ווי די פּאַרע שלאָגט?

—מ׳דאַרף נישט—האָט געשריען דער זאַפּאָראָזשיער.

—פּאַרוואָס?

—מ׳טאָר נישט. ביי מיר איז שוין אַזאַ מנהג: וואָס איך וואַרף אַראָפּ פון זיך, דאָס פאַרטרונק איך.

און קיין היטל איז שוין לאַנג נישט געווען אויפן יינג, נישט קיין פאַס אויפן קאַפּטאַן און נישט קיין געהאָפּטן טיכל: אַלץ איז געגאַנגען אַהין, ווי ער דאַרף.

דער המון איז געוואַקסן; צו די טאַנצנדיקע זענען אַנדערע צוגעשטאַנען, און ס׳איז אומעגלעך געווען צוזען, ווי אַלע זענען זיי געגאַנגען אין אַ טאַנץ אַ פרייען, אַ ווילדן, וועלכן מ׳האָט ווען־עס־איז אַמאָל אויף דער וועלט געזען, און וועלכער עס ווערט גערופן לויט זיינע קרעפטיקע שעפער — דער קאָזאַק.

—עך, ווען נישט דאָס פערד!—האָט טאַראַס אויסגעשריען— וואָלט איך זיך אַליין אָוועקגעלאָזט אין טאַנץ.

דערווייל האָבן זיך צווישן המון באַוויזן די סאַמע געאַכ־פערטע, לויט זייער פאַרדינסטן פאַר ס ע ט ש, גראָע, אַלטע קעפּ, וועלכע זענען שוין מער ווי איינמאָל געווען געזאַלבט פאַר סטאַר־שינעס. טאַראַס האָט גיך צווישן זיי באַגעגנט פיל באַקאַנטע פנימער; אַסטאַפּ און אַנדרי האָבן נאָר געהערט דאָס בלויזע מקבל־פנים־זיין.

—אָ, דאָס ביסטו, פעטשעריצאַ! גוט־מאָרגן, קאָזאָליפּ!

—פון וואו ברענגט דיך גאָט אַהערצו, טאַראַס?

—ווי אַזוי ביסטו דאָס דו אַהער געקומען, דאָלאָטאָ? אַ גע־זונט אויף דיר, גוסטי! האָב איך זיך געריכט דיר צוזען, רעמען?

און די העלדן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעקליבן פון דער גאַרער צעהוליעטער וועלט פון מזרח־רוסלאַנד, האָבן זיך קעגנזיי־טיק צעקושט און דאָ האָבן זיך גענומען שיטן פראַגן:

—און וואָס איז מיט קאַסיאַן? וואָס באָראָדאַווקאָ? וואָס קאָ־לאָפּער און וואָס פידסיטשאָק?

און אין דער תשובה האָט טאַראַס בולבאַ נאָר געהערט, אַז באַראַדאַווקען האָט מען אויפגעהאָנגען אין טאָלאָפּאַן, אַז פון קאָלאָפּערן, האָט מען אונטער קיזיקירמענע די הויט אַראָפּגעשינדן, אַז פּידסיטשאָקס קאָפּ איז געוואָרן איינגעזאַלצן אין אַ פאַס און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין סאַמע צאַרגראַד.

האָט דער אַלטער בולבאַ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט אַ פאַרמחשבהטער אַרויסגערעדט:

זענען דאָס גוטע קאָזאַקן געווען!

III

שוין קרוב אַ וואָך צייט, ווי טאַראַס בולבאַ האָט צוזאַמען מיט זיינע זין געלעבט אויף ס ע ט ש. אָסטאַפּ און אַנדריי זענען וויניק געווען באַשעפטיקט מיט דער קריגס־שולע. סעטש ד׳האָט זיך נישט ליב־געהאַט צופאַרנעמען מיט איבונגען און אומזיסט אָנווערן די צייט; דאָס יונגוואַרג האָט זיך געבילדעט און פּראַקטיצירט מיט איין זאַך—אין סאַמען רויש פון מלחמות, וואָס זענען פאַר דאָס פאַרגעקומען כמעט אָן איבעררייס.

די קאָזאַקן האָבן געהאַלטן פאַר לאַנגווייליג צווישן דער צייט זיך צופאַרנעמען מיט אַ וועלכן ס׳זאָל נישט זיין לימוד פון דיסציפּלין, אויסער אפשר דאָס שיסן אין ציל און זעלטן — דאָס שפּרינגען אויף פערד און די יאַגדן נאָך חיות אין סטעפּ אָדער לאָנקע; די גאַנצע, איבריקע צייט איז געווען ביים שלינג־שלאַנג־עולם, אַ צייכן פון ברייטער, צעפלאָשעטער, גייסטיקער פרייקייט.

דאָס גאַנצע ס ע ט ש האָט פאָרגעשטעלט אַ פולשטענדיקע געוועגלעכע דערשיינונג: דאָס איז געווען אַן אומענדלעכע הוליי־

קע, אַבּאַל, וואָס הייבּט זיך אָן מיט רעש און פאַרלירט זיין
סוף. טייל האָבּן זיך פאַרנומען מיט מלאכה, אַנדערע דהאָבּן גע=
האַלטן געוועלבּער און האָבּן געהאַנדלט, אָבּער די גרעסטע טייל
האָט געהוליעט פון פרימאָרגן ביז צו אָוונט, אויב אין דער טאַש
האָט נאָך געקלונגען די מעגלעכקייט און דאָס אָנגעקליבּענער גוטס
איז נאָך נישט איבּערגעגאַנגען אין די הענט פון די הענדלערס
און שענקערס. דאָס אַלגעמיינע בּאַלעווען האָט אין זיך געהאַט
עפּעס=וואָס צויבּערפולס. דאָס איז נישט געווען קיין הייפל פון
שכורים, וועלכע טרונקען זיך אָן מחמת ביטערניש. דאָס איז
נאָר געווען אַ משוגענע צעוויעניש פון פרייד. יעדער אַריינקומענ=
דיקער אַהער האָט פאַרגעסן און אַוועקגעוואָרפן אַלץ, וואָס האָט
אים ביז אַהער בּאַשעפטיקט. מ׳קאָן זאָגן, אַז ער האָט געשפּיגן
אויף אַלצדינג, וואָס איז נאָר געווען און האָט זיך זאָרגלאָז אי=
בּערגעגעבּן דעם רצון און דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע ווי ער
אַליין איז—הולטאַיעס—וועלכע האָבּן נישט קיין קרובים, נישט קיין
ווינקל און נישט קיין פאַמיליע, אויסער אַ פרייען הימל און אַן
אייבּיקן בּאַל פאַר דער נשמה זייַנער. דאָס אַהערצו געבּראַכט די
דאָזיקע משוגענע פרייד, וועלכע וואָלט פון קיין אַנדערן קוואַל
נישט געקאָנט געבּוירן ווערן. די דערציילונגען און דאָס אַרומ=
בּראָיען פונם זיך צונויפגעקלייבּנדיקן עולם, וועלכער אָטעמט אַזוי
פייל אויף דער ערד, זענען אָפּטמאָל געווען אַזוי לעבּעדיק און
דהאָבּן מיט אַזאַ געזונטקייט אַרויסגעאָטעמט פון דער דערציי=
לונג, אַז מ׳האָט געדאַרפט האָבּן דאָס גאַנצע קאַלטבּלוטיקע אויס=
זען פון אַ זאַפּאָראָזשעץ, כדי אָפּצוהיטן דעם פאַרשטאַרטן אויס=
דרוק פונם פּנים, נישט בּאַוועגנדיק אַפילו מיט אַ וואָנסע — דער
שאַרפער שטריך, מיט וועלכן זי צייכנט זיך ביז איצט אויס
לגבּי זייַנע אַנדערע בּרידער, דער דרומדיקער רוסלענדער. די
פריילעכקייט איז געווען אַ פאַרשיכורטע, אַ רוישיקע נאָר ביי דעם

אַלעם איז דאָס נישט געווען דער שוואַרצער קאַבאַק, בייוועלכנס טונקל פאַרדאָרבנדיקער פרייַלעכקייט דער מענטש פאַרגעסט זיך; דאָס איז געווען אַן ענגער קרייז פון שול־חברים. די נפקה־מינה איז נאָר געווען אין דעם, וואָס, אָנשטאַט צו זיצן אונטער דער ריט און די שטרענגע אָנווייזונגען פונם לערער, האָבן זיי אָדורכגעמאַכט אַ לויף אויף פינף טויזנט פערד; אָנשטאַט דער לאָנקע, וואו מ׳שפּילט אין פּילקע, איז ביי זיי געווען פרייע, זאָרגלאָזע גרענעצן, ביי וועלכע דער טאָטער האָט אַרויסגערוקט זיין שאַרפן קאָפּ און ס׳האָט אומבאַוועגלעך און שטרענג געקוקט דער טערק אין זיין גרינעם טורבאַן, דער דאָזיקער אונטערשיד, וואָס אָנשטאַט דער אָנגעשטרענגטער השגחה, וועלכער האַלט זיי אָן אין דער שולע, האָבן זיי אַליין אַוועקגעוואָרפן די טאַטע מאַמעס און זענען אַנטלאָפן פון די עלטערנס הייזער, וואָס דאָ זענען געווען די, ביי וועלכע ס׳האָט זיך אַרום האַלז געפלאָנטערט אַ שטריקל און וועלכע האָבן, אָנשטאַט דעם בלייכן טויט, דערזען דאָס לעבן און דאָס לעבן אין זיין גאַנצן געווירבל, וואָס דאָ זענען געווען די, וועלכע האָבן, לויטן וואוילגעבוירענעם מנהג זייערן, ביי זיך אין קעשענע קיין קאָפּיקע נישט געקאָנט דערהאַלטן; וואָס דאָ זענען געווען די, ביי וועמען אַ טשערוואָניעץ איז עד־היום געווען אַן עשירות, ביי וועמען מ׳האָט לויטן רצון פון די אַרענדאַטאָרן־יידן, די קעשענעס געקאָנט אויסשאָקלען אָן אַ יעדער סכנה, אַז ס׳זאָל פון דאָרט גאָרנישט אַרויספאַלן. דאָ זענען געווען אַלע סעמינאַריער, וועלכע האָבן נישט געליטן די אַקאַדעמישע ריט און האָבן פון דער שול קיין איין אות נישט מיטגענומען, אָבער אָנשטאַט דעם איז מיט זיי געווען די, וועלכע האָבן געוואוסט, וואָס ס׳איז אַזוינס גאָראַצי, ציצעראָן און די רוימישע רעפּובליק.

דאָ זענען געווען אַ סך פון די אָפיצירן, וואָס האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט אין די קעניגלעכע מיליטערן, דאָס זענען

אַ רוב זיך בילדנדיקע, דערפאַרענע פּאַרטיזאַנען, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינגעבוירענעם יעגער טאַלענט און האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז אַלצאיינס וואו מ'זאָל נישט קעמפן, אַבי קעמפן, וואַרום ס'איז נישט שיין פּאַר אַ וואוילגעבוירענעם מענטשן צו זיין אַן מלחמה. ס'זענען אויך דאָ געווען אַ סך פון די, וועלכע זענען שוין געווען אין סעטש און זענען שוין פּאַרוואונדעטע ריטער.

און ווער איז דאָס, ני שטגעווען? די דאָזיקע משונהדיקע רעפּובליק איז, שליסלעך, געווען אַ נויטווענדיקייט פון יענער צייט.

יעגער נאָך אַ קריגערישן לעבן, נאָך גאָלדענע גלעזלעך, רייכע געוועבן, דוקאַטן און רעאַלן, האָבן צו יעדער צייט דאָ געקאָנט געפונען אַרבעט.

איינע נאָר, די פאַרגעטערער פון פרויען, האָבן דאָ גאָר נישט געקאָנט געפינען וואָרום אַפילו אין דער סאַמער פאַרשטאָט פון סעטש האָט זיך קיין איין פרוי נישט געוואָגט צובאַווייזן.

אָסטאַפּן און אַנדריין האָט אויסגעזען אויסערגעוויינלעך משונהדיק און פרעמד, וואָס פאַר זייער צייט איז אין סעטש אָנגעקומען אַן אַ שיעור פאָלק, און ס'זאָל כאָטש אימיצער אַ פרעג טון: פון וואו קומען זיי, אָט די מענטשן, ווער זענען זיי און ווי רופט מען זיי? זיי זענען אָנגעקומען אַהער, גראָד אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אומגעקערט צו זייער אייגענער היים, פון וועלכע זיי זענען ערשט פאַר אַ שעה צוריק אוועק. דער אָנגעקומענער האָט זיך געמעלדן צום אַטאַמאַן וועלכער האָט געוויינלעך געזאָגט:

—זיי באַגריסט! וואָס אין קריסטוסן גלייבסטו?

—כ׳גלייב!—ענטפערט דער געקומענער.

—און אינם הייליקן דרייאייניקייט האָסטו אמונה?—

—יאָ, כ׳האָב אמונה

—און אין קירך אַריין גייסטו?

—כ׳גיי!

—אַ נו, צלם זיך!

האָט זיך דער געקומענער געצלמט.

— נו, טאָ איז גוט! — האָט דער גייסטלעכער געענט־פערט — גיי־זשע אַצינד אין וועלכן געצעלט אַריין דו ווייסט אַליין.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט די גאַנצע צערעמאָניע.

און גאַנץ סעטש האָט מתפלל געווען אין איין קלויסטער און איז גרייט געווען אים צו פאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, הגם זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט הערן וועגן פאַסטן און תשובה טון.

די איינציקע האָבן די נאָך געלט־ריוחים זיך יאָגנדיקע יידן, אַרמענער און טאָטערן געהאַט די דרייסטקייט צו לעבן און האַנד־לען אין דער פאָרשטאָט, וואָרום די זאַפּאָראָזשיער האָבן קיינמאָל זיך נישט ליב געהאַט צוהאַנדלען, און וויפיל געלט די האַנט האָט פון דער קעשענע אַרייסגענומען, אַזויפיל האָבן זיי באַצאָלט. איב־ריגנס, איז דאָס מזל פון די דאָזיקע געלט גייציקע הענדלערס געווען זייער אַ טרויעריקס: זיי זענען געווען געגליכן צו די וואָס האָבן געוואוינט צופוסנס פון וועזוויע, ווייל אַזוי ווי ס׳האָט ביי די זאַפּעראָזשיער דאָס געלט זיך אויסגעלאָזט, האָבן זיי, די דריי־

סטע זייערע געוועלבער צעשטערט און תמיד אַלץ גענומען אָן געלט.

סעטש איז באַשטאַנען פון קנאַפּע זעקס-הונדערט געצעלטן וועלכע זענען געווען ענלעך אויף באַזונדערע, אומאָפּהענגיקע רעפּובליקן און נאָך מער, צו אַ שול מיט אַ סעמינאַריע פון קינדער, וואָס לעבן פון אַלעם גרייטן. קיינער פון זיי האָט זיך מיט גאָרנישט באַשעפטיקט און האָט גאָרנישט געהאַלטן ביי זיך: אַלץ איז געווען אין רשות פונם הויזאַטאַמאַן, וועלכער האָט ווי געוועגלעך דערפאַר געטראָגן דעם נאָמען באַטקאַ. אין זיין רשות זענען געווען די געלטער, קליידער, די גאַנצע שפּייז, די האָבערמעלן, די גריפּן און אַפילו דאָס שמאַלץ. דאָס געלט האָט מען אָוועקגעגעבן אויף צו באַהאַלטן, וואָרום נישט זעלטן זענען ביי די געצעלטן אויסגעבראָכן מחלוקת צווישן זייערע איינוואוינער און אין אַזעלכע פאַלן איז טיילמאָל אויך געקומען צוגעשלעגן. די איינוואוינער פון די געצעלטן האָבן פאַרפּלט דעם מאַרק און מיט די פויסטן האָבן זיי איינס דאָס אַנדערע געבראָכן די זייטן אַזוי לאַנג, כל זמן איין צד האָט נישט געזיגט און געפאַנגען יענעמס ראש, און דאַמאָלס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ הוליע-ניש אַזאַ איז געווען סעטש, וועלכע האָט אַזויפיל חן ביי יינגע מענטשן.

אָסטאַפּ און אַנדרי האָבן זיך מיט זייער גאַנצער יוגנט-לעפער התלהבות אַריינגעוואָרפן אין דעם דאָזיקן רוישיקן ים און אין איין אויגנבליק האָבן זיי פאַרגעסן אי דעם טאַטנס הויז אי די סעמינאַריע, און אַלץ. וואָס האָט צופריער אַזוי אויפגעברויזט די נשמה, און האָבן זיך איבערגעגעבן דעם נייעם לעבן. און פאַרצאָקט האָט זיי אַלץ: די ווילדע מדות פון ס ע ט ש, די פאַרוואַלטונג און די געזעצן, וואָס האָט זיך טיילמאָל פאַר זיי, און

דער זלעבסט-פאַרוואַלטנדיקער און פרייער רעפובליק, אויסגעוויזן פאַר צו שטרענג. און אויב אַ קאָזאַק האָט זיך אין ערגעץ פאַרגנבעט און צוגענומען אַ וועלכער נישט איז קלייניקייט, האָט זיך דאָס שוין פאַררעכנט אַלס אַ חרפה פאַרן קאָזאַקנטום: מען האָט אים, ווי אַן אומערלעכן, צוגעבונדן צו אַ שאַנד-סלופּ און נעבן אים האָט מען אַנידערגעלייגט אַ קלאָץ, מיט וועלכן יעדער פאַרביי-גייער האָט אים געמוזט אַ קלאַפּ-טון, ביז מ׳האָט אים אַזוי-ער-נאָך דערהרגעט. אַ נישט-צאָלנדיקן בעל-חוב האָט מען מיט אַ קייט צוגעשמידט צו אַ שטייג, וואו ער האָט געמוזט זיצן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ס׳איז נישט געקומען אימיצער פון זיינע חברים און האָט אים אויסגעקויפט, באַצאָלנדיק דעם חוב.

אָבער פון אַלץ, האָט אויף אַנדרין אַ טרויעריקן איינדרוק געמאַכט די שרעקלעכע שטראָף, וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר אַ מאָרד. דאָ, אויפן אָרט, האָט מען אויסגעגראָבן אַ גרוב, אַהין אַ לעבעדיקן אַראָפּגעלאָזט דעם מערדער און פון אויבן אויף אים, האָט מען אַוועקגעשטעלט דעם אָרון מיטן קערפּער פונעם דערמאָרדעטן, און אַזוי אַרום האָט מעןביידען מיט ערד פאַר-שאָטן. ער האָט זיך לאַנג נאָכדעם געוואונדערט איבער די מוראָדיקע צערעמאָניעס פון דער שטראָף, און האָט זיך פאָר-געשטעלט דעם לעבעדיק-פאַרשאָטענעם מענטש צוזאַמען מיט דעם שרעקלעכן קאַסטן.

גיך האָבן די צוויי יונגע קאָזאַקן ביי אַלעמען נושא-חן געווען. אָפט זענען זיי, צוזאַמען מיט אַנדערע חברים פון זייער געצעלט, און טיילמאָל מיטן גאַנצן געצעלט, ווי אויך צוזאַמען מיט די שכנותדיקע אָפּטיילונגען, אַרויסגעטראָטן אין סטעפּ מיט אַ שיסעריי אויף אַלע מעגלעכע און צאָלרייכע סטעפּ-פייגל, הירשן און ציגן, אָדער זיי זענען גאָר, לויט אַ גורל

פון יעדן געצעלט, אַוועק צו טייכן, אָזיערעס און דורכפליסנדי-קע וואַסערן, כדי צופאַרוואַרפן נעצן, פישן און כאַפּן רייכע פיש-צוגן לטובת דעם גאַנצן געצעלט זייערן.

הגם ס'איז נישט געווען קיין ספּעציעלע לערע, אויף וועלכער דער קאָזאַק זאָל זיך פּרואוון, זענען זיי דאָך באַמערקט געוואָרן צווישן אַנדערע יינגע מיט זייער דרייסטקייט, שטאָלץ און געשיקטקייט צו אַלעם.

געשווינט און טרעפלעך האָבן זיי געשאָסן אין ציל, אַרי-בערגעשוואומען דעם דניעפּר אַנטקעגן זיין גאַנג—אַ זאַך, פאַר וואָס אַן אָנפאַנגער איז אין די קאָזאַקישע קרייזן אויפגענומען געוואָרן מיט פייערלעכקייט.

אָבער דער אַלטער טאַראַס האָט זיי צוגעגרייט אַן אַנדער טעטיקייט. אים איז לחלוטין נישט געווען צום האַרצן אַזאַ יו-טוב לעבן—ער האָט געוואָלט אַ דרינגענדיקערע זאַך. ער האָט אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי סעטש צוצוגרייטן צו אַ וויכטיקער אונ-טערנעמונג, וואו מען זאָל קאָנען פאַרלעבן אַזוי, ווי נאָר אַ ריטער קאָן אָנשטיין. ענדלעך, איינמאָל אין אַ טאָג, איז ער גע-קומען צום אַטאַמאַן און אים גלייך אַ זאָג-געטון:

וואָס, מנהיג, ס'וואָלט שוין צייט געווען אַ הוליע צוטון די זאַפּאָראַזשיער.

—נישטאָ וואו צו הוליען,—האָט דער מנהיג געענטפערט, אַרויסנעמענדיק פונם מויל דאָס קליין לולקעלע און האָט אויס-געשפּיגן אָן אַ זייט.

—וואָס הייסט ס'איז נישטאָ? מ'קאָן אַוועק אויף דער מו-רעשטשינע אָדער צו דער טאַטאָרווע.

— מ'קאָן נישט אויף דער טורעטשינע און נישט

אויף דער טאטארווע — האָט דער מנהיג געענטפערט קאַלט־בלוטיק צוטראַגנדיק די לולקע צום מויל:

—סטייטש מען קאָן נישט?

—ווייל אזוי. מיר האָבן דעם סולטאן מבטיח־געווען א שלום.

—ער איז דאָך א בוסורמאַן: אי גאָט, אי די הייליקע שריפט הייסט שלאָגט די בוסורמענער.

—מיר האָבן קיין רעכט נישט דערצו. אויב זיי וואָלטן זיך נאָך נישט פאַרשוואוירן צו אונזער אמונה, וואָלט מען אפשר גע־מעגט, אָבער איצט נישט, מ׳טאָר נישט.

—סטייטש מ׳טאָר נישט? וויאַזוי רעדסטו: מיר האָבן קיין רעכט גישט? אָט זענען ביי מיר צוויי זין,ביידע יינגע מענטשן, און נאָך קיין איין מאָל, איז נישט דער, נישט דער אַנדערער געווען אין דער מלחמה, און דו זאָגסט: מיר האָבן נישט דאָס רעכט; און דו זאָגסט נאָך, אַז די זאַפּאָראָזשיער דאַרפן נישט גיין!

—נו, אזוי וואָלט שוין, וואָס אַן אמת, נישט געדאַרפט זיין.

—יאָ, קאָן עס דען געשיקט זיין, אַז עס זאָל אומזיסט פאַר־לוירן־גיין די קאָזאַקישע גבורה, אַז דער מענטש זאָל פגרן ווי א הונט, אָן גוטע מעשים, אַז נישט דאָס פאָטערלאַנד און נישט דאָס גאַנצע קריסטנטום זאָל פון אים קיין שום הנאה נישט האָבן? אזוי, טאָ צו וואָס לעבן מיר, פאַר וועלכן טייוול דרייען מיר זיך אַרום? ערקלער דו מיר דאָס דאַזיקע. דו ביסט א קלוגער מענטש און נישט אומזיסט האָט מען דיך אויסגעקליבן צווישן די מנהיגים: ערקלער מיר דו, צו וואָס מיר לעבן?

דער מנהיג האָט קיין ענטפער אויף דעד דאָזיקער פראַגע נישט געגעבן. ער איז געווען אַ שטאָלצער קאָזאַק. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— און קיין מלחמה וועט סוף־כּל־סוף נישט זיין.

— אַזוי, וועט קיין מלחמה נישט זיין? — האָט טאראַס פון דאָסניי נעפרעגט.

— ניין.

— איז שוין וועגן דעם אַפילו נישט צוטראַכטן?

— און טראַכטן דאַרף מען נישט וועגן דעם.

— טאָ וואַרט־זשע דו, טייוולשער פויסט — האָט בולבא צו זיך געזאָגט — דו וועסט שוין ביי מיר געוואָר ווערן!

און ער האָט תיכף באַשלאָסן נקמה־צונעמען פונם גייסט־לעכן.

אַדורכשמועסענדיק זיך וועגן דעם אויך מיט אַנדערע, האָט ער זיי באַרואיקט, און שכורע קאָזאַקן, אין דער צאָל פון עט־לעכע מענטשן, זענען גלייך אַוועק צום מאַרק, וואו עס זענען צו אַ סלופּ געווען צוגעבונדן פויקן, אויף וועלכע ס'האָבן געוועג־לעך געשלאָגן אַ צונויפגעקליבענער, זאַרגלאָזער עולם. נישט גע־פונענדיק קיין שטעקעלעך, וואָס געפינען זיך תמיד ביים פויקער, האָבן זיי געכאַפּט צו שטיקער האָלץ אין די הענט אַריין און האָבן אָנגעהויבן אין זיי אַרייצודרעשן. אויפן געקלאַפּ איז פריער פון אַלעמען געקומען צו לויפן דער פויקער, אַ הויכער מענטש מיט איין אויג, וואָס איז, נישט קוקנדיק דערויף, געווען שרעק־לעך פאַרשלאָפן.

— ווער וואַגט דאָס צו שלאָגן אין די פויקן? — האָט ער אַ געשריי געטון.

— שווייג! נעם דיינע שטעקעלעך און פויק דאַן, ווען מ'הייסט דיך! — האָבן געענטפערט די צעווילדעוועטע סטאַרשינעס.

דער פויקער האָט תיכף פון דער קעשענע אַרויסגענומען די שטעקעלעך, וועלכע ער האָט געהאַט מיטגענומען מיט זיך, וויסנדיק גוט דעם פועל־יוצא פון אַזעלכע פּאַסירונגען. די פּויקן האָבן געדונערט—און געשווינט האָבן זיך, ווי די היישעריקן אויפן מאַרק צוניפגעקליבן שוואַרצע קופּעס זאַפּאָראָזשיער. אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ ראָד, און נאָכן דריטן קלאַפּ מיט דערפויק האָבן זיך לסוף באַוויזן די עלטסטע: דער אַטאַמאַן מיטן שטעקן אין האַנט, אַ סימן פון זיין חשובות, דער ריכטער מיט אַ מיליטערישן מעדאַל, דער שרייבער מיטן טינטער, און דער סאָטניקאָמאַנדיר מיט אַ סצעפּטער. דער אַטאַמאַן מיט די סטאַרשינעס האָבן אויסגעטון די היטלען און זיך אין אַלע זייטן גענייגט צו די קאָזאַקן, וועלכע זענען געשטאַנען שטייף מיט די הענט פּאָדבאָקאָם.

— וואָס באַטייט די דאָזיקע פאַרזאַמלונג? וואָס פאַרלאַנגט איר הערן?—האָט דער מנהיג געפרעגט.

אָבער די שטרייטן און אויסגעשרייען האָבן אים ווייטער נישט דערלויבט צו רעדן.

—לייג אַוועק דעם שטעקן! לייג אַוועק, טייוולשער זון, די מינוט זאָלסטו אים אַוועקלייגן! מיר פאַרלאַנגען דיך מער נישט!— האָבן פון דער מאַסע אַרויסגעשריגן די קאָזאַקן.

אייניקע ניכטערע געצעלטן־איינוואוינער האָבן, ווי ס׳האָט אויסגעוויזן, זיך געוואָלט אַנטקעגן־שטעלן די שרייער, אָבער די זאַפּאָראָזשיער, אי די שכורע, אי די ניכטערע זענען געגאַנגען אויף פויסטן דאָס געשריי און דער געפּילדער איז געוואָרן אויסערגעוועגלעך.

דער אַטאַמאַן האָט גערן געוואָלט רעדן, נאָר וויסנדיק, אַז די צעפלאַמטע ווילדע מאַסע קאָן אים דערפאַר אויף טויט הרגענען, אַז כמעט שטענדיק אין אַזעלכע ענלעכע פאַלן, האָט ער

זיך זיי אונטערגעגעבן—אָװעקגעלייגט דעם שטעקן און זיך אויס־באַהאַלטן צווישן המון.

— הייסט איר אונז, פּאַנאָװיע, אַװעקלייגן אונזערע ערן־צייכנס?—האָבן געזאָגט דער ריכטער, דער שרייבער און דער קאָזאַקן־קאַפּיטאַן, און זיי זענען גרייט געווען אויפן אָרט אַװעקצו־לייגן דעם טינטער, די מיליטערישע מעדאַל און די ריט.

—ניין, איר בלייבט!—האָט מען אויסגעשריען פון דער מאַסע—מיר האָבן נאָר געדאַרפט צופאַרטרייבן דעם אַטאַמאַן ווייל ער איז—אַ באַבע, און מיר דאַרפן אַ מענטש אינם ראָט פון די מנהגים.

—וועמען־זשע וועט איר אַצינד אויסקלייבן אינם ראָט פון די פירער?—האָבן געפרעגט די עלטסטע.

—קוקובענקען אויסקלייבן!—האָבן אַ טייל געשריגן.

—מיר ווילן נישט קוקובענקען! — האָט אַן אַנדערע טייל אויסגעשריען—נאָך צייט פּאַר אים, די מילך האָט אים נאָך אויף די ליפּן נישט אָפּגעטרוקנט.

—זאָל שילאָ זיין אַטאַמאַן — האָבן פיל געשריען—שילאָן אַװעקזעצן אַלס פירער!

—אין די פּלייצע דיר אַ שילאָ *)—האָט די מאַסע זידלענ־דיק אויסגעשריען — וואָסער קאָזאַק איז דאָס, אַז ער האָט זיך פאַרגנבעט, דער הינטישער זון, ווי אַ טאָטער? צום טייוול אין זאַק אַריין מיט דעם שכור שילאָן!

— באָראָדאַטען, באָראָדאַטעז וועלן מיר זאַלבן פּאַר אַ מנהיג!

---

*) אין דעם פּאַל ווערט שילא אויסגעטייטשט אַלס אַן אָל.

דער איבערזעצער.

—מיר ווילן נישט באַראַדאַטען! אין זיין טמאהדיקער מאַמען אַריין!

—שרייט, קירדיאַגען!—האָט טאַראַס בולבאַ עטלעכע לייט אונטערגעבראָכן.

—קירדיאַגען, קירדיאַגען!—האָט געשריגן די מאַסע—באַראַדאַטען! קירדיאַגען! קירדיאַגען! שילאָ! צום טייוול מיט שילאָן! קירדיאַגען!

אַלע קאַנדידאַטן, וואָס זענען אָנגערופן געוואָרן ביי די נעמען, זענען תיכף ומיד אַרויסגעגאַנגען פון צווישן דער מאַסע, כדי נישט צו געבן קיין סיבה צוטראַכטן, אַז זיי האָבן מיט זייער מאַסנווייזן אַנטייל גורם געווען זייער אויסגעוועלט-ווערן.

—קירדיאַגען! קירדיאַגען!—האָט שטאַרק געהילכט פון די איבריקע אויסרופן—באַראַדאַטען!—צו דער זאַך-צו האָט מען אָנגעהויבן צו-צוטון מיט די פויסטן, און קירדיאַגע האָט מנצח-געווען.

—גייט נאָך קירדיאַגען—האָבן זיי אויסגעשריען.

אַ מאַן צען פון די קאָזאַקן האָבן זיך באַלד אויסגעטיילט פון דער מאַסע; אייניקע פון זיי זענען קוים אויף די פיס געשטאַנען—אויף אַזויפיל האָבן זיי זיך באַוויזן אָנצושכורן, און זענען גלייך אַוועק צו קירדיאַגען, כדי אים מודיע-צו-זיין זיין אויסגעוועלטקייט.

קירדיאַגע, הגם אַן עלטערער, אָבער אַ קלוגער קאָזאַק, איז שוין לאַנג געזעסן אין זיין געצעלט און האָט זיך געמאַכט, גלייך ער וואָלט וועגן גאָרנישט געחלומט.

—וואָס, מיינע הערן? וואָס פאַרלאַנגט איר — האָט ער געפרעגט.

—גיי, מ'האָט דיך אויסגעקליבן פאַר אַ מנהיג.

—דערבאַרעמט זיך, הערן!—האָט קירדיאַגע געזאָגט—ווי אַזוי

בין איך ראוי צו אַזאַ כּבוד! וואו זאָל איך זײַן מנהיג! און ביי מיר וועט קיין חכמה נישט גענוג־זײַן, כּדי אויסצופירן אַזאַ התחייבות, האָט איר שוין קיין בעסערן נישט אויסגעפינען צווישן גאַנצן מי־ליטער?

—גיי־זשע, זאָגט מען דיר!—האָבן די זאַפּאָראָזשיער געשריען, און צוויי פון זיי האָבן אים אָנגענומען פאַר די הענט, און ווי ער האָט זיך נישט געזאָלט אײַנשפּאַרן מיט די פיס, איז ער ענדלעך אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אין מאַרק אַרײַן, וואו ער איז געוואָרן באַגלייט מיט אַ זידלערײַ, מיט אַן אונטערווייַלעכטיק זבאָכן מיט די פויסטן, אַ שטויסן מיט די פיס און מוסר־רייד:

—צי־זיך נישט צוריק, טייוולשער זון! נעם־זשע צו דעם כבוד, הונט, ווען מ׳גיט אים דיר!

אויף אַזאַ אופן איז קירדיאַגע אַרײַנגעפירט געוואָרן אין קאָזאַקישן ראָד.

—וואָס, הערן—האָבן זיי אויסגערופן צווישן גאַנצן המון, בעת זיי האָבן אים אַדורכגעפירט—זענט איר מסכים, אַז דער דאָזיקער קאָזאַק זאָל אונזער מנהיג זײַן?

—אַלע זענען מסכים! — האָט די מאַסע אויסגעשריען, און פונם געשריי האָט לאַנג דאָס פעלד געדונערט.

איינער פון די עלטסטע האָט גענומען דעם שטעקן און אים אויפגעהויבן צום ניי־אויסדערוועלטן אַטאַמאַן. קירדיאַגע האָט זיך, ווי דער מנהג איז, תיכף אָפּגעזאָגט. האָט עס דער עלטסטער אַ צווייטמאָל אויפגעהויבן: האָט זיך קירדיאַגע אי דאָס צווייטע מאָל אָפּגעזאָגט, און ערשט שפּעטער, צום דריטן מאָל, האָט ער איבערגענומען דעם שטעקן. אַ דערפרייענדיק אויסגעשריי האָט זיך געהערט פון דער גאַנצער מחנה, און פון דאָסניי האָט זיך דאָס געשריי איבערן גאַנצן פעלד צעברומט. דאַמאָלס זענען פון צווישן דעם עולם אַרויסגעטראָטן פיר זקנים, גראָ־וואָנסיקע און

גראַ־טשופּרינעדיקע קאָזאַקן (אַביסל עלטערע זענען אין ס ע ט ש נישט געווען בנמצא, וואָרום קיינער פון די זאַפּאָראָזשיער זענען נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט) און, נעמענדיק אין זי הענט אַריין ערד, וועלכע איז פונם רעגן, וואָס איז גראָד געפאַלן, געוואָרן בלאָטע און האָבן עס אים אויפן קאָפּ אַרויפ־געלייגט. די נאַסע ערד איז אים אַראָפּגערינען פון קאָפּ, אַרויפ־געקאַפּעט אויף די וואָנסעס און איבער די באַקען, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פּנים איז אים פאַרשמוציקט געוואָרן מיט קויט. אָבער קירדיאַגע איז געשטאַנען פון אָרט זיך נישט גערירט, און געדאַנקט די קאָזאַקן פאַר דעם צוגעטיילטן כבוד.

אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געענדיקט די רוישיקע וואַלן, פון וועלכן ס׳איז קיינער נישט אַזוי צופרידן געווען ווי בולבאַ: דערמיט האָט ער זיך נוקם געווען אָן פריערדיקן אַטאַמאַן; דערצו איז אים קירדיאַגע געווען אָן אַלטער חבר און ער האָט צוזאַמען מיט אים אַדורכגעמאַכט די זעלביקע מאַרש־צוגן אויף דער יבשה און אויפן ים, טיילנדיק זיך מיט אים די נויטן און די פּייגען פון קריגס־לעבן. דער המון האָט זיך תיכף פונאַנדערגעלאָזט, כדי צו פייערן דעם יום־טוב פון די וואַלן, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ הוליעניש, וועלכע אָסטאַפּ און אַנדרי האָבן ביז אַהער נאָך נישט געזען. די ווייַן־שענקען זענען צעהאַקט געוואָרן, האָניק, בראַנדוויין און ביער האָט מען גענומען פריי אָן געלט, די שענ־קערס האָבן זיך שוין געפרייט דערמיט, וואָס מ׳האָט זיי אַליין כאָטש איבערגעלאָזט גאַנץ. די גאַנצע נאַכט איז אַוועק אין גע־שרייען און געזאַנגען, וואָס האָבן געלויבט זייערע גבורות, און די אויפגעגאַנגענע לבנה האָט נאָך לאַנג געזען דעם עולם מוזי־קאַנטן, וואָס זענען איבער די גאַסן געגאַנגען מיט באַנדורעס, טראָמפּייטן, קיילעכדיקע באַלאַלייקעס, קלויסטערישע לידער־זינגער, וועלכע מ׳האָט אין ס ע ט ש געהאַלטן אויף צו זינגען אין דער

צערקווע און כדי צו באַזינגען די זאַפּאָראָזשיער פּני, ענדלעך האָט דער רעש און די מידיקייט גובר געווען די שטאַרקע קעפּ זייערע, אַזוי, אַז דאָ און דאָרט איז אויף דער ערד אַנידערגעפאַלן אַ קאָזאַק, מ'האָט געקאָנט זען, ווי איינער האָט דעם אַנדערן אַרומגענומען, אים מיטגעפּילט, אַפילו זיך צעוויינט און איז צוזאַמען מיט אים געפאַלן. דאָרט האָט זיך אַ גאַנצער המון אַנידערגעוואָרפן אויף איין קופּע, אַנדערש וואו האָט זיך אימיצער אַוועקגעלייגט אויף אַ הילצערנעם קראַץ, גראָד אים וואָלט בעסער געווען דאָרט אויף אויסצורוען זיך. דער לעצטער און סאַמע שטאַרקסטער, האָט נאָך אויסגעפּלאַפּלט אַביסל נישט בינדנדיקע רייד. צום סוף האָט אויך אים אונטערגעשניטן די ווירבלדיקע קראַפט, אויך ער איז אַנידערגעפאַלן—און גאַנץ סעטש איז אַנשלאָפן געוואָרן.

IV

אויפֿן צווייטן טאָג האָט טאַראַס בולבאַ זיך שוין באַראַטן מיטן נייעם מנהיג, וויאַזוי צוצושטופּן די זאַפּאָראָזשיער, צו אַ וועלכן נישט איז ענין. דער מנהיג איז געווען אַ קלוגער און אַ כיטרער קאָזאַק. ער האָט פֿון פֿאָרנט ביז אַרונטער געקאָנט די זאַפּאָראָזשיער, און האָט לכתּחילה געזאָגט:

—מ׳קען די שבועה נישט בטל־מאַכן, ביי קיין פֿאַל קאָן מען נישט—און דערנאָך, שטיל־ווערנדיק, צוגעגעבן: ס׳איז גאָר־נישט, מ׳קאָן; די שבועה וועלן מיר נישט מבטל־מאַכן, נאָר מיר וועלן אַזוי עפּעס צוטראַכטן. זאָל זיך נאָר דאָס פֿאָלק צונויפֿ־זאַמלען, אָבער נישט אַזוי, ווי נאָך מיין באַפֿעל נאָך, נאָר סתּם, פֿון זייער גוטן ווילן — איר ווייסט שוין, וויאַזוי דאָט צומאַכן— און מיר מיט די סטאַרשינעס וועלן תּיכּף אַהינקומען אויפֿן מאַרק, גלייך מיר ווייסן פֿון גאָרנישט.

ס׳איז קיין שעה נישט אַריבער, זינט זיי האָבן גערעדט און שוין האָט מען געדונערט אין די פּויקן, האָבן זיך אין מיטן

דערינען פון ערגעץ־וואו צונויפגעקליבן אי שכורע, אי נאַרישע קאָזאַקן. אַ מיליאָן פון קאָזאַקישע היטלען האָבן זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע געשאָטן אויפן מאַרק אַרויף. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערייד:

—וואָס? ווער? צו וואָס? צוליב וואָסער ענין האָט מען צונייפגערופן אַן אסיפה?

קיינער האָט דערויף נישט געענטפערט. ענדלעך האָט זיך פון דעם און יענעם ווינקל אָנגעהויבן צוצוקלינגען:

—אָט גייט אומזיסט לאיבוד די קאָזאַקישע גבורה: נישטאָ קיין מלחמה! אָט ד'האָבן זיך די סטאַרשינעס געמאַכט ווי גע־פגרט, האָבן מיט פעטס די אויגן פאַרגאָסן! אפנים, אַז ס'איז קיין אמת נישטאָ אויף דער וועלט!

לכתחילה האָבן פיל קאָזאַקן זיך צוגעהערט, און דערנאָך האָבן זיי אַליין אויך אָנגעהויבן רעדן:

—ס'איז אין־דער־אמתן נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט!

די סטאַרשינעס זענען דערשטוינט געוואָרן פון אַזעלכע רייד. ענדלעך איז דער אַטאַמאַן ארויסגעגאַנגען אויף פאָרויס און האָט געזאָגט:

—דערלויבט, הערן זאַפאָראָזשיער, צו האַלטן אַ ריידע!

—האַלט!

—איצט זענען די רייד וועגן דעם, מיינע גוטע הערציקע הערן, כדי זיך מישב־צו־זיין, און ס'קאָן זיין, אַז איר אַליין ווייסט בעסער דערפון, אַז אַ סך זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך אַזויפיל אָנגע־באָרגט ביי די יידן אין די שענקען און ביי זייערע ברידער, אַז קיין איין טייוול וועט עס זיך נישט קאָנען לאָזן צוגלייבן. דער־

נאָך גייט ווידער אין דעם, וואָס ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע יינגלעך, וועלכע האָבן נאָך פאַר די אויגן נישט געזען אַזוינס, וואָס הייסט מלחמה, דאַן, ווען אַ ייִנגער מענטש—און איר אַליין ווייסט דאָס, מיינע הערן—איז שווער צו לעבן אָן מלחמה. וואָסערער זאַפּאָ־ראָזשיער איז ער, אַז ער האָט נאָך קיין איינמאָל נישט געשלאָגן קיין בוסורמאַן?

—ער רעדט גוט—האָט בולבאַ געטראַכט.

—נישט קלערט, מיינע הערן, אַז איך האָב, איבריגנס, וועגן דעם גערעדט צוליב דעם, כדי צוצושטערן דעם שלום: זאָל גאָט אויסהיטן! איך זאָג עס נאָר אַזוי־זיך. דערבײַ איז דאָך בײַ אונז פאַראַן גאָטס אַ הויז—און ס׳איז אַ זינד צו רעדן, וואָס דאָס הייסט: אָט איז שוין אַזויפיל יאָר, ווי, אום גאָטס ווילן, ווי סעטש שטייט, און עד־היום איז נאָך נישט געזען געוואָרן, אַז דער אויסווייניק פון אַ קירכע זאָל אַזוי אויסקוקן, ווי דאָ, און ס׳איז אַפילו גישטאָ קיין בילד אָן אַ יעדן אָנטועכץ און ס׳איז נישט פאַראַן קיינער, וואָס זאָל מסכים־זיין אויסצושמידן אַ זילבערנע ריזע; זיי האָבן נאָר אויסגעפירט דאָס, וואָס אַנדערע קאָזאַקן האָבן אָנגעזאָגט אין זייער צוואה, און אַפילו זייער גאָב אויף דעם איז געווען אַן אָרימע, מחמת זיי האָבן כמעט אַלץ בײַ זיי־ער לעבן פאַרטרונקען. איך זאָג עס נישט צו דעם, אַז מיר זאָלן גיין אויף אַ מלחמה מיט די בוסורמענער: מיר האָבן דעם סולטאַן מבטיח געווען אַ פרידן, און דאָס וואָלט פאַר אונז געווען אַ גרוי־סער חטא, וואָרום מיר האָבן זיי דאָס פאַרשוואוירן לויט אונזער געזעץ.

—וואָס פּלוידערט ער אַזוינס? — האָט בולבאַ צו זיך גע־זאָגט.

—אַזוי זעט איר, פּאַנאָוויע, אַז קיין מלחמה קאָן מען נישט

אָנהייבן : דער ריטערלעכער כבוד הייסט דאָס נישט. און, לויט מיין אָרעמען שכל נאָך, טראַכט איך אָט וואָס : אויף שיפלעך אַוועקצושיקן איניקע יינגע, לאָזן זיי אַביסעלע צעשטערן די ברעגעס פון ואַטאַליע. ווי טראַכט איר, פּאַנעס ?

— פיר אַוועק, פיר אַלעמען—האָט פון אַלע זייטן אויסגעשריען דער המון — פאַר דער אמונה זענען מיר גרייט די קעפ צו לייגן.

דער מנהיג האָט זיך דערשראָקן ; ער האָט שיער נישט געוואָלט איבערגעבן דער פּאַליציי ; ער האָט, צו צערייסן דעם שלום, האָט אים אין דעם פאַל אויסגעוויזן פאַר אַ נישט יושרדיקע זאַך.

—דערלויבט איר, הערן, נאָך איין רעדע צו האַלטן ?

—גענוג !—האָבן די זאַפּאָראָזשיער אויסגעשריען — בעסער וועסטו שוין נישט זאָגן.

—אויב אַזוי, טאָ זאָל־זשע זיין אַזוי. איך בין דער קנעכט פון אייער רצון. ס'איז אַ דבר ידיעה, און פון דער שריפט איז באַוואוסט, אַז דאָס וואָרט פון פאָלק — איז דאָס וואָרט פון גאָט. קיין קלוגערס פון דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעטראַכט, דאַרף מען שוין נישט צוטראַכטן. נאָר אָט וואָס : אייך איז באַוואוסט, מיינע הערן, אַז דער סולטאַן וועט אומבאַשטראָפט נישט לאָזן דאָס פאַרגעניגן פאַר די יינגעלייט, וועלכע וועלן זיך פרייען מיטן פוסטעווען. אָבער דורך דער צייט וואָלטן מיר זיך געקאָנט גרייטן, און כוחות וואָלטן ביי אונז געווען פרישע, און פאַר קיינעם וואָלטן מיר זיך נישט געשראָקן. אָבער אין דער צייט פון אונזער אָפּרו קאָן אפילו טאָטאָרווע אויף אונז אָנפאַלן: זיי, די טערקישע הינט, זיי וואַרפן זיך נישט אין די אויגן, און צום

בעל־הבית אין שטוב אַריין, וואַגן זיי נישט צוקומען, אָבער אונטן אַרום בייסן זיי פאַר די פּיאַטעס און ווייטאָגלעך בייסן זיי. און אויב ס'איז שוין געקומען דערצו, אַז מ'זאָל דעם אמת זאָגן, זענען ביי אונז אַפילו אַזויפיל שיפלעך נישט פאַראַן אויף לאַגער און קיין פולווער איז נישט צעמאָלן אַזויפיל, אַז אַלע זאָלן מיר קאָנען גיין. אָבער איך, פאַר מיינעטוועגן, בין גרייט: איך בין דער קנעכט פון אייער רצון.

דער כיטרער אַטאַמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן. קאָפּקעסווייז האָבן זיי זיך אָנגעהויבן איבערצושמועסן, די געצעלט־אַטאַמאַנען צו עצהן זיך; שכורע זענען צום גליק געווען ווייניק, און דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן צו פאָלגן דעם פאַרנונפטיק־קלוגן ראַט.

בשעת מעשה האָבן זיך עטלעכע מענטשן אַוועקגעלאָזט צום אַקעגן־איבער ליגנדיקן ברעג פון דניעפּר, אין מיליטערישן לאַגער וואו עס זענען אין נישט־צוגענגלעכע באַהעלטענישן אונטערן וואַסער און אין שטיינער געווען אויסבאַהאַלטן די מיליטערישע שאַצן און אַ טייל פון די דעראָבערטע ביים שונא, וואָפן. אַלע איבריקע האָבן זיך געוואָרפן צו די שיפלעך, כדי זיי צו באַטראַכטן און צו צוגרייטן זיי אין וועג אַריין. אין איין רגע האָט דער המון אָנגעפולט דעם ברעג. עטלעכע טשעסלערס האָבן זיך באַוויזן מיט העק אין די הענט. אַלטע, פאַרברענטע, ברייטפּלייציקע און לאַנג פוסיקע זאַפּאָראָזשיער, מיט גראָלעכע און שוואַרצע וואָנסעס. פאַרקאַשערנדיק די הויזן, זענען זיי ביז די קניען געשטאַנען אין וואַסער און האָבן מיט אַ שטאַרקער שטריק די שיפלעך אַרויסגעצויגן אויפן ברעג. אַנדערע ווידער, האָבן געהילט גרייטע, טרוקענע ברעטער און אַלערליי העלצער. דאָרט האָט מען באַקלאַפּט שיפלעך מיט ברעטער, ווידער דאָרט האָט מען איבערדרייענדיק מיטן דנאָ אַרויף זיי באַפּעכט און פאַרשטאָפּט מיט קאָנאָפּיע-

דאָרט האָט מען ווידער אויפן קאָזאַקישן שטייגער צו דער זייט פון די שיפלעך צוגעבונדן אַנדערע צוזאַמען מיט בינטלעך לאַנגע שטייבער, כדי די שיפלעך זאָלן נישט דערטרונקען ווערן דורך אַ ים־כוואַליע; ווייטער אַרויפצו האָט מען איבערן גאַנצן ברעג טייך פונאַנדערגעלייגט שייטער־הויפנס און אין מעשענע קעסלען האָט מען געזאָטן סמאָלע אויף צו פאַרגיסן די שיפן. דערפאַרענע און אַלטע האָבן אין דער אַרבעט צוגעוויזן די יינגע. דאָס געקלאַפעריי און דאָס געשריי פון די אַרבעטנדיקע האָט זיך געטראָגן איבער דער אַרומיקער סביבה, עס האָט זיך געוויגט און באַוואויגן דער גאַנצער לעבעדיקער ברעג.

אין דער זעלביקער צײַט האָט אַ גרויסער פאַראָם זיך דערנענטערט צום ברעג. דער עולם, וואָס איז אויף אים געשטאַנען, האָט נאָך פון דערווײַטנס געפאָכעט מיט די הענט דאָס זענען געווען קאָזאַקן אין אַרומגעריסענע קורטקעס. דאָס נאַכלעסיקע פראַנטישקייט — בײַ פיל פון זיי איז גאָרנישט געווען אויסער אַ העמד און אַ קורצינקע לולקעלע צווישן די ציין־האָט איבערצייגט, אַז זיי זענען אַהער נאָר־וואָס אַנטלאָפן פון אַ וועלכער צרה, אָדער זיי האָבן זיך אויף אַזויפיל צופלאָשעט, אַז זיי האָבן פאַרהוליעט אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען אויפן לייב.

פון צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט און איז געשטאַנען פון פאָרנט אַ קליין־וואוקסיקער, פלייציקער קאָזאַק, אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק. ער האָט געשריען און שטאַרקער פון אַלעמען באַוואויגן מיט דער האַנט, אָבער צוליב דעם קלאַפן און דעם געשריי פון די אַרבעטנדיקע, איז אוממעגלעך געווען צו הערן זײַנע ווערטער.

—און מיט וואָס זענען זיי געקומען צופאָרן? — האָט דער

אַטאַמאַן געפֿרעגט, בעת דער פּאַראָם האָט אָפּגעשטיגן בײַם ברעג.

אַלע אַרבעטנדיקע, אויפֿהערנדיט צו אַרבעטן און אויפֿ־הייבנדיק די העק מיט די לאָפּאַטעס, האָבן געקוקט אין דער־וואַרטונג.

—מיטן דלות!—האָט פֿון פּאַראָם אַראָפּגעשריען דער קליין־וואוקסיקער קאָזאַק.

—מיט וואָסערן?

—דערלויבט איר, הערן זאַפּאַראָזשיער, אַ ריידע צו האַלטן?

—רעד!

—אָדער אפשר ווילט איר אַ ראַט אויסקלויבן?

—רעד, מיר זענען אַלע דאָ.

דער המון האָט זיך צונויפֿגעקוועטשט אין איין קופּע.

—און איר האָט אַודאי גאָרנישט געהערט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער העטמאַנשטשאַנע?*)

—און וואָס?—האָט זיך אָפּגערופֿן איינער פֿון די געצעלט־אַטאַמאַנען.

—עע! וואָס? אַפּנים, אַז דער טאָטער האָט אייך די אויערן פֿאַרשטאָפּט מיט קלעפּעכץ, פֿאַרוואָס איר האָט גאָרנישט גע־הערט.

—זאָג־זשע, וואָס דאָרט הערט זיך.

—עס הערט זיך דאָס, אַז די, וואָס זענען געבוירן געוואָרן

---

*) ס'ווערט געמיינט דאָס אַלטע אוקראַינע אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די העטמאַנעס.

דער איבערזעצער.

און זיך געקריסטלט, האָבן נאָך אַזוינס נישט געזען.

—טאָ זאָג־זשע אונז, וואָס עס הערט זיך, הינטישער זון!— האָט איינער פון די מאַסע אַ געשריי געטון. אַפּנים, אַז ער האָט שוין דאָס געדולד אָנגעוואוירן.

—אַזאַ צייט האָט זיך איצט געמאַכט, אַז די הייליקע בתי־תפילות זענען שוין נישט אונזערע.

—סטייטש, נישט אונזערע?

— אַצינד זענען זיי ביי יידן אין אַרענדע, ווערסטו דעם יידן צופריער נישט באַצאָלן, קאָן מען די מיטאָג־תפילה נישט פראַווען.

—וואָס ברייעסטו ?

—און אויב דער הינטישער ייד וועט מיט זיין ברודיקער האַנט נישט לייגן קיין צייכן אויף דעם הייליקן פּאַסכאַ, טאָר מען קיין פּאַסכאַ נישט פייערן.

—ער זאָגט ליגנט, פּאַן־בראָטצעס. עס קאָן נישט זיין, אַז אַז אַן אומרייינער ייד זאָל לייגן אַ צייכן אויף דעם הייליקן פּאַסכאַ.

—הערט! אָבער נאָך נישט דאָס, וועל איך אייך דערציילן: אויך די קזשענדזעס פאָרן אַצינד אַרום איבער דער גאַנצער אוקראַינע אין טאַראַטייקעס*) אָבער נישט דאָס איז די צרה, וואָס

---

*) אַזעלכע הויכע צוויי רעדערדיקע וואָגנס. און אַנדערע געגנטן פון רוסלאַנד ווערן זיי אויך אַנדערש אָנגערופן. אין בוכאַרע, טורקעסטאַן, אַ שטייגער ווערן זיי גערופן : אַרבאַ.

דער איבערזעצער.

זיי פאָרן אין טאַראַטייקעס, נאָר דאָס, וואָס זיי שפּאַנען שוין נישט קיין פערד, נייערט פּראַוואָסלאַווּנע קריסטן. הערט! אָבער נאָך נישט דאָס וועל איך דערציילן: מ׳זאָגט שוין, אַז די יידישע קעס נייען זיך שוין קליידער פון פויפסטלעכן געוואַנט. אָט וואָסערע זאַכן ס׳פּאַסירן אויף אוקראַינע, פּאַנאָוויע! און איר זיצט דאָ אין זאַפּאָראָזשיע און איר הוליעט, און, אפנים, אַז דער טאַטער ד׳האָט אויף אייך אַזאַ פחד אָנגעוואָרפן. אַז איר האָט שוין נישט קיין אויגן, נישט קיין אויערן—ס׳איז גאָר׳נישט נישטאָ, און איר הערט נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

—שטיי, שטיי!—האָט אים דער אַטאַמאַן איבערגעריסן, שטייענדיק ביז אַהער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד, צוגלייך מיט אַלע זאַפּאָראָזשיער, וועלכע האָבן אין וויכטיקע ענינים זיך קיינמאָל נישט איבערגעגעבן דעם ערשטן שטויס, נאָר זיי האָבן געשוויגן, און אין מיטן דערינען—אין דער סאַמער שטילקייט האָט זיך אין זיי אָנגעזאַמעלט אַ מעכטיקער כח פון אומצופרידנקייט.—שטיי! און איך וועל אויסרעדן אַ וואָרט. און וואָס איז מיט אייך,—סיי ווי סיי האָט דער רוח אייער באַטקאַ צו ממיתט און וואָס האָט איר אַליין דאָרט געטון? איז ביי אייך קיין שווערד נישט געווען, וואָס? ווי אַזוי האָט איר צוגעלאָזט צו אַזאַ אומגערעכטיקייט?

—ע, ווי האָט מען דאָס צוגעלאָזט אַזאַ אומגערעכטיקייט!.. וואָלט איר זיך אויך געפּרוּווט דערצו ווען פופציק טויזנט זענען געווען בלויז ליאַכעס, און מ׳דאַרף קיין חטא נישט פאַרשווייגן, עס זענען צווישן אונדזערע אויך געווען הינט געגוג—און זיי האָבן אָנגענומען זייער אמונה.

—און דער העטמאַן אייערער, און די פּאָלקאָווניקעס, וואָס האָבן געטון?

—די פולקאָווניקעס האָבן אַזעלכע מעשים אָפּגעטון, אַז גאָט זאָל קיינעם פון אונז נישט פּרווון.

—ווי?

—אַזוי, אַז דער העטמאַן, אַ פאַרבאַרענטער אין אַ מעשענעם אָקס, ליגט אַצינד אין וואַרשע, אין דעם פּולקאָווניקס הענט און דעם קאָפּ זיינעם, פירט מען איבער די יאַרידן אויף צו באַווייזן דעם גאַנצן פאָלק. אָט וואָס די פּולקאָווניעס האָבן אָפּגעטון!

דער גאַנצער המון האָט זיך אַ וויג־געטון. לכתחילה האָט זיך איבערן גאַנצן ברעג אַריבערגעטראָגן אַ שטילקייט, וואָס איז ענלעך צו דער שטילקייט, וואָס הערשט אָפּטמאָל פאַר אַן אַכזריותדיקן שטורמווינט, דערנאָך האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן אַ גערעדריי, אַז דער גאַנצער ברעג האָט גערעדט:

— ווי אַזוי? יידן זאָלן אין אַרענדע האָבן די קריסטלעכע קלויסטערס! סטייטש? זאָל מען אויף דער רוסישער ערד צולאָזן אַזעלכע פּיינען מצד די פאַרשאָלטענע אַפּיקורסים! אָט אַזוי זאָל מען טון מיט די פּולקאָווניקעס און דעם העטמאַן? ניין, ס׳וועט אַזוי שוין נישט זיין, ס׳וועט אַזוי נישט זיין!

אַזעלכע רייד האָבן געשוועבט איבער אַלע עקן. עס זענען אויפגעבריזט געוואָרן די זאַפּאָראָזשיער און זיי האָבן זייערע כחות דערשפּירט. דאָ איז עס שוין נישט געווען דער אויפברויז פונ[illegible] לייכטזיניקן פאָלק: ס׳האָבן אויפגעשטורעמט אַלע נאַטורן זייערע, די שווערע און די שטאַרקע, די וועלכע האָבן זיך נישט אַזוי גיך אָנגעשטעקט מיטן דאָזיקן שטורם, אָבער, אָנשטעקנדיק זיך, האָבן זיי דויערהאַפט און לאַנג אין זיך געהיטן דאָס אינערלעכע פייער.

—איינס באָכן אַנדערן אויפהענגען אַלע יידן! — האָט זיך

געהערט פון דער גאַנצער מאַסע אַרויס — זאָלן זיי פאַר זייערע ווייבער נישט בייען קיין קליידער פון פויפסטלעכע געוואַנטן! זאָלן זיי נישט שטעלן קיין צייכנס אויף די הייליקע פּאַסכאָס! דער־טרונקען זיי אַלעמען, די פאַרטריבענע, אין דניעפּר!

די דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען פון אימיצן אין דער מאַסע אויסגעשריען געוואָרן, זענען ווי אַ בליץ אַריבערגעפלויגן איבער אַלעמענס קעפּ, און דער המון האָט זיך אַ ריר געטון צו דער פאַרשטאָט, כדי אויסצישעכטן אַלע יידן.

די אָרימע זין פון ישראל, פאַרלירנדיק זיך, אין זייער גאַנצן מיהות האָבן אַלע אין איין אָטעם זיך אויסבאַהאַלטן אין די ליידיקע בראָנפן־פעסער, אין די אויוונס און אַפילו הינטער די קליידער פון זייער ווייבער, אָבער די קאָזאַקן האָבן זיי אומעטום געפונען.

— הויכגעאַכפּערטע פּאַנעס! — האָט געשריגן אַ הויכער און אַ לאַנגער ייד ווי אַ שטעקעלע, אַרויסשטעקנדיק פון אַ קופּע סחורות זיין נעבעכדיקן פּנים, וואָס איז פאַקרומט געוואָרן פון שרעק — יאַסנאָ־וויעלמאָזשנע פּאַנעס! לאָזט אונז נאָר אַ וואָרט אויסרעדן, איין וואָרט! מיר וועלן אייך מודיע זיין אַזוינס, וואָס איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט — אַזאַ וויכטיקע זאַך, אַז מ'קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי וויכטיק זי איז!

— נו, זאָלן זיי זאָגן — האָט בולבא זיך אַרויסגעכאַפּט וואָרום ער האָט שטענדיק ליב געהאַט אויסצוהערן אַ באַשולדיקטן.

— חשובע פּאַנעס! — האָט דער ייד אויסגערעדט. אַזעלכע פּאַנעס האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געזען, ביי גאָט, ווי קיינמאָל נישט! אַזעלכע גוטע, פיינע און גרויסמוטיקע איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען! — זיין קול איז אים ווי אָפּגעשטאָרבן און

אינגאַנצן האָט ער געציטערט פון שרעק—ווי קאָן דאָס געשיקט זיין, אַז מיר זאָלן די זאַפּאָראָזשיער און עפּעס שלעכטעס חושד זיין! די, וואָס אַרענדירן אויף אוקראַינע זענען לגמרי נייעט פון די אונזעריקע. ביי גאָט, ווי נישט אונזערע! דאָס זענען לחלוטין נישט קיין יידן: דאָס זענען, דער טייוול וויים זיי, וואָס; דאָס איז אַזוינס, אַז נאָר שפּייען דאַרף מען דערויף און עס אַוועק־וואַרפן! אָט זיי, די איבריקע פון אונז, זאָגן אויך דאָס זעלביקע. נישט אמת, שלמה, אָדער דו, שמואל?

—ביי גאָט, ווי ס'איז אמת!—האָבן פון דער מאַסע אַרויס־געשריען שלמה מיט שמואלן. זיי זענעןביידע געווען אין צעריסענע קאַפּלען און ווייס זענען זיי געווען, ווי ליים.

—מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט — האָט דער לאַנגער ייד מוסיף געווען—נישט געהנפּעט זיך צו שונאים, און קאַטאָליקן ווילן מיר אַפילו נישט קענען: זאָל זיך זיי דער טייוול חלומען! מיר מיט די זאַפּאָראָזשיער זענען, ווי די לייבלעכע ברידער...

— ווי? אַז די זאַפּאָראָזשיער זאָלן מיט אייך ווערן ברי־דער— האָט זיך איינער פון דער מאַסע אַרויסגעכאַפּט.—צו דער־צו וועט איר זיך נישט דערוואַרטן, פאַרפלוכטע יידן! אינם דניעפּר זיי, מיינע הערן, דערטרונקען די פאַרטריבענע!

די ווערטער זענען נאָר געווען אַן אָנזאָג, זיי האָבן געכאַפּט די יידן אויף די הענט אַרויף און זיי אָנגעהויבן אַריינצעוואַרפן אין די כוואַליעס. אַ יאָמערלעכער געשריי האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן, אָבער די שטרענגע זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך נאָר צע־לאַכט זעענדיק, ווי די יידנס פיס מיט די שיך און זאָקן האָבן זיך געריסן אין דער לופט.

דער אָרימער בעל-מדבר איז, אַנטוענדיק זיך אַ כח, אַליין

אַרויסגעשפּרונגען פון זיין זשופּיצע, פאַר וועלכע זיי האָבן אים אָנגעכאַפּט, איז געבליבן אין איין וועסט און האָט אין איין ציטערניש בולבאַן פאַר די פיס אָנגעכאַפּט, בעטנדיק אים מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטים.

— גרויסער הער, יאַסנאָ וויעלמאָזשני פּאַן! איך האָב אויך דיין ברודער געקאָנט, דער לייטזעליקן דאָראָש! ער איז צום לויב פונם גאַנצן ריטערטום געווען זייער אַ קאַמפּסלוסטיקער. איך האָב אים אַכטהונדערט צעכינס*) געגעבן, בעת ער האָט זיך געדאַרפט אויסקויפן פונם געפענקעניש ביים טערק...

—דו האָסט מיין ברודער געקענט?—האָט טאַראַס אים געפרעגט.

—ביי גאָט, ווי כ׳האָב אים געקענט! ער איז אַ גרויסמוטיקער פּאַן!

—און ווי רופט מען דיך?

—יאַנקעל.

—גוט—האָט טאַראַס געזאָגט, און דערנאָך אַ טראַכט-טוענדיק האָט ער זיך געווענדעט צו די קאָזאַקן און צו זיי אַזוי געזאָגט:

—אויפצוהענגען דעם דאָזיקן ייד האָבן מיר דאָך שטענדיק צייט, אָבער אויף היינט גיט אים מיר, אין מיין האַנט אַריין.

זאָגנדיק דאָס, האָט טאַראַס אים צוגעפירט צו זיין וואָגן נעבן וועלכן ס׳זענען געשטאַנען זיינע קאָזאַקן.

— נו, קריך אַרונטער הינטערן וואָגן, ליג דאָרט און דו זאָלסט זיך קיין ריר נישט טון, און איר, בראַטצעס, לאָזט נישט אַרויס דעם יידן.

---

*) אַן אַלטע אוקראַינישע מטבע. איבערזעצער

אָפּרעדנדיק דאָס דאָזיקע האָט ער געשפּאַנט צום מאַרק, ווייל די גאַנצע מאַסע איז שוין לאַנג אַוועק אַהינצו. אין איין אויגנבליק האָבן אַלע פאַרלאָזט דעם ברעג און די אַרבעט אַרום די צעשעדיקטע שיפלעך, וואָרום איצט איז פאָרגעשטאַנען אַ מאַרש אויף דער יבשה און נישט אויפן ים, און נישט אויף קיין שיפן מיט קאָזאַקישע מעוועס, נאָר ס'זענען צונויפגענומען געוואָרן פערד־און־וועגן אַצינד האָבן שוין אַלע געוואָלט גיין אין צוג, אי אַלטע לייט, אי יינגוואַרג; אַלע פונם ראַט פון די סטאַרשינעס, די עלטסטע פון די געצעלטן און דער אַטאַמאַן אַליין האָבן אין הסכם פונם גאַנצן זאַפּאָראָזשיער מיליטער באַשלאָסן גלייך צו גיין אויף פוילן, כדי נקמה צו נעמען פאַר אַלעם שלעכטן און פאַרן פאַרשוועכן די אמונה אין דעם קאָזאַקישן רום, צו צורויבן דאָס האָב און גוטס פון די שטעט, אָנצינדן אַ פייער אויף דערפער און פעלדער—ווייט איבערן סטעפּ אויפצוהויבן דעם קאָזאַקישן לויב. און תיכף האָבן זיך אַלע אָנגעגורט און באַוואָפנט זיך. דער אַטאַמאַן איז אויסגעוואַקסן אויף אַ גאַנצן אַרשין. דאָס איז שוין נישט געווען דער אָפּגעשראָקענער אויספירער פון די לופטיקע באַגערן פונם אויפגעשטורעמטן פאָלק: דאָס איז געווען דער אומבאַגרענעצטער באַפעלער, דאָס איז געווען אַ דעספּאָט, וואָס קאָן נאָר באַפעלן. אַלע זעלבסטשטענדיקע און טומלענדיקע ריטער זענען גלייכע געשטאַנען אין רייען, מיט דרך־ארץ אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און האָבן נישט געוואַגט די אויגן אויפצוהייבן בעת דער מנהיג האָט אַרויסגעגעבן געבאָטן: ער האָט זיי צעטיילט שטילערהייט אָן געשריי און נישט איילנדיק זיך נאָר מיט ישוב־הדעת, ווי אַן אַלטער, טיף אין זיין זאַך דערפאַרענער קאָזאַק, וועלכער פירט נישט דאָס ערשטע מאָל אויס זיינע קלוגצוגעטראַכטע פּליכטן צו אַן אונטערנעמונג.

— באַוואָרנט זיך, אַלע זאָלט איר זיך גוט באַוואָרענען! —
אַזוי האָט ער געזאָגט. — זעט=צו אייערע וועגן מיט די עמערס
דזשעגעכץ, פּרווט אייערע וואָפן. נעמט נישט מיט זיך מיט קיין
סך מלבושים: צו איין העמד און צו צוויי קאָזאַקישע הויזן, און
צו איין טאָפּ טרוקענע האָבער=מעל מיט געשטויסענער גערשט —
מער זאָל זיך ביי קיינעם קיין מינדסט נישט געפינען! אויף זאַ=
פּאַס וועט אויף די וועגן זיין אַלצדינג, וואָס ס'איז נאָר נויטיק
צו אַ פּאָר פערד זאָל זיין ביי יעדן קאָזאַק! און אַ צוויי הונדערט
אָקסן זאָלט איר מיטנעמען, וואָרום איבער די זומפּן און פּייכטע
ערטער וועט מען דאַרפן אָקסן. ביי אָרדענונג, פּאַנאָוויע, זאָלט
איר זיך דהאַלטן, מער ווי ביי אַלץ. איך ווייס, אַז עס זענען
צווישן אייך פאַראַן אַזעלכע, אַז אויב גאָט וועט שיקן עפּעס אַן
אוצר — וואָלטן זיי תיכף גיין זיך אָפּרייסן קיטײ=געוועב און טייע=
רע סאַמעטן אויף אָנעטשקעס אין די שטיוול אַריין. וואַרפט אַוועק
אַזאַ שדישע געווייבהייט. לאָזט גיין די אַלערליי קליידער, נעמט
נאָר אייגס — וואָפן, אויב עס מאַכט זיך נאָר גוטע, און טשער=
וואָנצעס אָדער זילבער, ווייל דאָס איז דאָס פּאַסנדיקסטע אייגנ=
טום און קומט אין יעדן פאַל צונוץ. און איך זאָג אייך פאָרויס:
וועט ויך אימיצער אונטערוועגנס אָנשכורן, וועט אויף אים קיין
שום רחמנות נישט זיין: ווי אַ הינט וויל איך אים הייסן פאַרן
העלז נעמען און, ווער ער זאָל נאָר נישט זיין, אַפילו דער אויס=
געצייכנסטער קאָזאַק פון דער גאַנצער אַרמיי, וועט מען אים
אין וואָגן אַריינשליידערן; ווי אַ הונט וועט ער אויפן אָרט דער=
שאָסן ווערן און וועט אָן אַ שום לויה, אַוועקגעוואָרפן ווערן אויף
צוצורייסן פאַר די פייגל, וואָרום אַ שכור איז אין קריגס=צוג נישט
ווערט קיין קריסטלעכע באַגרעבעניש. איר יינגע אין אַלצדינג
זאָלט איר האָרכן די אַלטע! אויב וועט אייך טרעפן אַ קויל, אָדער

ביז ווען וועט אייך אַ פּאַכע טון מיט דער שווערד איבערן קאָפּ אָדער איבער עפּעס אַנדערש, טאָ מאַכט נישט דערפון קיין גרויסן ענין: מישט אויס לאַדונג־פּולווער אין אַ פלאַש בראָנפן, איר ווענט דאָס אין איין אָטעם אויסטרונקען, און אַלץ ווענט אַריבערגיין — ס'וועט אַפילו קיין פיבער אייך נישט קאָנען נעמען; און אויף אַ וואונד, אויב זי איז נישט אַזוי גרויס, ווענט איר צולייגן פּשוטע ערד, וועלכע איר זאָלט צופריער אויף דער האַנט אויסמישן מיט שמאַלץ וועט די וואונד צוטריקענען. נו, נעמט זיך זשע פאַר דער זאַך, יינגלעך, און נישט געאיילט נעמט זיך צוטון!

אַזוי האָט געזאָגט דער מנהיג, און אַזוי ווי ער האָט אויפגעהערט צורעדן, האָבן זיך אַלע קאָזאַקן תיכף־ומיד גענומען צו דער אַרבעט. גאַנץ ס ע ט ש האָט זיך אויסגעניכטערט, אין ערגעץ האָט זיך קיין איין שכור נישט געטראָפן, גראָד ווי אַזעלכע וואָלטן קיינמאָל צווישן די קאָזאַקן נישט געווען בנמצא. טייל האָבן צורעכט־געמאַכט די רייפן פון די רעדער און איבערגעביטן די אַקסן פון די פירן; אַנדערע האָבן אויף די וועגן אויפגעלאָדעט זעק מיט שפייז, אויף אַנדערע ווידער — געווער; נאָך אַנדערע האָבן צונויפגעטריבן די פערד מיט די אָקסן. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון פערד, דאָס פּרוון צו שיסן פון ביקסן, דאָס קלינגען פון שווערדן, דאָס ברומען פון אָקסן, דאָס סקריפּן פון קירוועדיקע וואָגנס, דאָס גערעדערײַ, הויכע געשרייען און אַ נוקעווען.

גיך האָט זיך איבערן גאַנצן פעלד פונאַנדערגעשפּרייט דער קאָזאַקישער קאַראַוואַן, און אַ סך וואָלט געהאַט צולויפן דער, וועמען ס'וואָלט זיך פאַרגלוסט אַדורכצולויפן דעם וועג פון זיין קאָפּ ביז זיין עק.

אין אַ נישט־גרויסער, הילצערנער קירך האָט געדינט אַ גייסט־לעכער שליח־צבור, וועלכער האָט אַלעמען באַשפּרוצט מיטן היי־ליקן וואַסער, און אַלע האָבן דאָרט דעם קרייץ געקושט, בעת דער צוג האָט גערירט און אַרויסגעצויגן זיך פון ס ע ט ש, האָבן אַלע זאַפּאָראָזשיער צוריקגעדרייט די קעפּ.

—זײַ געזעגנט, מאַמע אונזערע!—האָבן זיי אַלע כמעט אין איין וואָרט אַרויסגערערט—לאָז דיך גאָט פון אַ יעדן אומגליק באַ־שירמען!

אַדורכפאָרנדיק די פאָרשטאָט, האָט טאַראַס בולבאַ געזען, ווי דאָס יידל זײַנס, יאַנקל, האָט זיך שוין ערגעץ אויפגעשטעלט עפּעס אַ ביידל מיט אַן אָפּדאַך, און פאַרקויפט קיזלשטיינער, שרויפן, פולווער און אַלערליי מיליטערישע מכשירים, וואָס זענען נויטיק אין וועג אַרײַן, און אפילו קיכלעך מיט ברויט.

—וואָסערער טייוולשער ייד דאָס איז! — האָט טאַראַס בײַ זיך געטראַכט און, צורײַטנדיק צו אים אויפן פערד, האָט ער אים געזאָגט—טפש, וואָס־זשע זיצסטו דאָ? אפשר ווילסטו, אַז מ׳זאָל דיך דערשיסן, ווי אַ שוואַלב מ׳דערשיסט?״

יאַנקל איז, אין זיין ענטפער אויף דעם, צו אים נענטער צוגעגאַנגען, און געבנדיק אַ צייכן אַ מיט ביידע הענט, גלייך ער האָט אים געוואָלט מודיע־זיין עפּעס געהייסניספולס, האָט ער אים געזאָגט:—

לאָז דער פאַן נאָר שוויגן און קיינעם נישט אויסזאָגן: צווישן די קאַזאַקישע פורן שטייט איינער מיינס אַ וואָגן; איך פיר־מיט יעדן נוצלעכן זאַפּאַס פאַר די קאַזאַקן, און אונטערוועגס וועל איך צושטעלן אַלעאַרט עסנווארגן צו אַזא וואָלוועלן מקח,

פֿאַר וועלכן קיין שום ייד האָט נאָך קיינמאָל נישט פֿאַרקויפֿט! ביי גאָט, ווי אַזוי ביי גאָט!

טאַראַס בולבאַ האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס, האָט זיך געוווּנדערט איבער דער געוואַגטער יידישער טבע, און איז אַוועק צום מיליטער־צוג.

V

גיך איז דאָס גאַנצע מזרח־מערבדיקע פוילן פאַרציטערט געוואָרן פון רויבערישער אימה. אומעטום האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען:

—זאַפּאָראָזשיער! זאַפּאָראָזשיער זענען געקומען!...

אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געקאָנט ראַטעווען, האָט זיך גע־ראַטעוועט. אַלץ האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צעלאָפן און, לויטן שטייגער פון יענער פאָרמלאָזער, זאָרגלאָזער צייט, ד׳האָט מען קיינמאָל נישט געבויט קיין פעסטונגען, קיין שלעסער, נאָר, ווי ס׳האָט זיך נאָר איינגעגעבן, האָט יעדער מענטש זיך אויף אַ צייט אויפגעשטעלט זיין דירה. ער האָט זיך געטראַכט:

— אַ שאָד דערויף צו פטרן אַרבעט און געלט, בעת אָן דעם וועט זי סוף כל סוף אויך צעשמעטערט ווערן פון די טאָ־טערישע אַנגעלויפן!

אַלץ איז אויפגעטרייסלט געוואָרן: ווער עס האָט אויסגע־טוישט אָקסן מיט אַקער־אייזנס אויף פערד און ביקסן און זיך

אוועקגעלאָזט אין די פּולקן; ווער עס האָט זיך באַהאַלטן, צע־טריבן די רינדער און אַוועקגעטראָגן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט אַוועקטראָגן. אונטערוועגנס האָבן זיך טיילמאָל געטראָפן אַזעלכע, וואָס האָבן זיי שוין מיט אַ באַוואָפנטער האַנט באַגעגנט די געסט, אָבער מער זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען באַצייטנס אַנטלאָפן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז עס איז שווער צו האָבן צו־טון מיט אַ בהלהדיקער און אַ קאָמפּסלוסטיקער מאַסע, וועלכע איז באַקאַנט מיטן נאָמען: זאַפּאָראָזשיער מיליטער, וואָס האָט אין דער אויסערלעכער, ווילדער פּאָרמלאָזיקייט אירער, זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פאָרם, וואָס איז צוגעטראַכט נאָר פאַר מלחמה־צייט. דאָס רייטער־מיליטער איז געפאָרן נישט באַלעסטנדיק און נישט דער־היצנדיק די פערד; די פוס־גייער זענען ניכטערע געגאַנגען אונ־טער די וועגן און דער גאַנצער קאַראַוואַן האָט געצויגן נאָרביי־נאַכט, און רוענדיק בייטאָג, האָבן זיי דערצו אויסגעקליבן ליידי־קע ערטער, נישט באַוואוינטע פּלעצער און וועלדער, וואָס דענסט־מאָל איז דאָס געווען לרוב.

די פאָר־פּאָסטנס פון פאָרויס זענען געווען שפּיאָנען און שליחים, אַז זיי זאָלן געוואָר־ווערן וואו, וואָס, און ווי אַזוי. אָפּט האָבן זיי זיך אין די ערטער, ווי מ'האָט זיי ווייניקער, ווי אומע־טום דערוואַרט, פּלוצלונג באַוויזן — און דאַן האָט זיך שוין אַלץ געמעגט געזעגענען מיטן לעבן; די רינדער און די פערד, וואָס האָבן נישט באַוויזן מיטצוגיין צוזאַמען מיטן מיליטער, זענען אויפן אָרט געהרגעט געוואָרן. דאַכט זיך, אַז זיי האָבן בכלל מער גע־באַלעוועט, ווי דעם צוג פאַרפולקומט. היינט וואָלטן זיך די האָר פונם קאָפּ אויפגעשטעלט פון די שרעקלעכע אַכזריות־צייכנס פון דאָזיקן האַלב־ווילדן יאָרהונדערט, וועלכע די זאַפּאָראָזשיער האָבן אומעטום צעטראָגן. אומגעקומענע יינגעלייט, אָפּגעשניטענע ברוסטן

ביי פּרויען, אַראָפּגעריסענע דהויט פון די פיס ביז איבער די קניען ביי די פונם טויט באַפרייטע—מיט איין וואָרט: די קאָזאַקן האָבן מיט אַ שיינער מטבע אָפּגעצאָלט די פריערדיקע חובות.

אַ פּראָקלאַמאַט פון אַ מאַנאַסטיר, דהערנדיק וועגן זייער דערנענטערונג, האָט צו זיי אַרויסגעשיקט צוויי מאָנאַכן, כדי זיי צוזאָגן, אַז זיי פירן זיך נישט, ווי ס׳געהער צו זיין, אַז צווישן די זאַפּאָראָזשיער און דער רעגירונג הערשט יד־אחת און דאָך זענען זיי עובר אויף זייערע פליכטן לגבי דעם קיסר, און צו־זאַמען דערמיט—אויף יעדער פאָלקס־רעכט.

—זאָג פאַר מיינעטוועגן און פאַר אַלע זאַפּאָראָזשיער דעם בישאָף—האָט דער אַטאַמאַן געזאָגט — אַז ער זאָל פאַר גאָרנישט נישט קיין מורא־האָבן : דאָס טוען נאָר די קאָזאַקן צונדן אָן, אויסרייכערן זייערע לולקעס.

און גיך איז דאָס דערהויבענע פּריסטערטום געפאַנגען גע־וואָרן פון שברון־הלב, און די ריזיקע, גאָטישע פענסטער אירע האָבן טרויעריק אַרויסגעקוקט פון צווישן די זיך אויסטיילנדיקע וואָלקנס פייער.

די לויפנדיקע שטראָמען פון מאָנאַכן, יידן און פרויען זע־נען פלוצלונג גאָר געקומען אין די שטעט, אין וועלכע מ׳האָט שוין געהאָפט אויף אַ מיליטערישן גאַרניזאָן און שטאָטישער שוץ. די צייטנווייז־אַרויסגעשיקטע דורך דער מאַכט פאַרש־עטיקטע הילף וועלכע איז באַשטאַנען פון נישט גרויסע פולקן, אָדער זי האָט זיי נישט געקאָנט געפונען, אָדער זי האָט זיך געשראָקן, האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיטן שונא זיך אויסגעדרייט אויף צוריק, און איז אַנטרינען געוואָרן אויף אירע שלעכטע פערד. ס׳האָט געטראָפן, אַז אַ סך קעניגלעכע קריגס־פירער, וועלכע האָבן

ביז אַהער, אין אַלע פריערדיקע מלחמות גובר געווען דעם שונא, האָבן באַשלאָסן צונויפצוזאַמלען זייער חיל און מיט אַן אַרויסגעשטעלטער ברוסט זיך אַנטקעגנצושטעלן די זאַפּאָראָזשיער. און אָט דאָ האָבן זיך מער פון אַלע געפּרווט זייערע כחות די ייִנגע קאָזאַקן, ווען עס איז פרעמד געווען גזלה, הנאה און מאַכטלאָזע געגנער, און וועלכע עס האָבן געברענט פאַר די עלטערע זיך צו באַווייזן, צופאַרמעסטן זיך פּנים־אל־פּנים מיטן געשיקטן באַרימערישן ליאַק*), וועלכער קאָקעטירט אויף זיין שטאָלצן פערד, מיט די פלאַטערנדיקע אַרבל פונם מאַנטל. און אַ לוסטיקער איז געווען דער לימוד; זיי האָבן זיך שוין דערוואָרבן אַ סך פערדישע וואָפן, טייערע שווערדן און ביקסן.

אין משך פון איין חודש זענען פולשטענדיק איבערגעבוירן געוואָרן די אויפגעוואַקסטע פייגעלעך און זענען געוואָרן מענער; די שטריכן פון זייערע פּנימער, אין וועלכע ס׳איז ביז אַהער געווען קענטיק אַזאַ יוגנטלעכע ווייכקייט, זענען איצט געוואָרן שטרענג און שטאַרק. און דעם אַלטן טאַראַס איז ליב־געווען צוקוקן, ווי זייבע צוויי זין זענען, איינער אונטערן אַנדערן, געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געקעמפט. אָסטאַפּ, דהאָט זיך אויסגעדאַכט, איז נאָך אין דער מאַמענס בויך געווען אָנגעצייכנט אַ קריגערישן וועג און די שווערע תורה פון פאַרענדיקן מלחמה־קאַמפן. קיין איין מאָל זיך נישט פאַרלירנדיק און נישט ווערנדיק אין קיין שום פאַל פאַראומערט, האָט ער מיט קאַלטבלוטיקייט, וואָס איז כמעט אומנאַטירלעך פאַר אַ צוויי־און־צוואַנציק־יעריקן, אין איין אויגנבליק באַנומען די גאַנצע סכנה און די גאַנצע לאַגע פון דער זאַך, און ע׳ האָט תיכף געקאָנט געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי זיך

---

*) פּאַליאַק

פון איר אויסצובאַהאַלטן, און אויסבאַהאַלטן אַזוי, אַז ער זאָל זי שפּעטער אינגאַנצן קאָנען איבערוועלטיקן. זיינע באַוועגונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוצייכענען מיט זייער דערפאַרענדער זיכערקייט, און אין זיי זענען לגמרי נישט געווען קענטיג די נטיות פונם צוקונפטיקן קריגער. זיין לייב האָט געאָטעמט מיט פעסטקייט און זיינע ריטערלעכע אייגנשאַפטן האָבן זיך שוין דערוואָרבן די ברייטע קראַפט פון אַ לייב.

—אָ, וועט דער דאָזיקער מיט דער צייט אויסוואַקסן אַ גוטער פּולקאָווניק!—האָט דער אַלטער טאַראַס געטענהט — איי, איי, וועט דאָס זיין אַ פּולקאָווניק, און נאָך וואָסערער — אַז אי דער באַטקאַ וועט זיך מעגן פאַרשטעקן!

אַנדריי איז אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן אין דער פאַרכישופטער מוזיק פון קוילן און שווערדן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס הייסט באַדענקען, באַרעכענען אָדער באַצייטנס אָפּצושאַצן די אייגענע און פרעמדע כוחות. דעם משוגענער תענוג און די פאַרשיכּורונג האָט ער געזען אין דער מלחמה: עפּעס אַ באַל האָט ער געזען אין די מינוטן, בעת ביים מענטשן צוברענט זיך דער קאָפּ, אין די אויגן בליצט אַלץ און מישט זיך, עס פליען קעפּ, פערד פאַלן מיט אַ דונער אויף דער ערד אַנידער, און ער טראָגט זיך ווי אַ שכורער, אינם געפּייף פון די קוילן, אינם בליץ פון די שווערדן און צוטראָגט אַלעמען קלעפּ אַליין זיי נישט הערנדיק. נישט איינמאָל האָט דער פאָטער זיך אייך געחידושט איבער אַנדריין, זעענדיק, ווי ער איז באַצוואונגען נאָר פון איין ליידנשאַפט, אַז ער איז נוטה צו דעם, אויף וואָס עס וואָלט זיך קיינמאָל נישט געוואַגט אַ קאַלטבלוטיקער און אַ שכלדיקער, און מיט איין משוגענעם דראַנג באַוועג זיינעם האָט ער געוויזן אַזעלכע וואונדער, איבער וועלכע ס׳האָבן

זיך נישט געקאָנט אויסוואונדערן די אַלטע אין די קאַמפן.

דער אַלטער טאַראַס האָט זיך אויך געחידושט, און ער האָט געזאָגט:

— און דאָס איז גוט — דער שונא וואָלט אים שוין נישט גענומען, דעם קריגער! דאָס איז נישט אָסטאַפּ, אָבער ער איז אויך אַ גוטער, גוטער קריגער!

דאָס מיליטער האָט באַשלאָסן גלײַך צו גיין אויף דער שטאָט דובנא, וואו — אַזעלכע האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען — עס זענען פֿאַראַן אַ סך אוצרות און רייכע בירגער. דורך אַנ־דערטהאַלבן טאָג איז דער מאַרש געוואָרן אַדורכגעמאַכט, און די זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך באַוויזן פֿאַר דער שטאָט.

די איינוואוינער האָבן זיך באַשלאָסן צו באַשיצן ביז די לעצטע כוחות און מעגלעכקייטן, און בעסער האָבן זיי געוואָלט שטאַרבן פֿאַר זייערע שוועלן, אויף די מערק און גאַסן, איידער דעם שונא אַרײַנצולאָזן אין די הייזער. אַ הויכע ערד־מויער האָט אַרומגעצאַמט די שטאָט; דאָרט וואו די מויער איז געווען ני־דעריקער, האָט זיך אַרויסגעזען אַ וואַנט אָדער אַ הויז, וואָס האָט געדינט פֿאַר דער שטאָטישער באַטעריי, אָדער, אין ערגסטן פֿאַל, אַ דעמבאָווער פּלויט.

דער מיליטער־גאַרניזאָן איז געווען אַ שטאַרקער און ער האָט געפֿילט די וויכטיקייט פֿון זײַן אויפֿגאַבע. די זאַפּאַראָזשיער האָבן געברענט פֿון היץ, זענען זיי אַרויפֿגעקראָכן אויף דער מויער, וואו מ׳האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שטאַרקן קבלת־פּנים.

די פּויערים און די שטאָטישע בירגער האָבן, ווי ס׳ווײַזט אויס, אויך נישט געוואָלט יום־טובן, און זיי זענען אין איין קופּע געשטאַנען אויף דער שטאָטישער מויער. פֿון זייערע אויגן

האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען אַ פֿאַרצווייפֿלטן ווידערשטאַנד. פֿרויען האָבן זיך אויך באַשלאָסן צובאַטייליקן, און איבער די קעפּ פֿון די זאַפּאָראָזשיער זענען געפֿלויגן שטיינער, פּעסער, טעפּ, זודיקער פּעך און לסוף — זעק מיט זאַמד, וועלכער האָט זיי בלינד געמאַכט אויף די אויגן. די זאַפּאָראָזשיער האָבן נישט ליב געהאַט צו האָבן צוטון מיט פֿעסטונגען, מאַכן אַ באַלאַגערונג איז נישט געווען זייער זאַך, האָט דער אַטאַמאַן דעריבער געהייסן אָפּטרעטן און געזאָגט:

— גאָרנישט וואָס אויפֿצוטון, פּאַני־בראַטצעס, מיר וועלן אָפּטרעטן, נאָר בין איך אַן אומריינער טאָטער און נישט קיין קריסט צי מיר וועלן זיי כאָטש איינעם אַרויסלאָזן פֿון דער שטאָט! זאָלן זיי אַלע פֿון הונגער אויסגעגרן, די הינט!

און דאָס חיל האָט, אָפּטרעטנדיק, אַרומגערינגלט די גאַנצע שטאָט און פֿון ליידיק־גיין זיך באַשעפֿטיקט מיט פֿאַרוויסטן די אַרומיקע געגנט, אונטערצונדנדיק די דערפֿער, די סטויגעס נישט אָפּגעראָמטע תבואה און אַרויפֿלאָזנדיק די פֿערד־טאַבונעס אויף די ברויט־פֿעלדער, וואָס זענען נאָך נישט געווען באַרירט פֿון דער סערפּ, און ווי ס'האָבן זיך, ווי צו להכעיס געוויגט גרויסע מענגעס זאַנגען, די פֿרוכט פֿון אַן אויסערגעוויינלעכער גערעטעניש, באַשענקנדיק גראָד אין דער זעלביקער צייט אַלע אַקער־לייט פֿון דער ברייטער האַנט. מיט פּחד האָבן זיי אַרויסגעקוקט פֿון דער שטאָט, ווי אַזוי עס ווערן פֿאַרניכטעט די מיטלען פֿאַר זייער לייב.

צעשפּרייטנדיק זייערע פֿורן אַרום דער שטאָט אין צוויי שורות, האָבן זיך די זאַפּאָראָזשיער זיך דאָ צעלייגט, גראָד ווי ביי זיך אין סעטש, מיט געצעלטן, האָבן גערייכערט זייערע לולקעס, זיך געביטן מיטן צוגערויבטן געווער, געשפּילט אין טשע=

כאַדע אויף גלייכן און נישט גלייכן מספּר, און ד׳האָבן מיט אַ מערדערישער קאַלטבלוטיקייט געקוקט צו דער שטאָט. ביינאַכט האָבן זיך אָנגעצונדן שייטערהויפנס, אין איטלעכן געצעלט האָבן די קוכערס געקאָכט קאַשע אין גרויסע מעשענע קעסלען; ביי די ברענענדיקע פייערן זענען אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען וואַכן. אָבער דאָס ליידיק־גיין און דאָס לאַנגע ניכטערן זיך, וואָס האָט קיין שום נצחון נישט געבראַכט, האָט די זאַפּאָראָזשיער איינציגוויין אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן. דער אַטאַמאַן האָט שוין אַפילו באַפוילן צו פאַרטאָפּלען די פּאָרציעס וויין, ווי עס פירט זיך טייל־מאָל, בעת עס זענען נישט פאַראַן קיין שווערע קאַמפן און באַוועגונגען. די יינגע, און איבערהויפּט פאַר די זין פון טאַראַס בולבאַ, איז אַזאַ לעבן נישט געפעלן געוואָרן. אַנדריי האָט זיך באַשיינפּערלעך געלאַנגווייליגט:

—נאַרישער קאָפּ!—האָט טאַראַס צו אים געזאָגט—לייד, קאָזאַק—וועסטו אַן אַטאַמאַן ווערן! אַ גוטער זעלנער איז נישט דער זיין גייסט אין אַ וויכטיקן קאַמף נישט פאַרלוירן—אַ גוטער קריגער איז דער, וועמען עס ווערט נישט לאַנגווייליק אי פון ליידיק גיין, דער — וואָס טראָגט אַלץ איבער, הגם דאָס איז נישט ניחא, און ער, ער האַלט זיך אַלץ ביי דאָס זייניקע.

אָבער זיי קאָנען נישט קומען צו קיין הסכמה, דער פלאַמענדיקער יינגערמאַן מיטן אַלטן: אַ פאַרשידענע טבע איז ביי ביידע, און מיט אַנדערע אויגן קוקן זיי ביידע אויף איינער און דערזעלביקער זאַך.

דערווייל איז אָנגעקומען טאַראַסעס פּולק, וואָס איז געווען אָנגעפירט דורך טאָווקאַטשן; מיט אים זענען געווען נאָך צוויי סאָטני־קאָמאַנדירן, אַ שרייבער און נאָך אַנדערע פּולק־ראַנגעס. אַלע צוזאַמען זענען געווען אין דער צאָל פון פיר טויזנט.צווישן

זיי זענען געווען נישט ווייניג פרייוויליקע רייטער, וועלכע זענען אַליין צוגעשטאַנען, פון זייער אייגענעם גוטן ווילן, אָן אַ יעדן רוף, דאַן, ווען זיי האָבן געהערט אין וואָס עס גייט. די קאָמאַנדירן האָבן פאַר טאַראַסעס זין מיטגעבראַכט אַ ברכה פון דער זקנה, דער מאַמען, און איטלעכן צו אַ צופּרעסן-בילדל פונם צווישנבערגיקן קיעווער מאָנאַסטיר. האָבן ביידע ברידער אויף זיך אָנגעטון די הייליקע בילדער און נישט גרינג זיך פאַרטראַכט, דערמאַנענדיק זיך די אַלטינקע מאַמע עפּעס זאָגט זיי נביאות — און וואָס רעדט צו זיי די דאָזיקע בענטשונג? איז עס אַ ברכה, אַז זיי זאָלן גובר-זיין דעם פיינט און דערנאָך אַ פרייליכער אַהיימקערן צום פאָטערלאַנד מיט זאַק-רויב און אַ רום אויף אייביקע לידער פאַר די קאַנדוריסטן? אָדער... נאָר דער עתיד איז אומבאַוואוסט, און ער שטייט פאַרן מענטשן גראָד ווי אַ האַרבסטיקער נעפּל, וואָס הייבט זיך אויף פון די בלאָטעס: אָן ציל פליען אין אים פייגל, אין דער הייך און אונטן, פלאַטערנדיק מיט די פליגל, און דערקענענדיק זיך נישט איינס דאָס אַנדערע, אַ טייבעלע — נישט זעענדיק אַ יאַסטזשעמב, אַ יאַסטזשעמב — נישט זעענדיק אַ טייבל, און קיינער ווייס נישט, ווי ווייט ער פליט פון זיין פאַרציקער.

אָסטאַפּ האָט זיך שוין פאַרנומען מיט זיין אַרבעט און איז שוין לאַנג אַוועק צו די געצעלטן. אַנדרי ווידער אַליין נישט ווייסנדיק פון וואָס, האָט געפילט עפּעס אַ שטיקעניש אויפן האַרץ. די קאָזאַקן האָבן שוין לאַנג פאַרענדיקט זייער וויעטשערע. דער אָוונט איז שוין געווען צו ענדע, די פּראַכט-פולע יולי נאַכט האָט באַהערשט די לופט, אָבער ער איז נישט אַוועק צו די געצעלטן, ער האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן, און האָט מיט אַ נישט גרינג געמיט געקוקט אויפן גאַנצן בילד, וואָס איז פאַר אים געשטאַ-

גען. אויפן הימל האָבן מיט אַ פּיינעם און שאַרפן גלאַנץ געבלי... אָן אַ שיעור שטערן. דאָס פעלד איז געווען טיף פאַרנומען מיט צעשטעלטע איבער איבּ, פורן, מיט הענגענדיקע דזשעגעכץ באַגאָסענע עמערס. זיי זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט אַלדעס גוטן און מיט שפּייז, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן ביים שונא. נעבן די פורן, אונטער די פורן, און אַביסל ווייטער פון די פורן — אומעטום איז געווען צו זען צעוואָרפענע איבערן גראָז, זאַפּאָראָזשיער. אַלע זענען זיי געשלאָפן אין אַ מאָראַלישן צושטאַנד: ווער מיט צוקאָפּנס אונטערגעלייגטע קוילן, ווער מיט אַ היטל און ווער ס'האָט פּשוט דערצו באַנוצט אַ זייט פון זיין שכן. אַ שווערד, אַן צליין־שיסנדיקע ביקס, אַ קורץ־רערלדיק טראָמפּייטל מיט מעשענע בלאַכן און אייזערנע שרייפלעך מיט אַ רינג — דאָס אַלצדינג האָט זיך באַשטענדיק געפונען ביי איטלעכן קאָזאַק. די שווערע אָקסן זענען געלעגן מיט די פיס הינטער זיך, גראָד ווי ווייסלעכע מאַסעס און האָבן פון דערווייטנס אויסגעזען, ווי גראָע צעוואָרפענע שטיינער, צעוואָרפענע איבער די פעלד־שפּועים.

אין אַלע זייטן האָט פון גראָז אָנגעהויבן אויפצושטייגן אַ געדיכט כראַפּעניש פונם שלאָפנדיקן חיל, אויף וואָס עס האָבן זיך פון פעלד, מיט אַ קלינגנדיקן הירזשן אָפּגערופן די פערדלעך וועלכע זענען נישט מסכּים געווען אויף זייערע געפּענטעוועטע פיס.

בינו לבינו האָט זיך עפּעס מעכטיקס און גרויזאַמס צוגעמישט צום חן פון דער יולי־נאַכט. דאָס זענען געווען אָפּגלאַנצן פון די אין דער ווייטנס ברענענדיקע ישובים. אויף איין אָרט האָבן זיך די פלאַמען רויק און מאַיעסטעטיש פונאַנדערגעשפּרייט איבערן הימל, אין אַ צווייט אָרט עפּעס ברענענדיקס, וואָס איז פלוצלונג אַוועקגעריסן געוואָרן פון אַ שטורם, געצווישטשעט און

אַרויפגעפלויגן צו די שטערן, און די צעראָפּגעריסענע שטיקער דערפון האָבן זיך געלאָשן אין די סאַמע ווייטע הימלען. ערגעץ איז געשטאַנען אַן אָפּגעברענטער, מוראדיק שוואַרצער מאָנאַסטיר און גראָד ווי אַ שטרענגער, קאַרטעזיאַנער מאָנאַך, האָט ער ביי יעדן אָפּגלאַנץ אַרויסגעוויזן זיין פּחדימדיקע גרויסקייט דאָרט האָט געברענט דער מאָנאַסטירישער סאָד: ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען הערט, ווי די ביימער סיקען הילנדיק זיך אין רויך, און בעת ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען פייער, האָט עס מיטאַמאָל מיט אַ פּאַסאָרישן, ליליעבראַנדיקן שיין באַלויכטן די צייטיקע בינטלעך פלוימען, אָבער עס האָט דאָ און דאָרט אין רויטן גאָלד פאַרביטן די זיך געלבנדיקע באַרן, און דאָ פלוצלינג האָט אויף דער וואַנט פונם בנין אָדער אויף אַ צווייג פון אַ בוים זיך געשוואַרצלט אַ הענגנדיקער גוף פון אַן אָרעמען ייד אָדער מאָנאַך, וועלכער קומט אום אין פייער צוזאַמען מיט דער געביידע. איבערן פייער האָבן זיך פון דער ווייטנס געצויגן פייגל, וואָס האָבן אויפן פייערדיקן פעלד אויסגעזען ווי אַ הויפן טוגקעלע, דראָבנע צלמלעך. די אַרומגערינגלטע שטאָט איז, דאַכט זיך, אַנטשלאָפן געוואָרן; די טורעם־שפּיצן, די דעכער, דער פלויט און אירע ווענט האָבן זיך שטיל געלויכטן אונטערן אָפּשיין פון די ווייטע פייערן.

אַנדרי איז אַרומגעגאַנגען אין די קאָזאַקישע שורות. די שייטער־הויפנס, ביי וועלכע ס׳זענען געזעסן די וועכטער, האָבן זיך יעדע ווילע געגרייט אויסצולעשן, און די וועכטער אַליין זענען געשלאָפן נאָך אַ שטאַרקן איבערבייס מיטן גאַנצן קאָזאַקישן אַפּעטיט. אים האָט אַביסל פאַרוואונדערט אַזאַ זאָרגלאָזיקייט, טראַכטנדיק:

—נאָך גוט, וואָס עס איז ערגעץ אין דער נאָענט נישט

פאַראַן עפּעס אַ שטאַרקער שונא און ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

ענדלעך איז ער אַליין אויך צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פורן. אויף אים אַרויפגעקראָכן און האָט זי צוגעלייגט מיטן פנים אַרויף אונטערלייגנדיק זיך צוקאָפּנס די צוויי אויף אַ הינטער פאַרבויגענע הענט, אָבער ער איז נישט איינגעשלאָפן, און האָט לאַנג געקוקט אויפן הימל: ער איז אינגאַנצן פאַר אים געווען פריי; אין דער לופט איז געווען ריין און דורכזיכטיק, דאָס שטערן געדיכטעניש, וואָס האָט געמאַכט אַ מילך־וועג און אַ באַלכסנדיק פאַרוואָרפענעם פּאַס איבערן הימל — אַלץ איז געווען באַגאָסן מיט ליכט.

צייטנווייז האָט זיך אַנדרי, ווי פאַרגעסן און עפּעס אַ לייכטער נעפּל פון שלאָף האָט אים אויף איין רגע דעם הימל פאַרשטעלט און דערנאָך האָט עס זיך פון דאָסניי אויסגעלייטערט און ס׳איז ווידער געוואָרן ליכטיק.

בשעת מעשה האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַזאַ משונהדיק בילד פון אַ מענטשלעכן פּנים האָט פאַר אים אַ בליץ געטון. מיינענדיק, אַז דאָס איז געווען אַ פּשוטע באַצויבערונג פונם שלאָף, וואָס טוט זיך ערשט אין אָט דער רגע פונאַנדער שטראַלן, האָט ער שטאַרקער זיינע אויגן צעעפנט און דערזען אַז צו אים האָט זיך באמת צוגעבויגן עפּעס אַ פאַרחלשט, אויס־געטרוקנט פּנים און אַז עס האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. די לאַנגע און קוילן שוואַרצע, נישט צוגעקעמטע צעפּאַטלטע האָר זענען איר אַפּוירגעקראָכן פון אונטער דעם טונקעלן, פאַרוואָרפענעם קאָפּ־שלייער, אי דער משונהדיקער גלאַנץ פון איר בליק, אי די טויטלעכע שוואַרצקייט פונם פּנים מיט די שאַרפע, טיפע קנייטשן האָבן גיך אויף זיך געוואָרפן

דעם חשד, אַז דאָס איז געווען אַ געשפּענסט. ער האָט זיך גע־שווינט געכאַפּט פאַרן פּייפל און ער האָט כמעט אַ ציטערנדיקער אַרויסגערעדט:

—ווער ביסטו? ביסטו אַ נישט גוטער, פאַרשוואונד פון מיי־נע אויגן, און ביסטו אַ מענטש, האָסטו נישט אין דער ריכטי־קער צייט זיך צעשפּאַסט — וועל איך דיך הרגענען מיט איין שאָס.

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט דאָס פאַרזעעניש צוגעטון אַ פינגער צו די ליפּן און האָט, דאַכט זיך, געבעטן וועגן שטיל־שווייגן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט די האַנט און זיך אין איר אָנ־געהויבן אויפמערקזאַמער איינקוקן.

לויט די לאַנגע האָר, דעם האַלז און דער האַלב אַנט־בלויזטער, ברוינער ברוסט האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז אַ פרוי. אָבער זי איז נישט געווען קיין דאָרפישע געבוירענע: איר גאַנץ פּנים איז געווען ברוין, אויסגעמאַטערט פון אַ קראַנקהייט, די ברייטע קינען אירע האָבן זיך שאַרף אַראָפּגעלאָזט צו זייט־דיקע דאַרע באַקן, די שמאָלע אויגן האָבן, אין זייערע בויגנאַר־טיקע לעכער זיך אויפגעהויבן צו דער הייך. וואָס מער ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר פּנים, אַלץ מער האָט ער אין איר געפונען קענטלעכעס. ענדלעך, ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן, און האָט געפרעגט:

—מיט צוויי יאָר צוריק אין קיעוו!

—צוויי יאָר צוריק אין קיעוו—האָט אַנדרי איבערגעחזרט, באַמיענדיק צונויפצוזאַמלען אַלץ, וואָס עס האָט נאָר דערגענצט דעם זכרון פון זיין פריערדיקן סעמינאַריע־לעבן.

ער האָט זיך נאָך אַמאָל אין איר טיף איינגעקוקט און

בלוצלוג אויסגעשריען פון זיין גאַנצן כח:

—דו ביסט עס די טאָטערקע! דאָס שטוב־מיידל פון דער פּאַנאָטשקע, דעם וואָיעוואָדעס טעכטערל!

—טששש!—האָט די טאָטערקע אויסגעמורמלט פאַרלייגנ־דיק מיט תחנונים די הענט, אַ ציטערנדיקע אינם גאַנצן קער־פּער, און אויסדרייענדיק אין דער זעלבער צייט דעם קאָפּ, כדי צו זען, צי ס׳האָט זיך נישט אימיצער איבערגעוועקט פון דעם שטאַרקן ליאַרם, וואָס אַנדרי האָט אָנגעמאַכט.

—זאָג, זאָג, צו וואָס, ווי אַזוי ביסטו אַהער געקומען? —האָט אַנדרי גערעדט שטיקנדיק זיך ממש פון דער שטילקייט, וואָס ווערט יעדע רגע איבערגעריסן פון אַן אינעווייניקדיקן שטורם—וואו איז די פּאַנעטשקע? לעבט זי נאָך?

—זי איז פאַראַן, אין דער שטאָט איז זי.

—אין שטאָט? —האָט ער אַרויסגעמורמלט, שיער נישט אויסשרייענדיק פון דאָס ניי, און ער האָט געפילט, וואָס דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך אים מיטאַמאָל אַ גאָס־געטון צום האַרץ—מחמת וואָס איז זי אין דער שטאָט?

—דערפאַר, וואָס דער אַלטער פּאַן איז אין דער שטאָט: שוין אַנדערטהאַלבן יאָר, ווי ער זיצט אַלס וואָיעוואָדע אין דובּ־נאָ.

—וואָס, וואָס זי איז שוין אַרויס פאַר אַ מאַן? זאָג־זשע נאָר—סאַרע שרעקלעכע דו ביסט!—וואָס איז זי אַצינד...

—שוין דער צווייטער טאָג, וואָס זי האָט גאָרנישט גע־געסן.

—ווי אַזוי?

— ביי קיינעם פון די שטאָטישע איינוואוינער איז שוין לאַנג נישט פאַראַן קיין ברעקל ברויט, אַלע עסן שוין פון לאַנג גאָלע ערד.

אַנדרי איז אינגאַנצן פאַרשטיינערט געוואָרן.

— פון דער שטאָטישער מויער האָט די פאַנעטשקע דיך געזען צוזאַמען מיט די זאַפּאָראָזשיער. זי האָט מיר געזאָגט: גיי און זאָג דעם ריטער: אויב ער געדענקט מיך, זאָל ער צו מיר קומען, און געדענקט ער נישט—זאָל ער געבן אַ שטיקל ברויט פאַר דער אַלטער, דער מאַמען מיינער, וואָרום איך וויל נישט זען, ווי מיין מאַמע שטאַרבט נעבן מיר. זאָל איך בעסער פריער שטאַרבן, און זי—נאָך מיר. בעט אים און פאַל פאַר אים אויף די קניען: ביי אים איז אויך פאַראַן אַן אַלטע מאַמע—זאָל ער פאַר אירעט וועגן געבן ברויט!

פיל פאַרשיידענע געפילן האָבן זיך געוועקט און אויפגע-שטורעמט די ברוסט פונם יינגן קאָזאַק.

—אָבער ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהערצו?

—דורך אַן אונטערערדישן שטעג.

—איז פאַראַן אַן אונטערערדישער וועג?

—פאַראַן.

– וואו?

—וועסטו דאָס נישט אויסזאָגן, ריטער?

—כ׳שווער זיך ביים הייליקן קרייץ!

אַראָפּלאָזנדיק זיך צום וועלדל און אַדורכגייענדיק דאָס דורכפליסנדיקע וואַסער, דאָרט, וואו ס׳איז די זומפּ.

—און מ׳קומט אַרויס צו דער סאַמער שטאָט?

—גלייך צום שטאָטישן מאָנאַסטיר.

—גייען מיר, מירן גיין באַלד!

—אָבער, דערבאַרם זיך, קריסטו און הייליקע מאַריע, גיב אַ שטיקל ברויט!

—גוט, ס'וועט זיין! שטיי דאָ נעבן וואָגן, אָדער, בעסער, לייג זיך אויף אים: ס'וועט דיך קיינער נישט דערזען, אַלע שלאָפן. איך וועל באַלד צוריקקומען.

און ער איז אַוועק צו די וועגענער, וואו עס זענען געלעגן די זאַפּאַסן, וואָס האָבן אָנגעהערט צו זייער אָפּטיילונג. דאָס האַרץ האָט אין אים געהעמערט. אַלץ, וואָס איז נאָר־וואָס פאַרבייגעגאַנגען, אַלץ, וואָס איז געווען פאַרטייבט פון די איציקע, קאָזאַקישע פעלד־לאַגערס, פון דעם שטרענגן, קריגערישן לעבן—אַלץ איז אַרויפגעשוואומען פון אויבן אויף, פאַרטרונקנדיק אין זיין סדר אויך דאָס געגנוואַרטיקע. ווידער האָט פאַר אים אויפגעטויכט, ווי פון אַ טונקעלן, ימישן אָפּגרונט, אַ שטאָלצע פרוי ווייטער האָבן אין זיין זכרון געבלאַנקט אירע וואונדערשיינע הענט, אויגן, דאָס לאַכנדיקע מויל, אירע געדיכטע געלאָקטע, טונקל־ברוינע האָר, צעפּאַלענע איבער דער ברוסט, און אַלע אירע עלאַסטישע גלידער, וואָס זענען האַרמאָניש מיט דער געטאָקטער שאַפונג פונם מיידלשן וואוקס. ביין, זיי זענען נישט אויסגעלאָשן געוואָרן, בייערט זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין זיין ברוסט, זיי האָבן זיך נאָר אָפּגערוקט אָן אַ זייט, כדי אויף אַ צייט צו געבן פרייען אָרט פאַר אַנדערע מעגלעכע געפילן, אָבער אָפּט, אָפּט האָט מיט זיי געשלומערט דער טיפער שלאָף פונם יינגן קאָזאַק. אָפּטמאָל דערוואַכנדיק, איז ער אָן שלאָף געלעגן אויפן געלעגער, נישט קאָנענדיק תופס זיין די סיבה דערפון.

ער איז געגאַנגען, און דאָס קלאַפּן פונם האַרץ איז געוואָרן שטאַרקער, שטאַרקער, און ביים געדאַנק, אַז ער וועט זי ווידער זען, האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן אויך די ייגגע קניען. צוקומענדיק צו די וועגענער, האָט ער אינגאַנצן געהאַט

פֿאַרגעסן, נאָך וואָס ער איז אַהערגעקומען: האָט ער אויפֿגעהויבן די האַנט צום שטערן און אים לאַנג געריבן, באַמיענדיק זיך אַזויערנאָך צו דערמאָנען, וואָס עס איז אים נויטיק.

ענדלעך האָט ער אויפֿגעציטערט און איז אינגאַנצן אָנגעפֿילט געוואָרן מיט שרעק: אים איז פּלוצלונג געקומען אויף דער מחשבה, אַז זי שטאַרבט פֿון הונגער. ער האָט זיך געוואָרפֿן צום וואָגן און פֿון אים אַראָפּגעכאַפּט עטלעכע גרויסע, שוואַרצע לאַבנס ברויט, אָבער דערביי האָט ער געטראַכט: וועט דען ד דאָזיקע שפּייז, וועלכע איז גוט פֿאַר אַ קרעפּטיקן, נישט-איבערקלייבערישן זאַפּאַראָזשיער, נישט זיין צו גראָב און נישט-איידל פֿאַר צאַרטן געביי? דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז נעכטן האָט דער אַטאַמאַן אויסגעזידלט די קאַשע-קוכערס דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן פֿאַר איין מאָל אויסגעקאָכט דאָס גאַנצע גערשטן-מעל אויף סאַלאַמאַטע*), בעת עס וואָלט געניגט אויף גוטע דריי מאָל, זייענדיק אין דער פֿולער זיכערקייט, אַז ער וועט נאָך געפֿונען גענוג געקעכץ אין די קעסלען, האָט ער אַרויסגעקראָגן דעם פֿעטערס וועג-קעסעלע, און איז דערמיט אַוועק צום קוכער פֿון זייער אָפּטיילונג, וועלכער איז גראָד געשלאָפֿן נעבן צוויי צען-עמערדיקע קעסלען, אונטער וועלכע דאָס אַש האָט נאָך געטליעט. אַריינקוקנדיק אין זיי, איז ער געוואָרן אָפּהענטיק, זעענדיק, אַז ביידע זענען זיי ליידיק. מ'האָט באַדאַרפֿט נישט-מענטשלעכע כוחות, כדי דאָס אַלץ אויפֿצועסן, און נאָך מער: דערפֿאַר, וואָס אין זייער אָפּטיילונג איז געווען ווייניקער מענטשן, ווי אין די אַנדערע. ער האָט אַריינגעקוקט אין די קעסלען פֿון די אַנדערע אָפּטיילונגען — אין ערגעץ איז גאָר-

*) אַזאַ מין כבוד-געקעכץ פֿון האַבער — אָדער גערשטן-מעל ביי די רוסן.

נישט געווען. נישט־ווילנדיק איז אים אייגגעפאַלן דאָס ווערטל: „די זאַפּאָראָזשיער זענען ווי די קינדער: אויב ס'איז ווייניק — עסן זיי עס אויף, איז אַ סך פֿאַראַן — לאָזן זיי אויך גאָרנישט איבער". וואָס זאָל ער אַלזאָ טון? ערגעץ־וואו, דאַכט זיך, אויפֿן וואָגן פֿונם טאַטנס פֿולק, איז געווען אַ זאַק מיט ווייס ברויט, וועלכן זיי האָבן געפֿינען בארויבנדיק די מאָנאַסטיר־בעקעריי. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום פֿאָטערס וואָגן, אָבער דער זאַק האָט זיך שוין אויפֿן וואָגן נישט געפֿונען: אָסטאַפּ האָט זיך אים אונטערגעלייגט צוקאָפּנס, און אויסציִענדיק זיך נעבן אים אויף דער ערד, האָט ער זיך צוכראָפּעט איבערן גאַנצן פֿעלד. אַנדרי האָט אַ כאַפּ־געטון מיט דער האַנט דעם און אים אַזאַ צי־געטון אַז אָסטאַפּס קאָפּ איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד און ער אַליין איז אינגאַנצן אויפֿגעשפּרונגען אַן איבערגעשראָקענער און, זיצנדיק מיט פֿאַרקלעפּטע אויגן, האָט ער אויסגעשריִען מיט גאַנצן כח:

—האַלטס, האַלטס דעם טייוולישן ליאַך, און דאָס פֿערד כאַפּט, דאָס פֿערד כאַפּט!

—שווייג, וואָרום איך וועל דיך טויטן!—האָט אַנדרי אַן איבערגעשראָקענער אויסגעשריִען, אַ באַוועג־טוענדיק אויף אים מיטן זאַק.

אָבער אָסטאַפּ האָט שוין אויך אָן דעם מער נישט גערעדט, איז רויִק אַנידערגעפֿאַלן און האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ שנאָרך, אַז פֿון בלויזן אָטעם האָבן זיך גערירט די גרעזער, אויף וועלכע ער איז געלעגן.

אַנדרי האָט זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, כדי צו זען, צו אָסטאַפּס שלאָף־אויסגעשריי האָט אימיצן פֿון די דאָזיקן אויפֿגעוועקט.

אַ קענדזשערדיקער קאָפּ האָט זיך, קענטיק, אין דער נאָ-

טער אָפּטיילונג אויפגעהויבן, און אַ פיר-טועגדיק מיט די אויגן אַרום, האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אײַ־בערוואַרטנדיק אַ מינוט צוויי, איז ער לסוף אַוועק מיט זיין משא.

די טאַטערקע איז געלעגן און האָט קוים דעם אָטעם גע־צויגן.

—שטיי־אויף, מירן גיין! אַלע שלאָפן, האָב קיין מורא נישט וועסט טראָגן כאָטש איינס פון די ברויטן, אויב ס'וועט מיר נישט זיין צו־דער־האַנט אַלע צונעמען!

אַרויסרעדנדיק דאָס דאָזיקע, האָט ער אַרויפגענומען אויפן רוקן די זעק, האָט פאַרבייגייענדיק אַ וואָגן, מיטגעשלעפט נאָך אַ זאַק מיט גערשט, אונטער דער האַנט דאָט ער אַפילו גענומען די ברויט, וועלכע ער האָט געוואָלט געבן צוטראָגן דער טאָ־טערקע, און בייגנדיק זיך אַביסל אונטער דער משא, איז ער דורכגעגאַנגען די רייען פון די שלאָפנדיקע זאַפּאָראָ־זשיער.

—אַנדריי!—האָט דער אַלטער בולבא געזאָגט, דאַן, ווען ער איז אים פאַרבייגעגאַנגען.

דאָס האַרץ איז אין אים איינגאַנצן פאַרשטאַרט-געוואָרן; האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און איגאַנצן אַ ציטערנדיקער, האָט ער שטיל אַרויסגערעדט:

—וואָס?

—אַ פרוי איז מיט דיר! עי, וועל איך דיך דורסן, אַז כ'וועל זיך אויפהייבן! די ווייבער וועלן דיך צו קיין גוטס נישט ברענגען!

דאָס אַרויסרעדנדיק, האָט ער אָנגעלענט דעם קאָפּ און

עלנבויגן און טיף זיך איינגעקוקט אין דער מיטן שלייער פֿאַרה ל־טער טאָטערקע.

אַנדרי איז געשטאַנען נישט טויט, נישט לעבעדיק, און האָט דעם פֿאָטער נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַרײַן. ערשט שפּע־טער בעת ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און אויף אים אַ קוק־געטון, האָט ער געזען, אַז דער אַלטער בולבא איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיטן קאָפּ אויף דער דלאָניע.

ער האָט זיך איבערגעצלמט, און בשעת מעשה איז אים די שרעק פונם האַרץ פֿאַרשוואומען געוואָרן גיכער, ווי זי איז צו אים געקומען, און אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט, כדי אַ קוק צו טון צו דער טאָטערקע, איז זי פֿאַר אים געשטאַנען גראָד ווי אַ טונקעלע גראַניט־סטאַטוע, איינגעאַנצן אַ פֿאַרוויקלטע אינם שלייער, און דער אָפּשיין פֿונם דערווייטערטן מאָרגנרויט, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט רק אין אירע צוויי אויגן, וועלכע זענען געווען פֿאַרשטאַרט ווי ביי אַ מת. ער האָט איר אַ צי־געטון פֿאַרן אַרבל, אוןביידע זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען, אומאויפֿהערלעך זיך אומגעקוקט אויף צוריק, און ענדלעך דהאָבן זיי זיך אַראָפּ־געלאָזט צו אַ טאָליג־נידעריג וועלדל, וועלכער איז אייגנטלעך, געווען ווי אַ גרויסער וואַלד און וועלכן מ׳האָט אין טייל ערטער גערופֿן: „די בעלקעס״, צווישן וועלכן ס׳דהאָט זיך פויל אַדורכ־געשלײכט אַ וואַסערל, וואָס איז אין פיל ערטער געווען פֿאַר־וואָרפֿן מיט אינזעלעך און פֿאַרוואַקסן מיט זעע־גראָז. אַראָפּלאָזנ־דיק זיך אין דעם דאָזיקן טאָל, זענען זיי איינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן פונם פעלד, וואָס איז געווען פֿאַרנומען מיטן זאַפּאָ־ראָזשיער קר׳יגס־לאַגער.

ערשט דאַמאָלס, ווען אַנדרי דהאָט זיך אומגעקוקט, האָט ער באַמערקט, אַז הינטער אים האָט זיך — מיט אַ נידעריקער

וואַנט, אַביסל העכערע פון אַ מענטש — אויפגעהויבן אַ בערגל; אויף זיין שפּיץ האָבן זיך געוויגט עטלעכע פעלד־גרעזער, און איבער זיי, האָט זיך אויפן הימל אומגעטראָגן אַ לבנה, גראָד ווי אַ באַלכסון איבערגעקערטע סערפּ פון שטראַלנדיקן, רויטן גאָלד. דאָס פאַרבלאָנדזשעטע סטעפּ־ווינטל האָט צעוויסן געטון, אַז ס'איז שוין נישט קיין סך צייט געבליבן צו באַגיגען. אָבער אין ערגעץ האָט זיך נישט געהערט דער דערוויטערטער קריי פון האָן: נישט אין דער שטאָט, נישט אין די פאַרניכטעטע ישובים איז קיין האָן נישט איבערגעבליבן. איבער אַ נישט גרויסן ברעט זענען זיי אַדורכגעגאַנגען דעם טייך. נעבן וועלכן עס איז געלעגן דער קעגנאיבערדיקער ברעג, וועלכער האָט זיי אויסגעוויזן צו זיין העכער פון דעם, וואָס איז געלעגן הינטער זיי. ווי עס האָט אויסגעזען, איז אויף דעם דאָזיקן אָרט געווען דער שטאַרקער און מיט־זיך זיכערער פונקט פון דער שטאָטי־ שער פאַרפעסטיקונג; די ערדישע מויער איז דאָ לכל הפחות, געווען נידעריקער און ס'האָט זיך פון איר נישט אַרויסגעזען דער מיליטערישער גאַרניזאָן.

אָבער דערפאַר, האָט זיך אַביסל אַרויפצו אויפגעטראָגן אַ דיקע, מאָנאַסטירישע וואַנט. דער אָפּגעריסענער ברעג איז אינ־ גאַנצן געווען באַוואַקסן פון אַ הויכן גראָז, און אויף אַ נישט־גרויס־ אינזעלע, וואָס צווישן אים און דעם טייך, זענען געוואַקסן הוי־ כע זומפּ־שטעקעלעך, וואָס זענען הויך געווען כמעט, ווי אַ מענטש. אויבן, אויפן צעשטערטן ברעג, זענען געווען קענטיק איבערבלייבענישן פון ריטלעך, וועלכע האָבן עדות געזאָגט וועגן אַן אַמאָל געוועזענעם גאָרטן, פאַר אים — ברייטע פונם ווינט געפּאַקטע בלעטער, אונטער אים האָבן אַרויסגעטאַרטשעט טאַט־ ראָק־שטעקעלעך, ווילדע, בריענדיקע קראָפּיווע און אַ זון־בלום, וואָס האָט העכער פון אַלע אויפגעהויבן איר קאָפּ. דאָ האָט די־

טאָטערקע אויסגעטון די שיך, איז געגאַנגען אַ באָרוועסע, פאָר־זיכטיק אונטערהייבנדיק איר קלייד. ווייל דאָס אָרט איז דאָ געווען קויטיק און איבערפול מיט וואַסער. אַריבערקומענדיק אי־בער דער זומפּ, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר צעוואָרפענע באָדל־קשאַקעס און פּאַשיניקע, בייגנדיק די נאָדל ביימלעך, האָבן זיי געפונען אַ מין ערדישן געוועלב — אַן עפענונג, וואָס איז אַביסעלע גרעסער פון דער עפענונג אין אַ ברויט־אויוון. די טאָ־טערקע, איז איינבייגנדיק דעם קאָפּ, אַהין אַריין די ערשטע, אונטער איר איז געגאַנגען אַנדרי, וועלכער האָט זיך איינגעבויגן ווי נאָר מעגלעך נידעריקער, כדי ער זאָל זיך קאָנען אַריבער־טראָגן מיט זיינע זעק, און גיך האָבן זיך ביידע געפונען אין אַ שטאָק פינסטערניש.

VI

אַנדרי האָט זיך קוים געשלעפּט איבער דעם טונקעלען און שמאָלן, ערדישן קאָרידאָר, גייענדיק טריט ביי טריט אונטער דער טאָטערקע און טראָגנדיק אויף זיך די זעק מיט ברויט.

— ס׳וועט אונז גיך ליכטיק ווערן — האָט די פּיפּערן געזאָגט — מיר קומען צום אָרט, וואו איך האָב אַוועקגעשטעלט אַ לייכטער.

און גראָד האָבן טאַקע די פינסטערע ערד־ווענט איינציגוויז זיך אָנגעהויבן צו באַשיינען מיט אַ ליכטיקייט. זיי זענען צוגעקומען צו אַ נישט־גרויסן פּלאַץ, וואו ס׳איז, דאַכט זיך, געווען אַ וואַך־קאַמער; האַרט צו דער וואַנט איז געווען צוגעשטעלט אַ שמאָל טישעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטאַר־טיש, און איבער דעם איז געהאַנגען אַ פאַרבלייכט בילד פון אַ כמעט זיך אומקוקנדיקער, קאַטוילישער מאַדאָנע. אַ נישט־גרויקע, זילבערנע לאָמפּאַדע, וואָס איז פאַר זיי געהאַנגען, האָט עס קוים־קוים באַלויכטן. די טאָטערקע האָט זיך אַראָפּגעבויגן און פון דער ערד

אויפגעהויבן דעם איבערגעלאָזענעם, מעשענעם לייכטער; וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויך, דין פיסל מיט אַרום און אַרום אויף קייטעלעך הענגענדיקע צווענגעלעך און אַ שפּילקע אויף צו פאַרבעסערן דאָס פייער און מיט אַ לעשער. נעמענדיק די לאָמפּ האָט זי אים אָנגעצונדן מיטן פלאַם פון דער לאָמפּאַדע — איז געוואָרן ליכטיקער, און ביידע, גייעגדיק צוזאַמען, זייענדיק באַהעלט פון אַ שטאַרקן פייער און וואַרפנדיק מיט פינסטערע, ווי קוילן שאָטנס, האָבן זיי מיט זיך דערמאָנט גערארדאָס בילד dalle notti. דאָס פרישע, ברענענדיקע פון געזונט און יוגנט, שיינע פּנים פונם ריטער, האָט פאַרגעשטעלט דעם שטאַרקן היפּוך פון דעם קראַנקן און בלייכן פּנים פון זיין באַגלייטערן. דער אַדורכגאַנג איז געוואָרן אַ ביסעלע ברייטער, אַזוי, אַז אַנדרי האָט זיך שוין געקאָנט אויסגלייכן. מיט נייגיריקייט האָט ער זיך איינגעקוקט אין די דאָזיקע ערדישע ווענט, וואָס האָבן אים דערמאָנט די קיעווער הייל. פונקט ווי אין די קיעווער היילן, זענען דאָ געווען פאַרטיפונגען אין די ווענט, און וואו־נישט־וואו זענען געשטאַנען טויטן־קאַסטנס; ערטערווייז האָבן זיך פּשוט געטראָפן מענטשלעכע ביינער, וואָס זענען פון פייכטקייט ווייך־געוואָרן און זיך צעשיט אין מעל. אַפּנים, אַז אויך דאָ זענען געווען הייליקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון וועלטישע שטורמען, ביטערנישן און פאַרפירונגען. די פייכטקייט איז ערטערווייז געווען זייער שטאַרק: אונטער זייערע פיס איז אָפטמאָל געווען פול וואַסער.

אַנדרי האָט זיך אָפט געדאַרפט אָפּשטעלן, כדי צולאָזן אָפּרוען זיין חברטע. ביי וועמען די פאַרמאַטערונג האָט זיך איבערגעחזרט אָן אויפהער. דאָס קליינע שטיקל ברויט, וואָס זי האָט אַראָפּגעשלונגען, האָט ביי איר נאָך אויפגערייצט דעם מאָגן וואָס

איז געווען אָפּגעווייגט פון עסן, און אַ מאַכטלאָזע האָט זי זיך זייער אָפּט אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט.

ענדלעך זענען זיי צוגעקומען צו אַ קליינער, אייזענער טיר.

—נו, געלויבט איז גאָט, מיר זענען שוין דאָ — האָט די טאָטערקע מיט אַ שוואַך קולכל אַרויסגערעדט.

זי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, כדי אָנצוקלאַפּן, אָבער זי האָט קיין כח נישט געהאַט דערצו. האָט אַנדרי פאַר אירעטוועגן אַ פעסטן קלאַפּ-געטון אי דער טיר, פון וואָס ס׳האָט אָפּגעהילכט מיט אַ גערויש, וועלכעס האָט עדות-געזאָגט, אַז אויף יענער זייט טיר געפינט זיך אַ גרויסער, פרייער חלל. דער ווידערקלאַנג איז, ווי ס׳האָט אויסגעוויזן, צעשמעטערט געוואָרן אָן די הויכע געוועלבן. אין אַ מינוט צוויי אַרום האָט זיך געהערט אַ קלימפּערן פון שליסלען און, דאַכט זיך, אַן אַראָפּגיין פון אימיצן דורך דער לייטער.

לסוף האָט זיך די טיר געעפנט, און זיי האָט אויף אַ שמאָלינקע טרעפּעלע באַגעגנט אַ מאָנאַך מיט שליסלען און אַ ליכט אין דער האַנט.

אַנדרי איז תיכף שטיין-געבליבן, ווי נאָר ער האָט דערזען דעם קאַטוילישן מאָנאַך, וועלכער וועקט אַזאַ פיינטלעכע פאַראַכטונג ביי די קאָזאַקן, וואָס בייגייען-זיך מיט זיי אוממענטשלעכער ווי מיט יידן.

דער גייסטלעכער איז אויך אַ ביסל אָפּגעטרעטן אויף צוריק, דערזענדיק דעם זאַפּאָראָזשיער קאָזאַק, נאָר אַ וואָרט, וואָס איז שטילערהייט אַרויסגערעדט געוואָרן דורך דער טאָטערקע, האָט אים באַרואיקט. ער האָט זיי צו געלויכטן, אונטער זיי פאַרמאַכט די טיר און זיי דורך דער טרעפּ אַרויפגעפירט אין-דער-הייך, און

זיי האָבן זיך פלוצלונג געפונען אונטער די טונקעלע געוועלבן פונם מאָנאַסטירישן קלויסטער.

ביי איינעם פון די אַלטאַרן, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשטעלט מיט הויכע מנורות און ליכט, איז אויף די קניען געשטאַנען אַ גייסטלעכער, וואָס האָט שטיל מתפלל־געווען. נעבן אים זענען איןביידע זייטן אויך אויף די קניען געשטאַנען צוויי יינגע משוררים, זיי זענען געווען אָנגעטון אין ליליע־פאַרביקע הילעס מיט ווייסע, געהאָפטענע שעמיזעטקעס אויף זיי און מיט ווייררויך־בעקנס אין די הענט. ער האָט מתפלל־געווען, אַז עס זאָל אַ נס אַראָפגעשיקט ווערן: וועגן ראַטעווען די שטאָט, וועגן שטאַרקונג פונם פאַלנדיקן גייסט, וועגן דעם, אַז עס זאָל אַראָפּנידערן די סבלנות, וועגן דער פאַרמיידונג פון אַ נסיון, וועלכער רופט־אַרויס תרעומות און אַ נעבעכדיקן, אימהדיקן געוויין אויף די ערדישע אומגליקן. אייניגע פרויען, וואָס זענען ענלעך צו געשפענסטער, האָבן געקניט אָנשפאַרנדיק אָדער אינגאַנצן אַנידערלייגנדיק זייער פאַרמאַטערטע קעפּ אויף די אָנלענען פון די שטייענדיקע נעבן זיי שטולן און טונקעלע, הילצערנע בענק; עטלעכע מאַנסבילן, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די קאָלומנעס און זיילן, אויף וועלכע ס'האָבן זיך אויפגעטראָגן די זייטן־געוועלבן, זענען אויך געשטאַנען, פאַרומערטע, אויף די קניען. דאָס פענסטער מיט די פאַרביקע שויבן, וועלכעס געפינט זיך איבערן אַלטאַר, איז באַלויכטן געוואָרן פונם ראָזעווען מאָרגן־רויט, וואָס איז דורך די שויבן אַראָפּגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע און הימל־בלע, געלע און אַנדערע פאַרבן פונם ליכט־קרייז, וועלכער האָט אַזוי פלוצלונג באַלויכטן דעם פינסטערן קלויסטער. דער גאַנצער אַלטאַר איז אין זיין ווייטער טיפעניש פלוצלונג געוואָרן באַשטראַלט, דער ווייררויך האָט זיך אין דער לופט געשטעלט ווי אַ רעגנבויגנדיק באַלויכטענער וואָלקן.

אַנדרי האָט נישט אָן פאַרוואונדערונג אַרויסגעקוקט פון זיין פינסטערן ווינקל אויף דעם נס, וואָס דאָס ליכט האָט גע־בראַכט.

אינדעם האָט אַן אומגעריכט מעכטיקער געבריל פון אַן אָר־גאַן זיך צעשפרייט איבערן גאַנצן גאָטס הויז; דאָס געבריל איז געוואָרן געדיכטער, געדיכטער, עס האָט זיך איבערגעריסן, איז איבערגעגאַנגען אין אַ שווער ראָלקעווען פון אַ דונער און דער־נאָך מיטאַמאָל זיך בייטנדיק אין אַ הימלעשער מוזיק, וועלכע איז מיט אירע זינגענדיקע קלאַנגען אויפגעגאַנגען הויך צו די גע־וועלבן, האָט דערמאָנט אָן דינע, מיידעלשע קולכעלעך און—ענד־לעך — פון דאָסניי זיך געביטן אין אַגעדיכט ברילעניש, אין אַ דונערן און איז שטיל־געוואָרן. לאַנג האָט זיך נאָך דאָס דונער־געקנאַל געוויגט אונטער די געוועלבן, און אַנדרי האָט מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל זיך געחידושט איבער דער דאָזיקער דער־האַבענער מוזיק.

אין דער זעלביקער צייט האָט ער דערפילט, ווי אימיצער האָט אים געצויגן פאַר דער פאָלע פון זיין קאַפטאַן.

—שוין צייט!—האָט אים די טאָטערקע געזאָגט.

פון קיינעם נישט באַמערקטע, זענען זיי אַדורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע גאָטס הויז און זענען דערנאָך אַרויסגעקומען אויפן מאַרק, וואָס איז פאַר אים געלעגן. דער מאָרגנשטערן אויפן הימל האָט זיך שוין לאַנג געררויטלט: אַלץ האָט אָנגעזאָגט דאָס אויפ־גיין פון דער זון. דער גלייכער, פיר־עקיגער מאַרק איז אינגאַנצן געווען פוסט; אין־דער־מיט זענען נאָך געשטאַנען איבערגעבליבענע טישלעך, וועלכע האָבן איבערצייגט, אַז דאָ איז נאָך אפשר פאַר אַ וואָך צוריק געווען אַ מאַרק פון לעבנס־פּראָדוקטן. די גאַס, וועל־

כע מ׳האָט נאָך דאַמאָלס נישט ברוקירט, איז געווען פשוט אַ
פּאַרטרוקנטע גרודע פון קויט. אויפן מאַרק זענען אַרום-און-אַרום
געשטאַנען קליינע שטיינערנע און ליימענע איינשטאָקיגע הייזער
מיט זעבאַרע און די ווענט הילצערנע בעלקעס און זיילן, וועלכע
זענען קרום איבערגעוואָרפן — אויך מיט הילצערנע צוזאַמענביג-
דונגען — אַזוי, ווי עס האָבן אין אַלגעמיין געבויט זייערע הייזער
די דאַמאָלסטיקע בעלעבאַטים און וועלכע מ׳קאָן נאָך היינט זען
אין פאַרשידענע ערטער פון ליטא און פוילן. אַלע זענען זיי
געווען באַדעקט מיט אומגעהייער-הויכע דעכער, מיט אַ סך אָפּע-
ע פענסטער און לופטשיקעס: אויף איין זייט, כמעט האַרט ביי
ער קירך, האָט זיך אויפגעטראָגן אַ העכערע פון אַנדערע, פרעכ-
קע געביידע — מסתמא דער שטאָטישער מאַגיסטראַט אָדער אַן
דערער רעגירונגס-אָרט. דאָס געביי איז געווען אַ צווייִשטאָקיגע
און איבער אים, אין-דער-הייך, איז אין צוויי בויגן-געוועלבן געווען
אויסגעבויט אַ בעלוועדער, וואו עס איז געשטאַנען אַ וואַך-מאַן;
אַ גרויסער זייגער-ציפערבלאַט איז געווען אַריינגעשטעלט אינב
דאָך.

דער גאַנצער מאַרק האָט אויסגעזען ווי געשטאָרבן, אָבער
אַנדרי האָט פאַרנומען עפּעס אַ שוואַך קרעכצן. אַרומקוקנדיק זיך,
האָט ער אויף דער צווייטער זייט מאַרק באַמערקט אַ קופּע פון
צוויי-דריי מענטשן, וועלכע ליגן אויף דער ערד כמעט אָן באַ-
וועגונג. ער האָט אויפמערקזאַמער אויפגעשטעלט זיינע אויגן, כדי
פעסטצושטעלן, צו דאָס זענען איינגעשלאָפענע אָדער געשטאָרבע-
נע.

אינדעם האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס אַזוינס, וואָס
איז אים געלעגן פאַר די פיס. דאָס איז געווען אַ גוף פון אַ טוי-
טער פרוי, און ווי ס׳האָט אויסגעוויזן, אַ יידישע. קענטיק, אַז זי

איז נאָך געווען ייִנג, הגם דאָס איז אין אירע פאַרדאָרבענע און קראַנקהאַפטע ליניען לגמרי נישט געווען צוזען. איר קאָפּ איז געווען פאַרהילט אין אַ רויט־זיידענעם טיכל; פּערל אָדער אימיטאַ־ציע־פערל, וואָס זענען געגאַנגען אין צוויי שורות, האָבן געצירט אירע אויערן־לעפלער; אַ צוויי־דריי פּאַסמעס געלאָקטע האָר זע־נען פון אונטער זיי אַראָפּגעפאַלן אויף איר אויסגעטרוקנטן האַלז מיט די אָנגעצויגענע אָדערן. נעבן איר איז געלעגן אַן עופעלע, וואָס האָט מיט אַ קראַמפּהאַפט הענטל אָנגעכאַפּט אירע ליידיקע בריסטן און צוגויפדריקנדיק זיי מיט די פינגערלעך פון נישט לייכטער אויפרעגונג, האָט עס אין זיי קיין מילך נישט געפונען ס׳האָט שוין נישט געוויינט! שוין נישט געשריען, נאָר לויט זיין הייבנדיקן און זיך אַראָפּלאָזנדיקן בייכל, האָט מען זיך געקאָנט משער־זיין, אַז עס איז נאָך נישט געשטאָרבן, אָדער ס׳האָט זיך, לכל הפחות, געגרייט אַרויסצולאָזן דעם לעצטן הויך.

זיי דהאָבן זיך אומגעקערט צו די גאַסן, וואו זיי זענען פלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך עפּעס אַ טייוולשן נפש, וועל־כער האָט זיך אויף אַנדרין געוואָרפן ווי אַ טיגער, דערזעענדיק ביי אים דאָס הויכווערטיקע פעקל. ער האָט זיך צו אים צוגע־קלעפּט, שרייענדיק:

—ברויט!

אָבער קיין כחות זענען ביי אים נישט געווען אַזויפיל ווי משוגעת; אַנדרי האָט אים פון זיך אָפּגעשטויען, און ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

ווערנדיק איבערגענומען פונם צער, האָט ער אים צוגע־וואָרפן אַ לאַבן ברויט, אויף וואָס יענער האָט זיך געוואָרפן ווי אַ משוגענער הונט, האָט עס אַרומגעביסן, אַראָפּגעשלונגען, און דאָ, אויף דער גאַס, האָט ער פון צו־לאַנגן נישט עסן, אין די

ברעקלעכסטע קאָנוואולסיעס זיין נשמה אויסגעהויכט.

כמעט אויף יעדן שריט האָבן זיי באַגעגנט מוראדיקע קרבנות פונם הונגער. ס'האָט אויסגעזען, ווי נישט-איבערטראָגנדיק די יסורים אין די שטיבער, זענען אַ סך ספּעציעל אַרויס אויף דער גאַס: אפשר וועט זיך פּאָרט אינדרויסן אויסגעפינען עפּעס צו עסן.

ביים טויער פון אַ הויז איז געזעסן אַ זקנה, און מ'קאָן נישט זאָגן, צו זי איז אַנטדרעמלט-געוואָרן, געשטאָרבן גאָר, אָדער, פשוט, זיך פאַרגאַפט; זי האָט שוין דאָס מינדסטע נישט גע-הערט, גאָרנישט נישט געזען, און איז אַן אומבאַוועגלעכע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף דער ברוסט, געזעסן אויף איינעם און דעמזעלביקן אָרט. פון דאַך פונם צווייטן הויז, איז אויף אַ שטריק-פּעטליע אַראָפּגעהאַנגען אַן אויסגעצויגענער און דאַרער גוף: דער אומגליקלעכער האָט ביז צום ענד נישט געקאָנט איבער-טראָגן דעם הונגער, און ער האָט בעסער געוואָלט זיין סוף צו-איילן מיט זעלבסטמאָרד.

זעענדיק אַזעלכע שרעקלעכע רעזולטאַטן פונם הונגער, האָט אַנדרי נישט אויסגעהאַלטן, אַז ער זאָל נישט פרעגן ביי דער טאָטערקע:

— הלמאי איז דאָס אַזוי. האָבן זיי באין-אופן נישט געקאָנט געפינען עפּעס, כדי זיך דאָס לעבן צודערהאַלטן? אויב אַ מענטש קומט-אויס אָנצונעמען די לעצטע מיטלען, דאַמאָלס איז גאָרנישט פאַראַן קיין עצה — ער דאַרף זיך שפּייזן מיט דעם, מיט וואָס ער האָט זיך ביז איצט געעקלט: ער דאַרף זיך הערנערן מיט די באַשעפענישן, וועלכע זענען פאַרבאָטן דורכן געזעץ — אַלץ קאָן דאַן אָנגיין אויף דעם פרעס.

—אַלץ איז אויפגעגעסן געוואָרן—האָט געזאָגט די טאָטערקע—די גאַנצע שאָף, נישט קיין פערד, נישט קיין הינט. און נישט אַפילו קיין מויז וועסטו אין דער גאַנצער שטאָט געפינען. ביי אונז אין שטאָט זענען קיינמאָל נישט געווען קיין שום לאַגערס פון לעבנס-מיטלען: אַלץ איז אַריינגעפירט געוואָרן פון די דערפער

—און ווי אַזוי-זשע—שטאַרבנדיק מיט אַזאַ גרויזאַמען טויטטראַכט איר נאָך אַלץ צו פאַרטיידיקן די שטאָט?

—יאָ, ס'קאָן זיין, אַז דער תאָיעוואָדע וואָלט זיך אונטערגעגעבן, אָבער נעכטן אין דערפרי האָט דער פולקאָווניק פונם וואַכמייסטער-הויז אַרויסגעשיקט אין דער שטאָט אַריין אַ יאַסטזשעמב מיט אַ בריוועלע, אַז מ'זאָל נישט אָפּגעבן די שטאָט: אַז ער גייט זי פאַרטיידיקן מיט אַ פולק, ער דערוואַרט נאָר אַ צווייטן פולקאָווניק, כדי זיי זאָלן ביידע גיין באַנאַנד. און אַליאַדע רגע דערוואַרט מען זיי... נאָר אָט זענען מיר צוגעקומען צום הויז.

אַנדרי האָט נאָך פון דער ווייטנס געזען דאָס הויז, וואָס איז לגמרי נישט ענלעך צו די אַנדערע הייזער און, ווי ס'האָט אויסגעוויזן, איז עס געווען געבויט דורך איינעם אַן איטאַליענישן אַרכיטעקט, עס איז געווען געמויערט פון דינע, שיינע ציגל אין צוויי שטאָק. די פענסטער פון אונטערשטן שטאָק זענען געווען איינגעשלאָסן אין הויכע, גרויסע גראַניט-קאַרניזן; דער אויבערשטער שטאָק איז באַשטאַנען בלויז פון נישט-גרויסע באַלקאָנען, וועלכע האָבן געבילדעט אַ גאַלעריע; פון צווישן זיי האָבן זיך אַרויסגעזען זיפלעך מיט אָדלערס; אויך אין די עקן פון הויז זענען געווען הערבן. די אויסווייניקדיקע ברייטע טרעפ פון קאָסטבאַרע ציגל איז אַרויסגעגאַנגען אויפן סאַמע מאַרק. אונטן, ביי דער טרעפ איז געזעסן צו איין וועכטער, וועלכע האָבן זיך

בילדלעך און סימעטריש מיט איין האַנט אָנגעהאַלטן אין די שטייענדיקע נעבן זיי צלערבאַרדן, און מיט דער צווייטער האַנט האָבן זיי צוגעהאַלטן זייערע אָנגעבויגענע קעפּ און האָבן אַזוי אַרום גיכער אויסגעזען ווי סטאַטועס, איידער לעבעדיקע באַשעפענישן. זיי זענען נישט געשלאָפן, נישט געדרעמלט, נאָר דאַכט זיך, צו אַלצדינג זיך באַצויגן תמעוואַטע: זיי האָבן אויך נישט געקוקט דערויף, ווער עס איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טרעפּ.

אויבן, אין דער-הויך, אויף די טרעפּ, האָבן זיי באַגעגנט פון קאָפּ ביז צו די פיס באַוואָפנט איין רייך-אָנגעטוענעם זעלנער מיט אַ געבעט-ביכל אין דער האַנט. ער האָט אויף זיי געהאַט אויסגעשטעלט אַ פּאָר שטוינענדיקע אויגן, נאָר די טאָטערקע האָט אים געזאָגט עפּעס אַ וואָרט און ער האָט זיי פון דאָסניי אַראָפּגעלאָזט צו די אָפענע בלעטלעך פון זיין געבעט-בוך.

זיי זענען אין ערשטן חדר, וואָס איז געווען גענוג געפּוצט און וועלכער האָט געדינט פאַר אויפנאַמען אָדער פּשוט — פאַר אַ פּאָדער-צימער. דאָס חדר איז געווען איבערפול מיט אין פאַרשידענע פּויזעס זיצנדיקע אַרום די ווענט זעלנער, דינער שרייבער, ווייןפלעגער און ווייטער צו — הויף-קנעכט, וועלכע זענען בויטיק אויף אָנצעווייזן אויף דער ערנשטעל פונם פּוילישן אַדעלשטאַנד, אַזוי דעם קריגס-טייל ווי די הערשער פון באַזונדערע געגענטן. ס'האָט זיך געהערט אַ טשאַד פון אַ זיך לעשנדיקן ליכט; צוויי אַנדערע-ליכט האָבן נאָך געברענט און הויכע — ווי די מענטשן—לייכטערס, וואָס שטייען אין-דער-מיט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דעם ברייטן זיפּ-פענסטער האָט שוין אַריינגעקוקט דער מאָרגן.

אַנדרי האָט שוין געוואָלט אַריינגיין, גלייך אין דער דעמבאָווע טיר, וועלכע איז געווען באַצירט מיט אַן אָדלער און אַנדערע

לוקסוס=קריצערייען, נאָר די טאָטערקע האָט אים אַ שלעפּ=געטון פאַרן אַרבל און אים אָנגעוויזן אַ קליינע טיר אין אַ זייטיקע וואַנט, דורך דאַנעט זענען זיי אַרויסגעקומען אין אַ קאָרידאָר און דערנאָך אין אַ צימער, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן אויפמערקזאַם צו באַטראַכטן, דאָס ליכט, וואָס שיינט אַריין דורך די טיר=שפּאַ=רעס, האָט עפּעס=וואָס אַ ריר=געטון: דעם מאַלינאָווען פאָרהאַנג, דעם באַגילטן קאַרניז און דאָס בילד אויף דער וואַנט.

דאָ האָט די טאָטערקע געהייסן אַנדרין איבערבלייבן. זי האָט אויפגעעפנט די טיר אין אַנדערן צימער אַריין, פון וועלכן ס'האָט זיך אַריינגעריסן דער אָפּשיין פון פייער. ער האָט דער=הערט אַ שאָרכן און אַ שטיל קול, פון וואָס אַלץ האָט ביי אַנ=דרין אַ ציטער=געטון. דורך דער אָפענער טיר האָט ער געזען, ווי ס'האָט אַדורכגעשוועבט אַן אויסגעפּוצטע דאַמען=פיגור מיט אַ לאַנגער לוקסוריעזער קאָסע, וועלכע פאַלט אַראָפּ אויף דער אין=דער=הויך אויפגעהויבענער האַנט. די טאָטערקע איז צוריקגעקו=מען און אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַריין אַהין=צו. ער האָט נישט געדענקט, ווי אַזוי ער איז אַהין אַריין, און ווי אַזוי ס'האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט די טיר.

אין צימער האָבן געברענט צוויי ליכט, אַ לאָמפּאַדע האָט געבלינצעט פאַרן בילד. אונטער אים איז געשטאַנען אַ הויך טישל, און לויט דעם קאַטוילישן שטייגער, — מיט אַ בענקעלע פאַר די קניען בשעת תפילה=טון. נאָר נישט דאָס האָבן זיינע אויגן גע=זוכט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער צווייטער זייט, וואו ער האָט דערזען אַ פרוי, וועלכע איז, דאַכט זיך, פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט געוואָרן, בעת אַ שנעלער באַוועגונג. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דאָס גאַנצע געשטאַלט וואָלט זיך געוואָלט צו אים וואַרפן און אין=דעם געבליבן שטיין. און אויך ער איז גע=

בליבן שטיין נעבן איר: נישט אַזוינע ד־האָט ער זיך פאַרגע־שטעלט זי צו זען! דאָס איז נישט געווען זי, יענע, וועלכע ער האָט אַנימלט געזען; גאָרנישט איז אין איר נעווען ענלעכס צו דער, נאָר צוויי מאָל שענער און וואונדערפולער איז זי געווען אַצינדערט: דאַמאָלס איז אין איר געווען עפּעס נישט פאַרענ־דיקטס, פאַרפולקומט, איצט איז עס געווען אַ שאַפונג, אויף וועל־כער דער קינסטלער האָט געגעבן דעם רעקאָרד פון זיין פענדזל. דאָס איז געווען אַ רייצענדע, גראַציעזע מיידל; דאָס איז געווען אַ פרוי אַ יפת־מראה אין איר פול־אַנטוויקלטן פראַכט. בלויז גע־פיל איז געווען אין אירע אויפגעהויבענע אויגן, און נישט קיין בליצן, נישט קיין רמזים אויף געפילן, נאָר סאַמע געפיל. די טרערן האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אין זיי אויסצוטרוקענען און האָבן זיי באַצויגן מיט אַ בלושטשנדיקער פייכטקייט, וועלכע האָט אַדורכגעדרונגען דורך דער נשמה, אירע בריסטן, דער האַלז און דער נאַקן האָבן זיך געשלאָסן מיט די דאַזיקע וואונדערשיינע גרענעצן וועלכע פאַסן נאָר פאַר אַ פולקום אַנטוויקלטער שיינהייט. די האָר, וואָס זענען פריער געווען אין לייכטע פּאַסמעס צע־וואָרפן איבער איר פּנים, זענען אַצינד געווען אָנגעוואָרפן אין אַ געדיכטער, רייצענדער קאָסע, פון וועלכער איין טייל איז געווען פאַרנומען אָן אַ זייט און אַ טייל איז געווען צעפּאָטלט איבער דער גאַנצער לענג פון די הענט און איז מיט דינע, לאַנגע, וואונדערפולע געלאָקטע האָר געפאַלן אויף איר ברוסט. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע אירע ליניעס, פון איינס ביזן לעצטן האָבן זיך ביי איר געביטן. אומזיסט האָט ער זיך באַמיט אָפּצו־זוכן צווישן זיי כאָטש איינס פון דעם, וואָס ער האָט נאָך פון אַנימלט געטראָגן אין זיין געדעכניש—נישט קיין מינדסט האָט ער געפונען. ווי בלייך זי האָט נישט געזאָלט זיין, האָט דאָס דאָך

נישט פֿאַרשטאָנט איר הערלעכע שיינקייט, נאָר פֿאַרקערט: גלייך ווי דאָס וואָלט איר צוגעגעבן עפּעס־וואָס זיכערס, גישט אויס־דריקלעך־זיגרייכס.

און אַנדרי האָט אין זיין נשמה דערפֿילט אַן ערפֿורכטיקע מורא, און איז פֿאַר איר געבליבן שטיין אַן אומבאַוועגלעכער. זי איז, דאַכט זיך, אויך געווען גערירט פֿונם קאָזאַקס אויסזען, פֿון דער גאַנצער פּראַכט און גבורה פֿון זיין יוגנט־מענערלעכקייט, וועלכער האָט שוין, דאַכט זיך, אין דער סאַמער אומבאַוועגלעכ־קייט פֿון זיינע גלידער, באַוויזן אַ צובונדענע פֿרייקייט פֿון באַ־וועגונגען; זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ באַשיינפּערלעכער האַרטקייט.

מיט אַ דרייסטן בויגן האָבן זיך צועפֿנט זיינע סאַמעטענע ברעמען, זיינע פֿלאַמיקע באַקן האָבן געלויכטן מיט דער גאַנצער העלקייט פֿון אַן אומשולדיקן פֿייער און ווי זייד האָט געגלאַנצט זיינע יינגע, שוואַרצע וואָנסעס!

—ניין, איך בין מיט גאָרנישט בכח דיך צו באַדאַנקען, גרויסמוטיקער ריטער—האָט זי געזאָגט, און ס'האָט זיך אינגאַנצן געוויגט דער זילבערנער קלאַנג פֿון איר שטים — איין גאָט קאָן דיך דערפֿאַר באַשענקען, און נישט איך, שוואַכע פֿרוי...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן: אין וואונדערשיינע, שניי־ווייסע האַלב־קרייזן זענען זיי באַדעקט געוואָרן מיט וויעס, וואָס זענען באַצירט מיט לאַנגע, ווי די בויגנס, ברעמען. איר שיין פּנים האָט זיך איינגעבויגן, און אַ דינע רויטקייט האָט עס אונטן באַשאָטנט. דערויף האָט אַנדרי גאָרנישט געקאָנט זאָגן; ער וואָלט געוואָלט אַרויסרעדן אַלץ, וואָס נאָר אויף דער נשמה, אַרויסזאָגן אַלץ אַזוי הייס, ווי הייס עס איז געווען אויף דער נשמה, נאָר

ער האָט דאָס נישט געקאָנט. ער דערפילט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים דאָס מויל פאַרשלאָסן; דער קלאַנג פון די ווערטער איז אים אָפּגענומען געוואָרן: ער האָט געפילט, אַז נישט ער, וועלכער איז דערפאַרן אין סעמינאַריע און אין קריגערישן׳ וואַנדער-לעבן, קאָן דאָס ענטפערן אויף אַזעלכע שפּראַכן, און אים איז מיטאַמאָל נישט ניחא-געווען זיין קאָזאַקישע טבע.

פונקט איז אין צימער אַריינגעקומען די טאָטערקע. זי האָט שוין באַוויזן צוצושניידן דאָס געבראַכטע ברויט פונם רי-טער. זי האָט עס געטראָגן אויף אַ זילבערנער טאַץ און האָט עס אַוועקגעשטעלט פאַר איר יינגע האַרינטע.

די שיינהייט האָט אַ קוק-געטון אויף איר, אויפן ברויט און האָט אַרויפגעפירט אירע אויגן אויף אַנדרין — און אַ סך איז גע-ווען אין די דאָזיקע אויגן. דער דאָזיקער ליבלעכער בליק, וועל-כער האָט אַרויסגעוויזן אַ מאַטקייט און אַ שוואַכקייט אויסצודרוקן אירע וואַרעמע געפילן, איז אַנדרין געווען פיל פאַרשטענדלעכער ווי אַלע רייד. אויף דער נשמה איז אים מיט אַמאָל געוואָרן לייכ-טער; ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי אַלץ וואָלט זיך ביי אים צו-בונדן. זיינע גייסטיקע באַוועגונגען און געפילן, וועלכע זענען ביז אַהער געווען פונקט ווי אימיצער וואָלט זיי געהאַמעוועט מיט אַ שווערער פאַרצוימונג, האָבן איצט זיך דערפילט ווי אויסגעלייזט, אויף דער פריי, און זיי האָבן זיך שוין געוואָלט צוגיסן אין שפּרודלעדיקע פאַליעס פון ווערטער, נאָר אין-דעם האָט זיך די שיינהייט געווענדט צו דער טאָטערקע און אַן אומרואיקע זי גע-פרעגט:

—און די מאַמע? האָסט איר באַזאָרגט?

—זי שלאָפט.

—און דעם טאַטן?

—באַזאָרגט; ער האָט געזאָגט, אַז ר'וועט אַליין קומען באַדאַנקען דעם ריטער.

זי האָט גענומען דאָס ברויט און עס צוגעטראָגן צום מויל. מיט אַן אומבאַשרייבלעכע הנאה האָט אַנדרי געקוקט, ווי זי האָט מיט אירע בלענדנדיקע פינגער געבראָכן דאָס ברויט און געגעסן.

אין־דעם האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם משוגענע־געוואָרענעם פון הונגער, וועלכער איז אויסגעגאַנגען אין זיינע אויגן שלינגענדיק אַ שטיקל ברויט. איז ער בלייך־געבראָכן און, אָנכאַפנדיק זי פאַר דער האַנט, האָט ער אויסגעשריען:

—גענוג! עס נישט מער! דו האָסט אַזוי לאַנג נישט געגעסן, דאָס ברויט וועט דיך פאַרסמען!

זי האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט איר האַנט, אַוועקגעלייגט דאָס ברויט אויף דער טאַץ און האָט אים, פונקט ווי אַ באַשיידן קינד, געקוקט אין זיינע אויגן אַריין. און וואָלט זי כאָטש אַ וואָרט אַרויסגעזאָגט... אָבער עס זענען נישט בכח אויסצודרוקן נישט קיין סקולפּטאָר־שטיק, נישט קיין מאַלער־ווערק, נישט קיין הויך־מעכטיק וואָרט. דאָס, וואָס מ'זעט טיילמאָל אין מיידלשע בליקן, אַקעגן דעם באַליבטן געפיל, מיט וועלכן עס טרוקנט זיך אָן דער אַריינקוקער אין אַזעלכע בליקן פון אַ ייגפרוי.

—קעניג!—האָט אַנדרי אויסגערופן, אַ פולער אי מיט האַרציקער, אי מיט גייסטיקער און אַלערליי שפּע'ס — וואָס איז דיר נויטיק, וואָס ווילסטו? באַפעל מיר! הייס מיך אויספירן אַפילו דיין אוממעגלעכסטע אויפגאַבע, אַזאַ וואָסערע ס'איז נאָר אויף דער וועלט פאַראַן—וועל איך לויפן פאַר דיינעטוועגן! באַפעל

מיר צוטון פאַר דיר דאָס, וואָס קיין שום מענטש איז עס נישט בכח צודערפילן—וועל איך עס דיר טון, איך וועל זיך איינשטעלן, איינשטעלן! און זיך מקריב־זיין פאַר דיינעטוועגן. שווער איך דיר ביים הייליקן קרייץ, איז מיר אַזוי זיס... אָבער איך בין נישט מסוגל עס דיר אויסצוזאָגן! ביי מיר זענען פאַראַן דריי פאַרמס, אַ העלפט פון מיין פאָטער טאַבון איז מיין, אַלץ וואָס מיין מאַמע האָט נאָר געבראַכט צו מיין פאָטער, אַפילו דאָס, וואָס זי באַהאַלט פון אים—דאָס אַלץ איז מיין. ביי קיין איינציקן פון אונזערע קאָזאַקן זענען איצט נישט פאַראַן אַזעלכע וואָפן ווי ביי מיר: פאַר איין הענטל פון מיין שווערד גיט מען מיר דעם בעסטן טאַבון מיט דריי טויזנט שעפסן. און אָט פון דעם אַלצדינג זאָג איך זיך אָפּ—כ'וועל עס אַוועקוואַרפן, אַוועקשליידערן, ציגדן, דערטרונקען, אויב דו וועסט נאָר איין פּיפּס טון, אָדער כאָטש אַ באַוועג־טון מיט דיין דינער, שוואַרצער ברעם! נאָר כ'ווייס, ס'קאָן זיין: אַז איך ברענג דיר פּוסטע רייד, אוממבינדיקע, און נישט צו דער צייט און ס'וועט נישט זיין פּאַסיק אַהערצו, אַז איך, וואָס כ'פאַרברענג דאָס לעבן אין דער סעמינאַריע און אויף זאַפּאָראָזשיע, רעד אַזוי ווי מ'רעדט געוועגלעך דאָרט, וואו עס זענען פאַראַן קעניגן, פירשטן און אַלץ, וואָס קיין בעסערס איז נישט פאַראַן אין גאָר דעם הויכווירדיקן ריטערטום. איך זע, אַז דו ביסט גאָר אַן אַנדערער גאָט־באַשעפעניש, ווי מיר אַלע, און זייט זענען פון דיר אַלע אַנדערע באָיאַרן־פרויען און טעכטער־יינגפרויען. מיר קאָנען נישט זיין דיינע שקלאַפן, נאָר הימלישע מלאכים קאָנען דיר דינען.

מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקער מידיקייט, וואָס האָט זיך איר אַריינגעלייגט אין געהער, און נישט באַמערקנדיק קיין איין וואָרט האָט די יינגפרוי געהערט די אָפענע, האַרציקע רייד, אין וועלכ

כּי ס׳האָט זיך, די אין אַ שפּיגל, אָפּגעשלאָגן ווי יינגע, מעכטיקע נשמה. און איטלעך פּשוט וואָרט פון דער דאָזיקער שפּראַך, וואָס איז אַרויסגערעדט געוואָרן מיט אַ גרויס שטאַרקייט, איז מיט אַ שוועבענדיקער שטים אַרויף גלייך צום דעק האָרץ. און פאַר אַלעם האָט זיך אַרויסגעזען איר וואונדערשיין פּנים, זי האָט פון זיך צוריק אַראָפּגעוואָרפן אירע אומטיקע אויגן, האָט צועפּנט דאָס מויל און לאַנג אַזוי געקוקט מיט אַן אָפן מויל. שפּעטער האָט זי געוואָלט רעדן, פּלוצלונג איז זי אָבער געבליבן שטיין און זיך דערמאָנט, אַז דער ריטער פירט זיך גאָר אַנדערש, אַז זיין פאָטער, זיינע ברידער און דאָס גאַנצע פאָטערלאַנד זיינס שטייען אונטער אים אַלס שטרענגע בעלי־נקמות, אַז די זאַפּאָראָזשיער, וואָס באַלאַגערן די שטאָט זענען ברעקלעך, אַז זיי מיט דער שטאָט זייערער זענען באַדראָט מיט אַן אַכזריותדיקן טויט... און אירע אויגן האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעפילט מיט טרערן; זי האָט אויף געשווינט געכאַפּט דאָס טיכל, וואָס איז גענייט מיט זייד, עס זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן פּנים און אין דער רגע איז עס געוואָרן פייכט.

לאַנג איז זי אַזוי געזעסן, האָט, פאַרבייסנדיק מיט די שניי־ווייסע ציין די אונטערשטע ליפּ, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַרונטער — און גלייך ווי זי וואָלט מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַ שטאָך פון אַ גיפטיקן שלאַנג—האָט זי דאָס טיכל נישט אַראָפּגענומען פונם פּנים, כּדי ער זאָל נישט זען איר דערשיטערנדיקן טרויער.

—איין וואָרט זאָג מיר! — האָט אַנדריי אַרויסגערעדט און האָט זי אָנגענומען פאַר דער אַטלאַסענער האַנט.

אַ ברענענדיק פייער איז דורך זיינע אָדערן אַדורך־געלאָפן צוליב דער דאָזיקער באַרירונג, און ער האָט געדריקט די דאָ־

זיקע האַנט, וואָס איז אַ נאָכלעסיקע געלעגן אין זיינער.

אָבער זי האָט געשוויגן, האָט דאָס טיכל נישט אַראָפּגע-נומען פון איר פּנים און געבליבן אומבאַוועגלעך.

—פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? זאָג מיר, מחמת וואָס ביסטו אַזוי פאַרדאגעט?

זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס טיכל, האָט פאַרשאַרט די לאַנגע האָר-קרייזלען, וואָס זענען געלעגן אויף אירע אויגן און זיך לסוף פונאַנדערגעגאָסן אין האַרצרייסנדיקע רייד, אַרויסריידנ-דיק זיי מיט אַ שטילער, מיט אַ שטילינקער שטים, וואָס איז ענ-לעך צו אַ ווינט, וואָס הויבט-זיך-אויף אין אַ שיינעם אָוונט, און לויפט אין-דעם אַדורך דורך אַ געדיכטן סכך-וועלדל, וואָס נעבן אַ טייך-זומפּ: עס רוישט אויף, צוברומט זיך און בייט זיך פּלוצלונג אום אין דינע, טרויעריקע קלאַנגען און עס נעמט זיי מיט או-מעט אויף, אַ זיך אָפּשטעלנדיקער גייער, וואָס דערפילט נישט, נישט דעם זיך-לעבעדיקן אָוונט, נישט די זיך-טראָגנדיקע פריי-לעכע לידער פון פאָלק, וואָס גייט פון די פעלד-אַרבעטן און דעם שניט, און נישט דאָס בראָדזשען פון אַן אַדורכפאָרנדיקער פור ערגעץ.

— באַדאַרף מען דען מיך אייביק נישט באַדויערן! איז דען נישט אומגליקלעך די מאַמע, וואָס האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט? איז דען נישט אויסנעפאַלן דאָס ביטערע מזל אויך אויף מיר? ביסטו דען נישט דער אַכזריותדיקער תלין מיי-נער, צאָרנדיק מזל מיינס? אַלעמען האָסטו צוגעפירט צו מיינע פיס: די בעסטע שרים פון דעם גאַרן אַדעלשטאַנד, די רייכ-סטע האַרן, גראַפן און אויסלענדישע באַראָנען, און אַלץ, וואָס איז נאָר אין גלאַנץ פון אונזער ריטערטום. זיי אַלעמען איז געווען דערלויבט מיך צו ליבן, און איטליכער פון זיי וואָלט

מיין ליבע געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד. איך האָב נאָר גע־דאַרפט איין באַוועג־טון מיט דער האַנט, און דער ליבסטער פון זיי, דער שענסטער, דער באַחנסטער מיט פּנים און וואוקס וואָלט געוואָרן מיין זיווג, און נישט צו קיין איינציקן פון זיי וואָלסטו מיין האַרץ פאַרכשופט, אַכזריותדיק מזל מיינס, נייערט דו האָסט מיין האַרץ פאַרכשופט, אויסער צו די פעסטע ריטער פון אונ־זער ערד—צו אַ פרעמדן, צו אונזערס אַ שונא. פאַרוואָס־זשע יאָגסטו מיך אַזוי אומערמידלעך און אָן דערבאַרעמונג, אַליינ־סטע גאָטס מאַמע; פאַר וועלכע זינד, פאַר וואָסערע שווערע פאַרברעכנס? אין פולער שפע און אין פאַרגעניגן זענען מיינע טעג געפלאָסן; בעסערע, טייערע טאַצן און זיסע וויינען זענען געווען פאַר מיר אַ שפּייז. און צו וואָס איז דאָס אַלצדינג גע־ווען? מחמת וואָס איז דאָס אַלץ געקומען? אפשר צו דעם, כדי איך זאָל לסוף שטאַרבן מיט אַ טויט אַ גרויזאַמען, אין וועלכן עס שטאַרבט נישט אַוועק אפילו דער לעצטער בעטלער אין קע־ניגרייך? און נאָך ווינציק, וואָס איך בין פאַרמשפּט אויף אַזאַ שרעקלעכן גורל; נאָך ווייניק, וואָס פאַר מיין סוף זאָל איך זיך דאַרפן צוקוקן, ווי עס וועלן אין אומערטרעגלעכע יסורים אויס־גיין מיין פאָטער און מוטער, פאַר וועלכע איך בין צוואַנציק מאָל גרייט אָפּצוגעבן מיין לעבן; דאָס אַלצדינג איז נאָך ווינציק! איך דאַרף נאָך, אַז פאַר מיין סוף זאָל איך נאָך זען און הערן ווערטער און ליבע, וואָס איך האָב נאָך נישט געזען. ס'באַדאַרף צוזיין אַזוי, אַז ער זאָל מיט זיינע רייד מיין האַרץ צורייסן אויף שטיקער, אַז דער ביטערער גורל מיינער זאָל זיין נאָך ער־גער, כדי נאָך טרויעריקער זאָל מיר מיין יינג לעבן אָנקומען, כדי דער טויט מיינער זאָל מיר נאָך שרעקלעכער זיין, און כדי איך זאָל זיך, שטאַרבנדיק, נאָך מער פאָרוואַרפן, אַכזריות־

דיק מזל מיינס, און דיך בעט איך מכח פאַרגעבונג פון מיינע זינד, — הייליקע מאַמע פון גאָט!

און בעת זי איז שטיל געוואָרן האָט זיך אַ טיפער האָפֿ־נונגלאָזער געפיל אויף איר פנים באַזעצט, מיט אַ שמערצלעכן טרויער האָט גערעדט יעטוועדע איינע ליניע אירע, און אַלץ: פון דעם פאַרזאָגטן, געבוירענעם שטערן און די אַראָפּגעלאָזטע אויגן ביז די טרערן, וואָס האָבן זיך געקילט און פאַמעלעך גע־טרוקנט אויף די פלאַמעדיקע באַקן אירע, האָט, דאַכט זיך, גע־רעדט:

נישטאָ קיין מזל אויף דעם דאָזיקן פנים!

—ס׳איז, נאָך אויף דער וועלט נישט געהערט געוואָרן און ס׳קאָן נישט זיין קיין גלייכן דערצו האָט אַנדרי גערעדט — אַז די שענסטע און די בעסטע פון די פרויען זאָל סובל זיין אַזאַ ביטערן גורל, בעת זי איז געבוירן געוואָרן צו דעם, אַז פאַר איר זאָל, ווי פאַר אַ כהנות קניען אַלץ, וואָס קיין בעסערס איז אויף דער וועלט נישטאָ. ניין, דו וועסט נישט שטאַרבן! נישט דו דאַרפסט שטאַרבן, איך פאַרשילט מיינע לייבלעכע און אַלע, ווער ס׳איז מיר נאָר ליב אויף דער וועלט — דו וועסט נישט שטאַרבן! און אויב ס׳וועט שוין אַזוי אַרויסקומען, טאָ וועט שוין מיט גאָרנישט — נישט מיט קיין גבורה, נישט מיט קיין תפילה, און נישט מיט קיין העלדנטאַט נישט קאָנען אָפּוועגדן דערפון דאָס ביטערע מזל, טאָ וועלן מיר שטאַרבן באַנאַנד, און צופריער וועל איך שטאַרבן, ביי דיינע וואונדערפולע קני, און אַ טויטן וועט מען מיך אודאי פון דיר צעשיידן.

—און וואָס איז מיר דער טאַטע, די חברים און דאָס פאָ־טערלאַנד? — האָט אַנדרי ווידער גערעדט, אויפהייבנדיק שטייף,

ווי אַ טייך־גראָז.—אַלזאָ, אויב אַזוי, איז אָט וואָס: איך האָב קיינעם נישט! קיינעם, קיינעם! — האָט ער מיט דעם זעלביקן קול איבערגעחזרט צומאַכנדיק דערביי אָזאַ באַוועגונג מיט די הענט גראָד ווי עס טוט דאָס אַ רירעוודיקער, אומדערשראָקענער קאָזאַק, בעת ער דריקט אויס זיין גרייטקייט צו טון עפּעס אַן אוממעגלעכעס פֿאַר אַן אַנדערן, — ווער האָט דאָס געזאָגט; אַז מיין פֿאָטערלאַנד איז אוקראַינע? ווער האָט זי מיר געגעבן פֿאַר מיין היימלאַנד? אַ היימלאַנד איז דאָס, וואָס עס זוכט אונזער נשמה, דאָס, וואָס ס'איז פֿאַר דער נשמה צום ליבסטן, מיין פֿאָטערלאַנד—ביסטו! אָט איז מיין היימלאַנד! און איך וועל אָט דאָס דאָזיקע היימלאַנד אַריבערטראָגן אין מיין האַרץ אַריין, און איך וועל עס טראָגן מיין גאַנצן לעבן־לאַנג, און כ'וועל זען: זאָל נאָר אימיצער פון די קאָזאַקן זיך אַנטדרייסטן זי פֿון דאַנען אַרויסצורייסן! און אַלץ, וואָס ס'זאָל נאָר נישט זיין, וועל איך פֿאַרקויפֿן, אַוועקגעבן, און וועל זיך מקריב־זיין פֿאַר אַזאַ פֿאָטערלאַנד!

ווערנדיק אויף אַ רגע איבעראַשט, האָט זי אים ווי אַ וואונדערשיינע סטאַטוע געקוקט אין זיינע אויגן אַריין, אינדעם זיך צעוויינט. און מיט אַ וואונדערלעכער, ווייבלעכער געשווינדיקייט, וואָס עס איז נאָר פֿעיק איין אומבאַרעכנטע גרויסמוטיקע פֿרוי, וועלכע איז באַשאַפֿן געוואָרן צו הערליכע, האַרציקע באַוועגונגען, האָט זי זיך צו אים אויפֿן האַלז אַרויפֿגעוואָרפֿן, אַרומגענומען אים מיט אירע הערלעכע, שניי־ווייַסע הענט און זיך צושלוכצט.

גראָד אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך איבער הער גאַס צעהילכט אומקלאָרע אויסרופֿן, איבערשריגענע דורך טראָמפּייט־און־

פויקן־קלאַנגען, נאָר ער האָט זיי נישט געהערט: ער האָט נאָר געהערט, ווי דאָס וואונדערשיינע מויל האָט אים באַשאָנקען מיט דער אָנגענעמער וואַרעמקייט פון זיין אָטעם, ווי אירע טרערן־טייכעלעך זענען אַראָפּגערינען אויף זיין פּנים, און די אַראָפּ־פאַלנדיקע, שמעקעדיקע האָר פון איר קאָפּ האָבן אים אינגאַנצן איינגעהילט מיט זייער שוואַרצן און גלאַנציגן זייד.

אין דער צייט איז די טאָטערקע צו זיי אַריינגעלאָפן מיט אַ פריילעכן אויסגעשריי:

—מיר זענען געראַטעוועט! געראַטעוועט!—האָט זי געשריען פאַרגעסנדיק זיך אינגאַנצן—אונזערע זענען אין שטאָט, האָבן גע־בראַכט צופירן: ברויט, ווייץ מעל און געבינדענע זאַפּאָראָ־זשיער!

אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געהערט, וואָסערע „אונ־זערע" עס זענען אַריין אין דער שטאָט, וואָס זיי האָבן מיט זיך אַריינגעבראַכט, און וואָסערע זאַפּאָראָזשיער זיי האָבן געבונדן.

אַ פולער מיט איבערערדישע געפילן פון גענוס, האָט אַנ־דרי געקושט אינס זיסן מויל, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו זיין באַק, און אויך דאָס שמעקעדיקע מויל איז נישט אָפּגע־שטאַנען פון קושן. עס האָט זיך אָפּגערופן מיט דעם זעלביקן, און אין דעם קעגנזייטיק־פאַרייניגטן קוש דערפילט דאָס, וואָס איין מאָל אין זיין לעבן גיט זיך דאָס דעם מענטשן איין צו פילן.

און דער קאָזאַק איז פאַרלענדט געוואָרן! ער איז פאַר־לוירן־געוואָרן פאַרן קאָזאַקישן ריטערטום! ער וועט שוין מער אויף זיינע אויגן נישט אָנזען נישט זאַפּאָראָזשיע, נישט זיינע פאָטערס־פאַרמס, און נישט גאָטס הויז. אוקראַינע וועט אויך

אויך שוין מער נישט זען דעם העלדן־מוטיקסטן פון זיינע קינ־
דער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט זי צופאַרטיידיקן. עס וועט
דער אַלטער טאַראַס פון זיין טשופּרינע זיך אַרויסרייסן אַ גראָ
פּאַסמע האָר, און ער וועט פאַרשעלטן אי דעם טאָג, אי די צייט
אין וועלכער ער האָט צו זיין שאַנד אַזאַ זון געבוירן.

VII

אינם זאַפּאָראָזשיער לאַגער איז אַנטשטאַנען אַ רעש און
אַ באַוועגונג. תחילת האָט זיך קיינער אויף אַן אמת נישט גע-
קאָנט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען,
וואָס דאָס מיליטער איז אַוועק אין דער שטאָט. ערשט שפּעטער
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע פּעריאַסלאַווישע אָפּטיילונג,
וועלכע איז געווען פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר די זייטיקע שטאָט-
טויערן, איז געווען טויט שכור. דאַכט זיך, אַז ס'איז זיך גאָר-
נישט, וואָס צו חידושן, וואָס אַ העלפט פון זיי איז גע-
ווען אויסגעהרגעט, און דער אַנדערער טייל איז געבונדן גע-
וואָרן פריער, איידער אַלע האָבן זיך געקאָנט כאַפּן, וואָס דאָ
קומט פאָר. נאָך איידער די אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך צו-
ליבן גערודער אויפגעכאַפּט, האָבן באַוויזן זיך צונעמען צום גע-
ווער, איז דאָס חיל שוין אַוועק צו די טויערן, און די לעצטע
רייען זייערע האָבן נאָך צוריקגעשאָסן צו די שלעפּעריקע און
האַלב אויסגעניכטערע זאַפּאָראָזשיער, וואָס האָבן זיך אויף דער

גיך און אין אַן אומאָרדנונג נאָך זיי נאָכגעיאָגט.

דער מנהיג האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן זיך צונויפקלייבן, און בעת אַלע זענען שוין אַרומגעשטאַנען אין אַ ראָד מיט אַראָפגענומענע היטלען, איז שטיל־געוואָרן, און ער האָט געזאָגט:

—אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען פאַנעס־ברידער, היינטיקע נאַכט; אָט צו וואָס עס האָט דערפירט דאָס שכורן! אָט וואָ־סערע קללה דער שונא האָט אונז געגעבן! ביי אייך איז שוין, קענטיק, אַזאַ מנהג: דערלויבסטו נאָר צו פאַרטאָפּלען דאָס הלק, אַזוי זענט איר שוין מוכן־ומזומן זיך צוצלאָזן, אַז די קריסטן־פיינטלעכע חילות זאָלן אייך נישט נאָר די הויזן אַראָפציען, נאָר אין סאַמע פנים אַרײַן אייך אַריינניסן אַזוי, אַז איר זאָלט דאָס לחלוטין נישט דערהערן.

די קאָזאַקן זענען געשטאַנען, אַלע מיט אַראָפגעלאָזטע קעפּ און האָבן זיך געפילט שולדיק; איינער נאָר, דער נעזאַ־מאַיקאָווער אָפּטיילונג־אַטאַמאַן קוקובענקאָ האָט זיך אָפּגערופן:

—וואַרט, פאָטערל! — האָט ער געזאָגט — הגם עס איז נישט פאַראַן אין געזעץ, אַז מ׳זאָל זיך אַזוי קאָנען אויסדרוקן, בעת עס רעדט אַן אַטאַמאַן פאַרן פנים פון זיין גאַנצן מיליטער, נאָר מ׳דאַרף זאָגן, אַז די זאַך איז לחלוטין נישט אַזוי געווען. נישט אינגאַנצן יושרדיק אונז געווען דאָס, וואָס דו האָסט פאָרגעוואָרפן דעם גאַנצן קריסטלעכן מיליטער. די קאָזאַקן וואָלטן געווען שולדיק און ווערט דעם טויט, אויב זיי וואָלטן זיך געהאַט אָנ־געשכורט אין מאַרש, אין דער מלחמה און בעת שווערער, לע־סטיקער אַרבעט: מיר זענען אָבער געזעסן אָן אַלצדינג, פוסט־און־פאַסט זיך אַרומגעשלייעט פאַר דער שטאָט. נישט קיין „פאָסט״

אין קיין שום אַנדערע קריסטלעכע נזירות האָבן מיר נישט גע־פּראַוועט; טאָ ווי אַזוי־זשע קאָן דאָס געשיקט זיין, אַז אַ מענטש זאָל זיך בעת אַרומגיין שלינג־און־שלאַנג נישט אָנטרינקען? דאָ איז קיין חטא נישט פאַראַן. און מיר וועלן זיי בעסער אָנלער־נען, וואָס הייסט אָנפאַלן אויף אומשולדיקע מענטשן. פריער האָבן מיר גוט געדורסט, אָבער אַצינט וועלן מיר אַזוי שלאָגן אַז די פּיאַטעס זייערע וועלן זיי שוין מער נישט אַהיימטראָגן.

די רייד פונם אָפּטיילונגס־אַטאַמאַן זענען די קאָזאַקן גע־פעלן געוואָרן. זיי האָבן שוין אינגאַנצן אויפגעהויבן זייערע אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ, און פיל האָבן צופרידענע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, פרעפלנדיק:

— ער האָט גוט געזאָגט, דער קוקובענקאָ!

און טאַראַס בולבא, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון מנהיג, האָט געזאָגט:

— וואָס, דער אַטאַמאַן קוקובענקאָ האָט, אַפּנים, דעם אמת געזאָגט. וואָס וועסטו זאָגן דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן? כ'וועל זאָגן: אַפילו דער טאַטע וואָס האָט אַזאַ זון געבוירן איז אַן אויסוואורף; ס'איז גאָר קיין גרויסע חכמה נישט צו זאָגן מוסר־רייד, אַ חכמה איז צו זאָגן אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל דעם מענטשן נישט באַליידיקן בעת אַ צרה, דאָס וואָלט אים אויפגעמונטערט, צוגעגעבן אים חשק, גראָד ווי די שפּאָרנס גיבן צו חשק דעם פערד, וואָס האָט זיך אָפּגעפרישט מיט קוואַל־וואַסער. איך אַליין האָב אייך נאָכדעם געוואָלט זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, אָבער קוקובענקאָ האָט זיך פריער געכאַפּט צו דעם.

— ער האָט גוט געזאָגט, דער מנהיג! — האָבן זיך די זאַ־

פאַראָזשיער אין די רייען אָפּגערופן.

—אַ גוט וואָרט געזאָגט !— ד'האָבן אַנדערע אונטערגעבאָג־בעלט.

און די סאַמע גרייזן, וואָס זענען געשטאַנען ווי די גראָע־טויבן, אויך זיי האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און בלינצלענדיק מיט דער גראָער וואָנסע, האָבן זיי שטיל געזאָגט:

—אַ גוט געזאָגט וואָרט!

—הערט־זשע זיך איין, פּאַנעס!—האָט דער אַטאַמאַן פאַר־געזעצט—נעמען אַ פעסטונג, קלעטערן און אונטערקומען, ווי עס טוען דאָס הי פון פרעמדע ערדן, די דייטשע בעלנים—אַבי דער שונא זאָל נאָר דעם קאָפּ אַרויסשטעקן!—איז דאָס אי נישט שיין, אי נישט קיין עסק פאַר קאָזאַקן. און משפּטנדיק לויט דעם, וואָס ס'האָט פּאַסירט: דער שונא איז אַריין אין דער שטאָט מיט נישט קיין גרויסן לאַגער; וועגענער איז ביי זיי געווען אין אַ קלייבער צאָל, און דאָס פאָלק אין שטאָט איז, אויסגעהונגערט, טאָ קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז זיי זאָלן דאָס אויף איין מאָל אויפעסן, און אויב די פערד באַדאַרפן היי... איך ווייס נישט, סיידן מען וועט זיי מיט אַ גאָפּל אַראָפּוואַרפן פון הימל זייערס אַ הייליקער... נאָר מכח אַזעלכע זאַכן ווייס נאָר איין גאָט אַליין, און די גלחים זייערע זענען בקי נאָר אויף אייבצלנע ווערטער. פאַר דאָס צו פאַר דעם צווייטן—זיי וועלן שוין אַרויס פון דער שטאָט. צע־טייל זיך נאָר אין דריי מחנות, און שטיי אויף דריי וועגן פאַר די דריי טויערן. פאַר די הויפּט־טויערן צו פינף אָפּטיילונגען. און ביי די איבריקע צו דריי אָפּטיילונגען, דיאַדקיווער און קאָרסונער אָפּטיילונגען—הינטערווײַלעכטס! פּולקאָווניק טאַראַס מיטן פּולק—צוריק! טיטאַרעווסקער און טימאָשעווסקער אָפּטיילונגען אויף רע־זערוו ביי דער רעכטער זייט פונ⊏⊐ וואָגן־צוג! שטשערבינאָווער

און אויבערשט=סטעבליקאָווער — פון דער לינקער זייט! און איר יינגע, גייט אַרויס פון דער רייע און הערט צו אויף אייער וואָרט, אַז איר וועט פאַרטיליקן דעם שונא! ביים ליאַק איז דער קאָפּ אַ פּוסטער און די טבע אַ נאַרישע: אַ קריג וועלן זיי נישט אויסהאַלטן, און ס׳קאָן זיין, אַז נאָך היינטיקן טאָג וועלן זיי אַרויס פון די טויערן. אָפּטיילונגס=אַטאַמאַנען, אַלע זאָלט איר באַוואָרענען אייערע מחנות: ביי וועמען עס איז פאַראַן אַ מעוט, פול זי אויס מיט די איבערגעבליבענע פון דער פּערעיאַסלאַווישער. קוקט אַלץ איבער, ס׳ביי איבער! אויף קוראַזש גיט אַלעמען צו אַ שטאָף בראָנפן און צו אַ ברויט פאַר איטלעכן קאָזאַק. נאָר, אמת יעדער איז נאָך זאַט פונם נעכטיקן, סיידן, מ׳דאַרף נישט לייקענען, אַז אַלע האָבן זיך אַזוי אָנגעגעסן, און ס׳איז מיר אַ וואונדער, פאַרוואָס קיינער פון אייך איז ביינאַכט נישט צעפּלאַצט געוואָרן. און אָט נאָך איין אָנזאָג: אויב ס׳וועט אַ וועלכער ס׳בישט שענקער=ייד פאַרקויפן אַ קאָזאַק כאָטש איין בעכער בראָנפן, וועל איך אים, דעם הונט, צום סאַמע קאָפּ זיינעם צושלאָגן אַ חזיר אויער און וועל אים אויפהענגען מיט די פיס אַרויף! אַלזאָ נעמט זיך צו דער אַרבעט, ברידער! צו דער אַרבעט!

אַזוי האָט געבאָטן דער אַטאַמאַן, און אַלע האָבן זיך צו אים געבויגט ביזן „דיך", און נישט אָנטועדיק זייערע היטלען, זענען זיי אַוועק צו די פורן און לאַגערס, און בעת זיי זענען שוין געווען ווייט אָפּגעגאַנגען, האָבן זיי ערשט זייערע הוטן אָנגעטון. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן: האָבן געפּרוווט די שווערדן, די קינזשאַלן, האָבן פון די זעק אָנגעשאָטן פּולווער אין די פּולווער=קאַסטנס אַריין, האָבן אַרומגעזעצן און גלייכגעשטעלט די וועגענער און פאַרשפּאַנט די פערד.

גייענדיק צו זיין פולק, האָט טאַראַס געטראַכט און זיך

נישט געקאָנט משער זיין, וואוהין אַנדרי איז אַוועקגעקומען.

—האָבן זיי אים נישט געפאַנגען צוזאַמען מיט די אַנדערע און אים אַ פאַרשלאָפענעם געבונדן? אָבער ניין, נישט אַזאַ איז אַנדרי, אַז ער זאָל זיך אַ לעבעדיקער איבערגעבן צום שונא.

און צווישן די דערהרגטע קאָזאַקן איז ער אויך נישט געווען. האָט זיך טאַראַס שטאַרק פאַרטראַכט און איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס פולק, און נישט געהערט, ווי אימיצער האָט אים שוין לאַנג גערופן ביים נאָמען.

—ווער באַדאַרף מיך?—האָט ער ענדלעך געזאָגט,דערוואַכנדיק פון זיינע מחשבות.

פאַר אים איז געשטאַנען דער ייד יאַנקל.

— הער פולקאָווניק! הער פולקאָווניק!—האָט דער ייד גערעדט מיט אַן איילנדיקער און איבעררייסנדיקער שטים גלייך ער האָט אים געוואָלט מ דיע זיין עפעס גאָרנישט קיין פוסטע זאַך.— איך בין געווען אין דער שטאָט, פאַן פולקאָווניק!

טאַראַס האָט געקוקט אויפן ייד און ער האָט זיך פאַרוואונדערט, וואָס דער ייד האָט שוין באַוויזן צו זיין אין דער שטאָט.

— טאָ וואָסערער רוח ד־האָט דיך אַצינד דאָ אַהער געבראַכט?

—איך וועל באַלד דערציילן — האָט יאַנקעל געזאָגט.—באַגינען, ווי נאָר איך האָב דערהערט דאָס גערודער און די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן צו שיסן, האָב איך געכאַפט מיין בגד און נישט אָנטועענדיק אים, בין איך אין איין אָטעם געלאָפן אַהינצו; אויפן וועג האָב איך אים שוין אָנגעטון אויף די אַרבל, ווארום

פּ׳בין שוין געווען נייגיריק צו וויסן, פאַר וואָס ס׳איז אַזאַ רעש און פאַר וואָס די קאָזאַקן האָבן אין סאַמע באַגינען אָנגעהויבן צו שיסן. איך האָב גענומען און געלאָפן גלייך צו די שטאָט-טויערן דאָן, ווען די לעצטע זעלנער זענען אַריין אין שטאָט. איך גיב זיך אַ קוק-אַרום — פאַרויס זיי, גייט דער פאַן כאַראַנ-זשע גאַליאַנדאָוויטש. ער איז מיר אַ מענטש, אַ באַקאַנטער: נאָך פון דריטן יאָר איז ער מיר שולדיק הונדערט טשערוואָנצעס בין איך געגאַנגען הינטער זיי, גראָד, אַ שטייגער, ווי כ׳וואָלט פון אים געוואָלט אַרויסקריגן דעם חוב, און אַזויערנאָך בין איך צו-זאַמען מיט זיי אַריין אין דער שטאָט.

— ווי אַזוי, אַז דו ביסט אַריין אין שטאָט, האָסטו נאָך דעם חוב פון אים געוואָלט אַרויסבאַקומען?—האָט בולבאַ געזאָגט— און ער האָט דיך, דאָ אויפן אָרט, נישט געהייסן אויפהענגען,ווי אַ הונט?

—אַ, ביי גאָט ער האָט געוואָלט אויפהענגען, — האָט דער ייִד געענטפערט — זיינע דינער האָבן מיך שוין געהאַט גענומען, און אויפן האַלז פאַרוואָרפן אַ שטריקל; אָבער איך האָב זיך ביים פאַן אָפּגעבעטן, האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וועל וואַרטן אויפן חוב ביפיל דער הער וועט נאָר וועלן, און איך האָב אים צוגעזאָגט צו געבן נאָך אַ גמילת-חסד, ווי נאָר ער וועט מיר בייהילפיק זיין אויפצומאָנען די חובות פון די אַנדערע ריטער, דען ביי מיר, פאַן כאַראַנזשי— איך וועל דעם פאַן אַלץ זאָגן — איז קיין איין טשערוואָניעץ אין דער קעשענע נישטאָ. הגם ער פאַרמאָגט אַ אַ פאַרם, אי אַ גוט, אי פיר פאַלייען, און סטעפּישע ערד אַזש ביז אין שקלאָוו, אָבער גראָשנס זענען ביי אים, ווי ביי אַ קאָזאַק לגמרי נישט פאַראַן. און אַצינד אויב ס׳וואָלטן אים נישט באַ-וואָפנט זיינע בראַצלאַווער יידן, וואָלט ער מיט גאָרנישט געהאַט

אין דער מלחמה אַריין צו פאָרן. ער איז מחמת דעם אויך אין סיים נישט געווען...

—טאָ וואָס האָסטו געטון אין דער שטאָט? האָסט געזען די אונזעריקע?

—אַלץ הייסט! אונזערע זענען דאָרט פאַראַן אַ סך: איציק, ירוחם, שמואל, כאָוויילאָוו, דער יידישער אַרענדאַטאָר...

—זאָלן זיי גיין צו אַלדי רוחות, די ד—ינט!—האָט טאַראַס אויסגעשריען ווערנדיק אין כעס. — וואָס קריכסטו מיר אַלץ מיט דיין יידישער משפחה? איך פרעג דאָך דיר וועגן אונזערע זאַפּאָראָזשיער.

—אונזערע זאַפּאָראָזשיער האָב איך נישט געזען. איך האָב נאָר געזען אין פאַן אַנדרי.

— אַנדריין געזען?—האָט בולבאַ אויסגערופן.—וואָס דו, וואו האָסטו אים געזען? אין אַ קעלער? אין אַ לאָך? אַ באַליידיקטער? געבונדן?..

— ווער וואָלט זיך דאָס אַנטדרייסט דעם פאַן אַנדרי צו בינדן? איצט איז ער אַזאַ וואַזשנע ריטער... אַזוי זאָל גאָט העלפן ווי איך האָב אים נישט דערקאַנט! אי דאָס לייבל איז אויף אים אַ גאָלדנס, אי דאָס רעקל איז פון גאָלד, אי דאָס שפּיגעלע ביי אים איז אַ גאָלדנס, דאָס היטל איז פון גאָלד איבערן פּאַס איז גאָלד און אומעטום גאָלד, אַלץ איז גאָלד. פּונקט אַזוי ווי די זון שיינט אין פרילינג, אין גאָרטן פּישטשעט: און זינגט איטלעך פייגעלע און דאָס גרעזל שמעקט, אַזוי שטראַלט ער אינגאַנצן אין גאָלד. אויך דאָס סאַמע בעסטע פערד האָט אים דער וואָיעוואָדע געגעבן צו רייטן, צוויי הונדערט טשערוואָנצעס קאָסט אַזאַ פערד.

בולבאַ איז נשתומם געוואָרן:

—צו וואָס־זשע האָט ער אָנגעטון פרעמדע קליידונג?

— ווייל ס'איז בעסער, דערפאַר ד'האָט ער אָנגעטון. אי ער אַליין פאָרט אַרום און אויך אַנדערע פאָרן. און ער לערנט און אי מען לערנט אים: פונקט ווי דער רייכער פוילישער פריץ!

—ווער האָט אים דערצו געצוואונגען?

—איך זאָג דאָך נישט, באשר אימיצער האָט אים געצוואונגען. דער הער ווייסט אודאי נישט, אַז ער איז פון זיין אייגענעם גוטן ווילן צו זיי אַוועק?

—ווער איז אַוועק צו זיי?

—דער הער אַנדרי.

—צו וועמען איז ער אַריבער?

—ער איז אַוועק צו זייער צד, ער איז שוין אינגאַנצן אַ זייעריקער.

—זאָגסט ליגן, חזיר־אויער!

—ווי אַזוי זאָג איך ליגן? בין איך דען אַ טויגעניכטס, וואָס כ'זאָל לייקענען? וואָלט איך דען מיין אייגענעם קאָפּ פאַרלייקנט? צי ווייס איך דען נישט, אַז אַ ייד וועט מען ווי אַ הונט אויפהענגען, אויב ער וועט לייקענען פאַרן פאַן?

—קומט דאָך פון דיינעטוועגן אַרויס, אַז ער האָט פאַרקויפט דאָס פאָטערלאַנד און די אמונה.

—איך זאָג דאָך נישט, אַז עס האָט עפּעס פאַרקויפט; איך האָב נאָר געזאָגט, אַז ער איז אַריבער צו זיי.

—דו לייקנסט, טייוולשער ייד! אזא זאך איז נאך אויף דער קריסטלעכער ערד נישט פארגעקומען! דו ביסט מבולבל, דהונט איינער!

—טא זאל די שוועל פון מיין הויז פארוואקסן ווערן מיט גראז, אויב איך בין זיך טועה! זאל איטלעכער אנשפייען אויפן קבר פון מיין פאטער, מוטער, שווער און מיין טאטנס טאטן, און מיין פאטערס מאמען, אויב איך זאג ליגן. און אויב דער פאן וויל נאך, וועל איך אפילו זאגן, צוליב וואס ער איז צו זיי אריבער.

—צוליב וואס?

— ביים וואיעוואדע איז פאראן א טעכטערל, א יפת־תואר. הייליקער גאט, וואסערע שיינהייט! —דא האט זיך דער ייד מיט אלע כחות באמיט, אז ער זאל אויף זיין פנים קאנען אויסדריקן איר שיינקייט, צעשפרייטנדיק אזוי ארום, די הענט, פארזשמו־רענדיק די אויגן און פארקרימענדיק אן א זייט דאס מויל, גלייך ער וואלט דעריך עפעס פארזוכט.

—נו, טא איז וואס דערפון?

— ער האט פאר אירעטוועגן אלצדינג געטון, און ער איז אריבערגעגאנגען... אויב א מענטש פארליבט זיך נאר, איז ער געגליכן צו א פאדעשווע וועלכע, אויב דו ווייקסט זי נאר איין אין וואסער, און נעם זי, גיב א בייג—בייגט זי זיך שוין אינגאנצן איין.

בולבא האט זיך טיף פארטראכט. ער האט זיך דערמאנט, אז גרויס איז די מאכט פון דער שוואכער פרוי, אז א סך שטאר־קע האט זי באזיגט, אז אין דער הינזיכט איז אנדריס טבע א באכגיביקע, און לאנג איז ער אזוי ווי אן איינגעגראבענער גע־

שטאַנען אויף איינעם און דעם זעלביקן אָרט.

— זאָל דער פּאַן הערן, איך וועל דעם פּאַן אַלץ דער־ציילן—האָט דער ייד געזאָגט—ווי נאָר איך האָב דערהערט דאָס גערויש און דערזען, אַז זיי גייען אַ דורך דורך די שטאָטישע טויערן, האָב איך פאַר יעדן פאַל מיט זיך מיטגעכאַפּט אַ שנירל פּערל, דערפאַר, ווייל אין שטאָט זענען פאַראַן שיינע פרויען און פּריצהטעס, און אויב עס זענען נאָר דאָ שיינהייטן און פּריצהטעס — האָב איך זיך געזאָגט—און הגם ביי זיי איז גאָר נישטאָ, וואָס צו עסן, וועלן זיי סיי ווי זיך נישט אָפּזאָגן פון קויפן אַ שנירל פּערל. און ווי באַלד דעם כאָראָנזשעס דינער האָבן מיך נאָר אָפּגעלאָזט, בין איך אַוועקגעלאָפן אין וואָיעוואָדעס הויף אַריין, כדי דאָרט צו פאַרקויפן די פּערל. און דאָרט בין איך ביי דער טאָטערקע, ביים משרת, אַלץ געוואָר געוואָרן:

ווי נאָר זיי וועלן פאַריאָגן די זאַפּאָראָזשיער, וועט זיין די חתונה. דער פּאַן אַנדרי האָט צוגעזאָגט די זאַפּאָראָזשיער צו פאַרטרייבן.

— און דו האָסט אים באַלד אויפן אָרט נישט דערהרגעט, דעם טייוולשן זון?—איז בולבאַ געוואָרן אויפגעקאָכט.

— פאַר וואָס דערהרגענען? ער איז צו זיי אַריבער גוטוויליק. מיט וואָס האָט זיך דער מענטש פאַרשולדיקט? דאָרט איז אים בעסער, איז ער אַהינצו אַוועק.

—און דו האָסט אים געזען אויפן פּנים?

ביי גאָט, ווי אין סאַמע פּנים! אַזאַ פּרעכטיקער זעלנער! ער איז שענער פון אַלעמען! זאָל אים גאָט אַזוי ס'געזונט געבן ווי ר'ד'האָט מיך תיכף דערקענט, און ווען איך בין צו אים צו־געגאַנגען האָט ער באַלד געזאָגט...

—וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

—ער האָט געזאָגט — לכתחילה האָט ער געטייטלט מיטן פינגער, ערשט שפּעטער האָט ער געזאָגט:

—יאַנקעל!

—און איך דערויף: פּאַן אַנדרי.

—יאַנקעל! זאָג דעם טאַטן, זאָג דעם ברודער, זאָג די קאָזאַקן, די זאַפּאָראָזשיער זאָג — זאָג אַלעמען, אַז דער טאַטע איז מיר אַצינד שוין קיין טאַטע נישט, דער ברודער נישט קיין ברודער, דער חבר נישט קיין חבר, בכן איך וואָלט זיך אַצינד מיט זיי אַלעמען שלאָגן—מיט אַלע וועל איך זיך שלאָגן!

—לייקנסט, טייוולשער יהודה!—האָט טאַראַס אויסגעשריען און איז אַרויס פון די כלים. — זאָגסט ליגנט, הונט! דו האָסט אויך קריסטוסן געקרייציגט, פאַרשאָלטענער גאָטס מענטש! איך וועל דיך ממיתן, שד איינער! אַנטלויף פון דאַנען—אויב נישט, קריגסטו באַלד דעם טויט פון מיר!—און אַרויסרעדנדיק דאָס דאָזיקע, האָט טאַראַס אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד. דער דערשראָקענער ייד האָט כהרף־עין זיך אַ לאָז געטון אויף אַלע זיינע לעפּל, איז געלאָפן אַזוי, ווי עס האָבן נאָר אויסגעהאַלטן זיינע דינע, דאַרע קנעכל. און הגם טאַראַס האָט זיך נאָך אים לגמרי נישט נאָכגעיאָגט, איז ער, נישט אומקוקנדיק זיך, נאָך לאַנג אַזוי געלאָפן צווישן דעם קאָזאַקישן לאַגער, נאָכדעם איבער גאָר דעם ווייטעם פעלד, און טאַראַסן איז איינגעפאַלן, אַז ס'איז גאָר נישט שכלדיק באַלד אויפן ערשטן, וואָס וועט אים נאָר אונטערקומען, אַרויסצורופן זיין גרימצאָרן.

איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט ער געזען אַנדריין, בעת ער איז דורך דעם לאַגער אַדורכ־

געגאַנגען מיט עפּעס אַ פּרוי — ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין גראָען קאָפּ און האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזאַ שאַנדזאַך האָט געקאָנט געשען, און אַז זיין אייגענער זון זאָל פאַרקויפן דעם גלויבן און די נשמה.

צום סוף האָט ער צוריקגעצויגן זיין פּולק, און זיך דערמיט באַהאַלטן אונטערן וואַלד, דער איינציקער, וואָס איז נאָך דורך די קאָזאַקן נישט געוואָרן אונטערגעצונדן. און די זאַפּאָראָזשיער, אי די פוסגייער, אי די רייטער, זענען אַוועק אויף דריי וועגן, צו דריי טויערן. די אָפּטיילונגען האָבן זיך איינס נאָך ס'אַנדערע געשאָטן: דער אומאַנער, דער פּאָפּאָוויטשאָווער, דער קאַנעווסקער, דער סטעבליקאָווער, דער נעזאַמאַיקאָווער. דער גורגוזיווער, דער טיטאַרעווסקער, דער טימאָשעווסקער. איינער נאָר דער פּערעסיאַסלאַווישער איז נישט געווען. שטאַרק האָבן אים די קאָזאַקן אָנגעשיכורט, און זיי האָבן זייער גורל פאַרשכורט. ווער עס האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ געבונדענער דורך פיינטלעכע הענט, ווער עס איז אינגאַנצן נישט אויפגעשטאַנען, אַ שלאָפנדיקער איז ער אַוועק צו דער פייכטער ערד, און דער אַטאַמאַן כליב אַליין האָט אויפגעוואַכט אויף דער ליאַכישער ערד אָן הויזן און אָן אויבער-מלבושים.

אין שטאָט האָבן זיי דערהערט אַ קאָזאַקישע באַוועגונג. אַלע זענען אַרויף אויף דער שטאָטישער מויער, און פאַר די קאָזאַקן האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ לעבעדיק בילד: פּוילישע אַדעל-לייט, איינער שענער פונם צווייטן, זענען געשטאַנען אויף דער מויער די מעשענע היטלען זייערע האָבן געגלאַנצט ווי די זון, און זיי זענען געווען באַפּעדערט מיט שוואַנען-ווייסע פעדעם. אויף אַנדערע זענען געווען לייכטע היטעלעך, ראָזע און הימל-בלאָע, מיט פאַרבויגענע שפּיצן אָן אַ זייט; זייערע קאַפּטאַנעס מיט די

צעוואָרפענע אַרבל זענען געווען באַנייט מיט גאָלד און מיט גליייך = אויסגעסדרטע שנירלעך. ביי זיי זענען געווען שווערדן מיט די ביקסען אין טייערע שיידן, פאָרוואָס די פאַנעס האָבן טייער באַצאָלט — און ס׳זענען געווען נאָך אַ סך אַנדערע הלבשות. פאָרויס זיי, איז געשטאַנען אין אַ רויט היטל און אין גאַנצן אין גאָלד אָנגעטון דער פּולקאָווניק פונם וואַכמייסטער־הויז. אַ שווערער איז געווען דער פּולקאָווניק, אַ העכערער און אַ דיקערער פון אַלע, און דער טייערער, ברייטערער מאַנטל האָט אים בעל־כרחו ארומגעהילט.

אויף דער אַנדערער זייט, כמעט ביי די ווינקעל = טויערן, איז געשטאַנען אַ צווייטער פּולקאָווניק, אַ מעגטש, אַ נישט־גרויסער און אינגאַנצן אַן אויסגעדאַרטער. נאָר זיינע קליינע, גלאַנ־ציקע אייגעלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן זיינע געדיכט־פאַרוואַקסענע ברעמען, און ער האָט זיך געשווינדט באַוואויגן אין אַלע זייטן, גיך אָנווייזנדיק מיט זיין דינער, אויסגעדאַרטער האַנט, דערלאַנגנדיק באַפעלן. ס׳איז געווען באַשיינפערלעך, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין קליינינקן גוף, איז ער געווען גוט באַ־האַוונט אין דער קריגס־לערע.

נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען אַ כאָראָנזשע, אַ לאַנ־גער, מיט געדיכטע וואָנסן און, דאַכט זיך, אַז ביי אים אויפן פּנים האָט זיך נישט געפילט קיין דוחק אין פאַרב: דער פּאַן האָט געליבט שטאַרקן האָניק און אַ גוט סעודהלע.

אונטער זיי זענען נאָך געווען כל־המינים אַדעל־לייט, באַ־וואָפנדיק זיך, ווער פאַר זיינע טשערוואָנצעס, ווער פאַרן קעניג־לעכן אוצר, ווער פאַר יידיש געלט, פאַרמשכנדיק אַלצדינג, וואָס האָט זיך נאָר נישט געזאָלט געפינען אין די פּאַלאַצן פון די ויידעס. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט אי די אַלערליי סענאַטאָרי־

שע אורחים, ווען די סענאַטאָרן האָבן ג.יט זיך מיטגעבראַכט צוליבן כבוד וועגן, און ווען האָבן פון טיש און פון די בו־פעטן אַראָפּגעגנבעט זילבערנע גלעזלעך און, נאָכן היינטיקן כבוד האָבן זיי זיך אַרויפגעזעצט אויף דער קעלניע, כדי אָנצוטרייבן מיט די פערד פון אַ וועלכן ס׳נישט הער. אַלע זענען דאָרט גע־ווען, אַן אַנדערש מאָל האָט אַפילו אויף אַ כוסה נישט געסטייעט, און צו דער מלחמה האָבן זיי אַלע זיך אויסגעפּוצט.

די קאָזאַקישע שורות זענען שטילערהייט געשטאַנען פאַר די ווענט. ביי זיי איז אַפילו אויף קיין קלומפּן גאָלד נישט גע־ווען; אפשר האָט עס ערגעץ־וואו געבלישטשעט איז עס געווען אויף די הענטלעך פון די שווערדן און אויף די ביקסן־באַגדן. אויף די מלחמות האָבן די קאָזאַקן זיך נישט ליב געהאַט רייך אויסצופּוצן. פּראָסטע זענען אויף זיי געווען פּאַנצער־העמדער און רעקלעך, און ווייט האָבן זיך געשוואַרצט און געררויטלט זייערע שוואַרצע, רויט־שפּיציקע שעפּסן־היטלען.

פון די זאַפּאָראָזשיער רייען פאָרויס זענען אַרויסגעריטן צוויי קאָזאַקן; איינער נאָך אַ ייגגעטשקער, דער צווייטער אַן עלטערער. ביידע זענען זיי געווען גרויסצייביק אויפן וואָרט, און צו דער אַרבעט אויך נישט קיין שלעכטע קאָזאַקן: אָ כ ר י ם נ אַ ש און מ י ק י ט ע ג אָ ל אָ ק אָ פּ י ט ע נ ק א האַרט אונטער זיי איז אַרויס־געפאָרן אויך ד י מ י ט ר י פּ אָ פּ אָ וו י ט ש, אַ פעסטער קאָזאַק, וואָס פּאָרעט זיך שוין לאַנג אַרום אין ס ע ט ש. ער איז געווען אונטער אַ ד ר י אַ נ אַ פּ אָ ל, און האָט זיך שוין אין זיין לעבן אַ סך אָנגעליטן: ער האָט שוין געבערענט אויפן פייער, און איז געקומען צו לויפן קיין סעטש מיט אַן אָנגעפּעכטן, פאַרשוואַרצטן קאָפּ און מיט אָפּגעברענטע וואָנסעס, אָבער פּאָפּאָוויטש איז גע־בעזן געוואָרן, האָט זיך געלאָזט אָגוואַקסן וואָנסעס געדיכטע און

שוואַרצע ווי סמאָלע. און העפטיק איז ער געווען אויפן בייסבדין וואָרט, דער פּאָפּאָוויטש.

— אַ, אין רויטע זשופּאַנעס*) איז דאָס גאַנצע מיליטער, אָבער איך וואָלט גערן געוואָלט וויסן, צו די גבורה זייערע איז אויך כאָטש אַ רויטע?

—אייך אַלע וועל איך בינדן!—האָט פון דער הייך אַראָפּ געשריִען דער דיקער פּולקאָווניק—פּויערים, גיט אַוועק די ביקסן מיט די פּערד. האָט איר כאָטש געזען, ווי איך האָב די אייגעריקע געבונדן? פירט זיי אַרויס אויף דער מויער, די זאַפּאָראָזשיער!

און זיי האָבן אַרויסגעפירט אויף דער מויער די מיט שטריק לעך געפּענטעטע זאַפּאָראָזשיער. פאָרויס איז געגאַנגען דער אָפּ-טיילונגס-אַטאַמאַן כליב. ער איז געווען אָן הויזן און אָן מאַנטל—אַזוי ווי זיי האָבן אים געכאַפּט שכורערהייט. האָט ער אַראָפּ-געלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ערד, דער אַטאַמאַן, ער האָט זיך געשעמט מיט דער באַקעטקייט פאַר זיינע אייגענע קאָזאַקן און דערפאַר, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט אַ פאַר-שלאָפענער, ווי אַ הונט. און אין איין נאַכט איז זיין שטאַרקער קאָפּ גראָ געוואָרן.

—דאַגה נישט, פליב! מיר וועלן דיך באַפרייען!—האָבן אים די קאָזאַקן פון אונטן אַרויפגעשריען.

—זאָרג זיך נישט, פריינט!—האָט זיך אָנגערופן דער אָפּטיי-

---

*) אוילבע אויבעררעק אין קליינרוסלאַנד.

איבערזעצער

לונגס-אַטאַמאַן באַראַדאַטי — ס'איז נישט דיין שולד, וואָס מ'האָט דיך געפאַנגען אַ נאַקעטן. אַן אומגליק קאָן פּאַסירן מיט איטלעכן מענטש, נאָר מיאוס איז דאָס פון זיי, וואָס זיי האָבן דיך אויס־אויסגעשטעלט צו שאַנד, לייטיש נישט פאַדעקנדיק דיין נאַקעט־קייט.

— צו שלאָפנדיקע מענטשן, זענט איר, ווי ס'ווייזט אויס, נאָר אַ העלדיש מיליטער! — האָט געזאָגט גאַלאָפּיטענקאָ, אַרויס־קוקנדיק אויף דער מויער.

—אָט וואַרטס אַביסל, מיר וועלן אייך נאָך די טשופּרינעס אָפּשניידן! — האָט געזאָגט פּאָפּאָוויטש, אויסדרייענדיק זיך צו זיי אויפן פערד, און נאָכדעם, ווי ער האָט אַ קוק געטון צו די זייַ־ביקע, ד'האָט ער ווייטער גערעדט: איז וואָס! ס'קאָן דאָך זיין, אַז די ליאַכעס זאָגן דעם אמת; אויב עס וועט זיי פירן אָט דער גראָבער בויך, וועט ער פאַר זיי אַלעמען זיין אַ גוטער באַ־שיצער.

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז ער וועט זיין זייערער אַ גוטער באַשיצער? — האָבן די קאָזאַקן געזאָגט, וויסנדיק, אַז פּאָפּאָוויטש איז שוין אַוודאי גרייט אַביסל ווייכער צו חערן.

— דערפאַר, וואָס אונטער אים שטייט דאָס גאַנצע מילי־טער, און ביי אַ צוויי שריט אונטער זיין פאַנץ קריגסטו פון אי־מיצן מיט דער שפּיז!

אַלע קאָזאַקן האָבן זיך פאַנאַנדער געלאַכט, און לאַנג האָבן נאָך אַ סך פון זיי געשאָקלט מיט די קעפּ זאָגנדיק:

— נו, שוין פּאָפּאָוויטש! קומט נאָר וועמען אַ ווערטל אין קאָפּ אַריין, ווי נאָר...

—אָבער די קאָזאַקן האָבן שוין ווייטער נישט גערעדט.

—טרעטס אָפּ, גיכער טרעטס אָפּ פון די ווענט!—האָט דער אַטאַמאַן אויסגערופן,—דען די ליאַכעס האָבן, ווי עס דאַכט זיך, נישט אויסגעהאַלטן קיין האַרב וואָרט.—און דער פּולקאָווניק האָט אַ באַוועג געטון מיט דער האַנט.

אַזוי ווי די קאָזאַקן האָבן נאָר אָפּגעצויגן, האָבן זיי פון דער מויער אַראָפּגעדונערט מיט אַ בהלה. אויף דער מויער זענען זיי געוואָרן באַאומרואיקט, עס האָט זיך באַוויזן דער גראָער וואָיעוואָדע אַליין, די טויערן האָבן זיך צעעפנט און דאָס מיליטער איז אַרויס. פאָרויס זענען געפאָרן אויף גלייך אויסמושטירטע פערד שיין באַקליידטע הוזאַרן, אונטער זיי—פאַרפּאַנצערטע זעלנער, נאָך ווייטער—געפּאַנצערטע רייטער מיט שפּיזן. די איבעריקע זענען געווען אין מעשענע היטלען און פון סאַמע אונטן זענען באַזונדער געפאָרן די בעסערע שרים, און איטלעכער פון זיי איז געווען אָנגעטון אויף זיין שטייגער. זיי האָבן נישט געוואָלט, די אדעל-לייט, זיך צוזאַמענמישן אין די רייען פון אַנדערע. זיי זענען נישט געווען אויסמושטירט, איטלעכער איז זיך געפאָרן מיט זיינע קנעכט. אונטער זיי זענען פון דאָסניי געווען רייען, און נאָך זיי איז געריטן דער כאָראָנזשע, און ווייטער ווידער רייען, און ס'איז אַרויסגעריטן דער דיקער פּולקאָווניק. פון הינטן, צום סוף פונם גאַנצן צוג, איז געפאָרן דער נידריקער פּולקאָווניק.

— לאָזט זיי נישט! לאָזט זיי נישט אויסמושטירן און זיך שטעלן אין די רייען!—האָט דער אַטאַמאַן געשריען.—אויף אַמאָל זאָלט איר זיי אַרומרינגלען מיט אַלע אָפּטיילונגען! לאָזט איבער אַלע טויערן! טיטאַרעווסקער אָפּטיילונג פאַלט-צו פון דער זייט! דיאַדקיעווער אָפּטיילונג—פאַל-אָן פון דער צווייטער זייט! רינגלט פון אונטערוויילעכטס, איר, קוקובענקאָ און פּאַליוואָדע! פאַרטומלט

פאַרטומלט זיי און צעשניידט זיי!

און פון אַלע זייטן האָבן די קאָזאַקן צעקלאַפּט, געשלאָגן און פאַרטומלט די ליאַכעס, און זיי האָבן זיך אויך אַליין פאַרלוירן. זיי האָבן צו מאָל צו קיין שיסן נישט דערלאָזט; די מעשה איז געגאַנגען אויף שווערדן און אויף פּיקעס. אַלע האָבן זיך צונויפגעדרייט אין איין קופּע, און איטלעכן האָט די געלעגנהייט צוגעפירט דערצו, אַז ער זאָל זיך באַווייזן...

דעמיד פּאָפּאָוויטש האָט דערשטאָכן דריי פּראָסטע לייט, און צוויי בעסערע שליאַכטשיטשעס האָט ער אַראָפּגעהרגעט פון די פערד, זאָגנדיק: „אָט וואָסערע גוטע פערד! אַזעלכע פערד האָב איך שוין לאַנג געוואָלט האָבן." ער האָט די פערד אָנגעיאָגט ווייט אין פעלד אַריין, שרייענדיק צו די שטייענדיקע קאָזאַקן, אַז זיי זאָלן זיי אַריבערנעמען. נאָכדעם איז ער ווידער צו, צו דער קופּע, איז פון דאָסניי אָנגעפאַלן אויף די אַראָפּגעוואָרפענע שליאַכטשיטשעס פון די פערד. איינעם פון זיי האָט ער דערהרגעט, דעם אַנדערן האָט ער אויפן האַלדז אַרויפגעוואָרפן אַ שטריק, אים צוגעבונדן צום זאָטל און ער האָט אים אַזוי געשלעפּט איבערן גאַנצן פעלד, אַראָפּנעמענדיק פון אים די שווערד מיטן טייערן הענטל און אָפּבינדנדיק פונם פּאַס אַ גאַנצן בייטל טשערוואָנצעס.

קאָביטאַ, אַ גוטער קאָזאַק און נאָך אַ יינגער, האָט זיך אויך געכאַפּט צו איינעם פון די העלדישסטע אינם פוילישן מיליטער, און זיי האָבן זיך לאַנג געראַנגלט. זיי זענען שוין געווען אויף אַ פויסטן-קאַמף. דער קאָזאַק וואָלט שוין געווען געזיגט נאָר איינברעכנדיק אים, האָט ער אים אַריינגעשטאָכן מיט אַ שאַרפן טערקישן מעסער אין זיין ברוסט. און ער האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן. ער האָט אים אין דער שלייף אַריין אַריינגעקנאַלט

אַ ברענענדיקע קויל. עס האָט אים אומגעבראַכט איינער פון די באַקאַנטסטע ד־הערן, דער שענסטער ריטער פון דעם פּאַרצייטישן פּירשטן-געביר. גראָד ווי אַ שלאַנקער טאָפּאָל ד־האָט ער זיך געטראָגן אויפן ברוינעם פערד זיינעם, און אַ סך באַיאַרישע העלדישקייט האָט ער שוין באַוויזן: צוויי זאַפּאָראָזשיער האָט ער צעהאַקט אויף צווייען. פעדאָר קאָרזשען, אַ גוטן קאָזאַק האָט ער צוזאַמען מיט זיין פערד אומגעוואָרפן, אויסגעשאָסן אויפן פערד, און דעם קאָזאַק האָט ער פונם פערד אַראָפּגעקראָגן מיט דער שפּיז; ביי אַ סך האָט ער אַראָפּגעהאַקט די קעפּ מיט די הענט, און דעם קאָזאַק קאָביטע האָט ער אומגעבראַכט, אַריינִיאָגנדיק אים אַ קויל אין דער שלייף.

—אָט מיט וועמען איך וואָלט זיך געוואָלט פּרווון די כחות האָט אויסגערופן דער נעזאַמאַיקאָווער אָפּטיילונגס-אַטאַמאַן קוקובענקאָ און נאָכלאָזנדיק דאָס פערד, איז ער גלייך אויף אים אַרויף, און ער האָט אַזוי שטאַרק אויסגעשריען, אַז ס׳זענען פונם נישט מענטשלעכן געשריי אויפגעציטערט געוואָרן אַלע די, וואָס זענען געשטאַנען אין דער נאָנט. דער ליאַק האָט געהאַט בדעה אויסצודרייען זיין פערד און אים גלייך קוקן אין פּנים אַריין, האָט זיך דאָס פערד אָבער איינגעעקשנט: אַן איבערגעשראָקענער פונם שרעקלעכן אויסגעשריי, האָט עס זיך אַ שטעל אַנידער געטון אָן אַ זייט, און—ס׳ד־האָט אים דערגרייכט קובענקאָס אַ ביקסן קויל. זי איז אים אַריין אין די פּלייצעס, די הייסע קויל, און ער איז אַראָפּגעפאַלן פונם פערד. אָבער אויך דאָ האָט זיך דער ליאַק נישט אונטערגעגעבן, האָט זיך אַלץ נאָך געסטאַרעט איבער צוטראָגן דעם שונאס קלאַפּ, אָבער עס איז אים שוואַך געוואָרן די האַנט, וועלכער ד־האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צוזאַמען מיט דער שווערד, וואָס אין איר.

און קוקובענקאָ, נעמענדיק אין ביידע הענט אַריין זיין שווערער שווערד, האָט ער זי אים אַ יאָג אַריין געטון אין סאַמע בלייך געוואָרענעם מויל: זי האָט אים אַרויסגעהאַקט צוויי צוקער־ציין, די שווערד האָט אים צעשניטן די צונג אויף צוויי, צעהאַקט אים דעם האַלז־קנאָפּ און ער איז אַראָפּגעפלויגן אויף דער ערד. אַזוי אַרום האָט ער אים אויף אייביק צוגענאָגלט צו דער פייכטער ערד. ווי פון אַ קוואַל האָט אין דער הייך אַרויסגעשאָסן דאָס רויטע, ווי נעבן טייכיקע פּאָטשערקעס, דערהאַבענע פּריצישע בלוט, און עס האָט איינגערויט דעם גאַנצן גאָלדבאַנייטן, געלן מאַנטל זיינעם. קוקובענקאָ האָט אים אַוועקגעשלײדערט, און איז מיט זיינע נעזאַמאַיקאָווצער אַוועק צו אַן אַנדער קופּקעלע.

— עך, פאַר די נישט באַקעמפטע האָט ער איבערגעלאָזט אַזאַ טייערע קליידונג! — האָט געזאָגט דער אומאַנער אַפּטיילונגס־אַטאַמאַן באָראָדאַטי אַוועקרייטנדיק פון די זייניקע צום אָרט, וואו עס איז געלעגן דער דערהרגטער דורך קוקובענקאָן, דער שליאַכטשיץ. — מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך שוין אַזעלכע זיבן שליאַכטשיצעס דערהרגעט, און אַזאַ הלבשה האָב איך נאָך ביי קיינעם פון זיי נישט געזען.

און מיט כיטרעקייט האָט באָראָדאַטי זיך דערצו צוגעשאַרט: ער האָט זיך אָנגעבויגן, כדי פון אים אַראָפּצונעמען די טייערע אויסצייכענונגען, האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען דאָס טערקישע מעסער וואָס אין אַ שטול פון כל־ערליי פאַרביקע שטיינער, האָט פון פאַס אָפּגעבונדן אַ דין־לייוונטענעם בייטעלע מיט טייערן זילבער און אַ מיידלשע לאָק, וואָס ער האָט באַהאַלטן צום אָנדענק. און ער האָט נישט געהערט, באָראָדאַטי, ווי ס'איז אויף אים, אונטערהיילעכטס אָנגעפלויגן דער רויט־נאָזיקער כאָראָנזשע, דער

וועלכער איז שוין איינמאָל געווען פון זיי אַראָפּגעשליידערט פונם זאָטל און באַקומען נאָך צו דעם צו אַ פּעסטן שניט לזכר.

מיט אַלע כחות האָט ער זיך אַ לאָז־אַרויף־געטון און האָט אים מיט דער שווערד אַ דרעש־געטון איבערן גאַנצן אָנגעבויגע־נעם האַלז. נישט צום גוטן האָט אים געפירט זיין זשעדנעקייט, דעם קאָזאַק: עס איז אים אָפּגעשפּרונגען זיין מעכטיקער קאָפּ און אַ טויטער איז צעשפּרונגען געוואָרן איבער דער אַרומיקער בז׳וואַקסענער ערד.

עס האָט זיך אויפגעטראָגן צו די הויכקייטן אַ שטרענגע, קאָזאַקישע נשמה, אַ צערנדיקע און אַן אומבאַפרידיקטע, און צו־זאַמען דערמיט אַזאַ פּאַדחידושטע, פּאַר וואָס זי איז אַזוי פּריצוי־טיק אַרויסגעפלויגן פון אַזאַ שטאַרקן גוף, דער כאָראָנזשע האָט אָבער נישט באַוויזן אים אָנצעכאַפּן פּאַר דער גזשיווע, דעם אַטאַ־מאַנישן קאָפּ, כדי אים צוצובינדן צום זאָטל, וואָרום ס׳איז תיכף אָנגעקומען אַ שטרענגער בעל־נוקם.

גראַד ווי אַ פליענדיקער אָדלער אין הימל, וועלכער מאַכט אַרום מיט זיינע שטאַרקע פליגלען אַ סך קרייזן, שטעלט ער זיך מיט אַמאָל אָפּ, אַ צעשפּרייטער אויף איין אָרט, און הרגעט פון דאָנען מיט דער ביקס דעם ביים סאַמע וועג צעשריגענעם „ער־באָטשאַן, אַזוי איז טאַראַסעס זון, אָסטאַפּ, אינדעם אָנגעפלויגן אויפן כאָראָנזשע און מיט אַמאָל אים אויפן האַלז פּאַרוואָרפן אַ שטריקל. עס איז נאָך מער צעברענט געוואָרן דאָס רויטע פּנים פון כאָראָנזשיע, בעת די פּעטליע האָט אים אַזוי אַכזריותדיק צו־געצויגן דעם גאָרגל: ער האָט זיך שוין געהאַט געכאַפּט דעם פּיסטאָלעט, אָבער די פּאַרפירטע און באַזיגטע האַנט האָט שוין נישט געקאָנט אַ שאָס טון, און די קויל איז מיט אַ היליך אַוועק־געפלויגן אין פעלד אַריין.

אָסטאַפּ האָט תיכף פון זיין אייגענעם זאָטל אָפּגעבונדן דעם זיידענעם שנור, וועלכן דער כאָראָנזשע האָט מיט זיך מיט געפירט אויף צו בינדן די געפאַנגענע, און מיט דעם זעלבן שנירל האָט ער אים געבונדן די הענט מיט די פיס, דעם עק פון שטריקל צוגעטשעפּעט צום זאָטל, און אַזוי האָט ער אים געשלעפּט איבערן פעלד, הויך צונויפרופנדיק אַלע קאָזאַקן פון דער אומאַנער אָפּטיילונג, כדי זיי זאָלן דעם אַטאַמאַן אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד.

ווען די אומאַנער האָבן נאָר דערהערט, אַז זייער אָפּטיילונגס-אַטאַמאַן באָראָדאַטי איז שוין צווישן די לעבעדיקע מער נישטאָ, האָבן זיי געוואָרפן דאָס קריגס-פעלד, און אַוועק צונעמען זיין לייב, און באַלד אויפן אָרט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צובאַראַטן, וועמען אויסצוקלויבן פאַר זייער פירער.

ענדלעך האָבן זיי געזאָגט:

— צו וואָס זיך באַראַטן? קיין בעסערן דאַרף מען נישט אויסקלויבן פאַר אַן אַטאַמאַן, ווי בולבינקעס אָסטאַפּ: ער, וואָס אַן אמת, איז יינגער פון אַלעמען, אָבער שכל איז פאַר דאָס ביי אים פאַראַן, ווי ביי אַן אַלטן מענטשן!

אָסטאַפּ האָט, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, זיך באַדאַנקט פאַר זיינע חברים-קאָזאַקן צוליבן צו געטיילטן כבוד; ער האָט זיך דערפון נישט געוומען אָפּזאָגן נישט מחמת זיין יינג זיין, נישט צוליב זיין יינגן פאַרשטאַנד, וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז עס איז מלחמה-צייט, און אַז נישט צו דעם איז איצט די צייט, נאָר ער האָט זיי באַלד צונויפגעזאַמעלט אויף איין אָרט, און האָט זיי אַלעמען געוויזן, אַז נישט אומזיסט האָבן זיי אים אויסגעקליבן פאַר אַן אַטאַמאַן.

די ליאַכעס האָבן שוין געהאַט דערפילט, אַז די מעשה איז אַביסעלע ברענענדיקער געוואָרן, זענען זיי דערפאַר אָפּגעטראָטן און אַנטלאָפן אין פעלד אַריין, כדי זיך צונויפצוקלייבן אין צווייטן עק. און דער נידריקער פּולקאָווניק האָט געוויזן אויף די פרישע באַזונדער ביי די טויערן שטייענדיק פיר מאות קאָזאַקן, וועלכע האָבן פון דאַנען אַראָפּגעדונערט מיט אַ שיסעריי אין די קאָזאַ-קישע געזעמלעך. אָבער זיי האָבן ווייניק וועמען געטראָפן: די קוילן זענען אַריין אין די קאָזאַקישע אָקסן, וועלכע האָבן אַזוי ווילד געקוקט אויף דער שלאַכט. זיי האָבן אויפגערעוועט, די דערשראָקענע אָקסן, זענען אַרויפגעפאַלן אויף די קאָזאַקישע לאַ-גערס, האָבן צו בראָכן די פורן און אַ סך קאָזאַקן צוטרעטן.

אָבער טאַראַס, וועלכער ד'האָט זיך גראָד מיט זיין פּולק אַרויסגעריסן פון דער באַהעלטעניש, האָט זיך מיט אַ געשריי גע וואָרפן אויף די אָנפאַלער. די גאַנצע משוגענע טשערעדע איז אַן איבערגעשראָקענע פונם אויסגעשריי, פאַרדרייט געוואָרן, האָט זי זיך געוואָרפן אויף די ליאַכישע פּולקן, האָבן אומגעבראַכט די קאַוואַלעריע, די אַרטילעריע, די פּוס-גייער און זיי פאַרטיליקט.

—אָ, אַ דאַנק אייך, אָקסן! — האָבן די זאַפּאָראָזשיער אויס-געשריען. —זיי האָבן געדינט אינם גאַנצן מאַרש-צוג, און אַצינדער ד'האָבן זיי אויך דער מלחמה אָפּגעדינט!

און מיט נייע כחות האָבן זיי געשלאָגן דעם שונא. אַ סך פיינט האָבן זיי דאַמאָלס צעשמעטערט. אַ סך האָבן זיך באַוויזן אין דער מלאכה: מעטעליצע, שילאָ, ביידע פּיסאַרענקעס, וואָוטו-זענקאָ, און ס'זענען נישט ווייניק געווען אויך אַנדערע.

האָבן די ליאַכעס דערזען, אַז ס'איז שלעכט, אַז ענדלעך איז קיין אַנדערע עצה נישטאָ, האָבן זיי אַרויסגעשטעלט זייע-

רע פענער און האָבן געהייסן עפענען די שטאָטישע טויערן. ניט אַ סקריפּ האָבן זיך צעעפנט די מיט אייזן־געשמידטע טויערן, און זיי האָבן אין זיך אַריינגענומען די זיך אַריינדריקנדיקע, ווי די שעפסן אין שעפסן־שטאַל אַריין, מאַסן פון אויסגעמאַטערטע און מיט שטויב באַדעקטע פּאַרטיידיקער. פיל פון די זאַפּאָראָזשיער האָבן אָנגעהויבן זיך נאָכצויאָגן נאָך זיי, נאָר אָסטאַפּ האָט אָפּגעשטעלט זיינע אומאַנער און געזאָגט:

— רוקט זיך אָפּ אַביסעלע ווייטער — ווייטער, פּ[illegible]געס ברידער, פון די ווענט! עס איז נישט כדאי נאָנט צו זיי צוצוגיין!

און ער האָט דעם אמת געזאָגט, ווייל זיי האָבן פון די ווענט אַראָפּגעוואָרפן און אַראָפּגעשאָטן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר גע־געקומען אין דער האַנט אַריין, און עס האָט טאַקע פילע באַגעגנט.

אין דער זעלביקער צייט איז צוגעריטן דער אַטאַמאַן, ער האָט געלויבט אָסטאַפּן זאָגנדיק:

—אָט איז אַ נייער אַטאַמאַן, און פירן פירט ער דאָס מיליטער גראַד, ווי אַן אַלטער—האָט זיך דער אַלטער בולבאַ אומגעקוקט, כדי צו זען, וואָסערער נייער אַטאַמאַן דאָס איז, און ער האָט דערזען, אַז אויבן אָן, פאַר אַלע אומאַנער איז אויף אַ פערד געזעסן אָסטאַפּ, זיין היטל איז געווען געבויגן אָן אַ זייט און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אַטאַמאַנישע רוט.

—זעסטו שוין!—האָט ער קוקנדיק אויף אים אַ זאָג געטון, און ס'האָט זיך דערפרייט, דער אַלטער, און ער האָט אָנגעהויבן צו לויבן אַלע אומאַנער פאַרן כבוד, וואָס זיי האָבן זיין זון צוגעטיילט.

די קאָזאַקן זענען פון דאָסניי אָפּגעטראָטן, גרייטנדיק זיך צו גיין צו די לאַגערס, און אויף דער שטאָטישער מויער האָבן זיך וויזער באַוויזן ליאַכעס, אָבער שוין מיט אַראָפּגעריסענע שליפעס, דאָס בלוט אויף די פילע טייערע מאַנטלען איז פאַר־באַקן געוואָרן און די שיינע, מעשענע היטלען, האָבן זיך מיט שטויב באַדעקט.

—וואָס, האָט איר כאָטש געבונדן?—האָבן פון אונטן אַרויסגעשריען די זאַפּאָראָזשיער.

—איך וועל אייך שוין!—האָט פון דער הייך געהאַלטן אין איין אַראָפּשרייען דער גראָבער פּולקאָווניק, ווייזנדיק אַ שטריקל, און עס האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו דראָען די פאַרשטויבטע, פאַרמאַטערטע קריגער, און אַלע, פון ביידע צדדים, האָבן זיך פון דאָ און דאָרט איבערגעביטן מיט שלאָג־ווערטער.

ענדלעך — אַלע זענען זיך צעגאַנגען. ווער אַן איינגעמאַטערטער פון קאַמף, עס האָט זיך אַנידערגעלייגט אָפּרוען, ווער עס האָט זיך מיט ערד פאַרקלעפּט זיינע וואונדן, האָט אויף באַנדאַזשן צעריסן טיכלעך און טייערע מלבושים, וואָס זענען אַראָפּגעצויגן געוואָרן פונם שונא. אַנדערע ווידער, די וואָס זענען געווען פרישער, האָבן אָנגעהויבן אַוועקרוימען די געפאַלענע און אָפּגעגעבן זיי דעם לעצטן כבוד. מיט שווערדן און שפּיזן האָבן זיי געגראָבן די ערד. אין היטלען און אין די פּאָלעס האָבן זיי אַרויסגענומען דאָס זאַמד; מיט יראת הכבוד האָבן זיי אַריינגעלייגט די קאָזאַקישע בר־מיננס און האָבן זיי פאַרשאָטן מיט פרישע ערד, כדי די קראָען און די ציקנדיקע אָדלערס זאָלן זיי נישט קאָנען די אויגן אויספּיקן. און די ליאַכישע לייבער האָבן זיי צוגעבונדן, ווי עס איז געגאַנגען, אין די צענדליקער אַריין, צו די עקן פון די ווילדע פערד, וועלכע זיי האָבן געטריבן אי־

בערן גאַנצן פעלד און לאַנג זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט, שמייסנ־דיק זיי אין די זייטן אַריין. די משוגענע פערד זענען געפלויגן איבער זומפן און בערג, איבער ראָוון און וואַסערן, און עס האָבן זיך אָן דער ערד צעשלאָגן די מיט בלוט און שטויב באַ־דעקטע פוילישע מתים.

נאָכדעם האָבן זיך אַלע אָפּטיילונגען אַוועקגעזעצט צו נאַכט־מאָל, און זיי האָבן לאַנג גערעדט וועגן די מעשים און קאַמפן, אין וועלכע איטלעכער האָט זיך באַטייליקט און וואָס ער וועט דינען פאַר אַן אייביקער דערציילונג פאַר די קומענ־דיקע דורות אין עתיד. און זיי זענען נאָך לאַנג אויף־געווען; און לענגער פון אַלעמען איז וואַך־געווען דער אַלטער טאַראַס, וועלכער האָט אַלץ געטראַכט, וואָס עס זאָל באַטייטן דאָס, וואָס אַנדרי האָט זיך נישט געפונען צווישן די פיינטלעכע קעמפער. האָט דער יהודה ביי זיך געפועלט צו גיין קעגן די זייניקער, אָדער ער האָט אים גאָר אָפּגענאַרט, דער ייִד, באשר ער איז געווען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. נאָר דאָ האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז אַנדריס הארץ איז געווען אָן אַ שיעור ווייך צו ווייבערישע רייד. ער האָט דערפילט אַ גרויסן פאַרלוסט און האָט טיף ביי זיך אין הארצן פאַרשוויגן נקמה צו נעמען פון דער פוילין, וועלכע האָט באַצויבערט דעם זון זיינעם. און ער וואָלט זיין שבועה מקיים געווען: ער וואָלט נישט געקוקט אויף איר שיינקייט, ער וואָלט זי אָנגעכאַפּט פאַר דעם געדיכטן, פּוכיקן קאָפּ האָר און אַזוי וואָלט ער זי מיט זיך מיטגעשלעפּט אין פעלד אַריין, צווישן אַלע קאָזאַקן. עס וואָלטן זיך אָן דער ערד צעקלאַפּט, אין בלוט זיך פאַרגאָסנדיק און מיט שטויב זיך באַ־דעקט אירע וואונדער שיינע בריסטן און אַקסלען, וואָס זענען מיט זייער גלאַנץ געגליכן צו די נישט צעגאַנגענע שנייען, וואָס

באַדעקן די שפיצן פון די בערג. אויף שטיקער וואָלט ער צעטראָגן איר הערלעכן, וואונדער שיינעם קערפער. נאָר בולבא האָט נישט געוואוסט דאָס, וואָס גאָט ברייט אָן פאַרן מענטשן אויף מאָרגן, און מיטן דרעמל האָט ער זיך פאַרגעסן, און איז איינגעשלאָפן. די קאָזאַקן האָבן אַלץ נאָך געשמועסט צווישן זיך און אַ גאַנצענע נאַכט איז ביי די פייערן געשטאַנען אומאויפהערלעך זיך אַרומקוקנדיק אין אַלע זייטן, אַ ניכטערע, די אויגן נישט פאַרמאַכנדיקע וואַך.

VIII

די זון איז נאָך נישט געווען דערגאַנגען צום האַלבן הימל, ווען אַלע זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין רעדלעך. פֿון סעטש איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די טאָטערס האָבן דאָרט אין דער צייט פֿון די קאָזאַקנס אָפּוועזנקייט, אַלץ באַרויבט, בכּן זיי האָבן אויסגעגראָבן דעם אוצר, וועלכן די קאָזאַקן האָבן בסוד באַהאַלטן אין דער ערד; זיי האָבן אויסגעהרגעט און גענומען אין געפֿענגעניש אַלע, וואָס זענען נאָר דאָרט פֿאַרבליבן, און אַז צוזאַמען מיט אַלע צוגענומענע טשערעדעס און טאַבונעס האָבן זיי פֿאַרנומען דעם וועג גלייך קיין פּערעקאָפּ.

נאָר איין קאָזאַק, מאַקסים גאָלאָדוכאַ, האָט זיך אונטער־וועגס אַרויסגעריסן פֿון די טאָטערישע הענט; ער האָט דערשטאָכן דעם פֿירער, האָט ביי אים צוגענומען אַ זעקל מיט צעניכעס, און אויפֿן טאָטערישן פֿערד און אין טאָטערישע קליידער, האָט ער אַנדערטהאַלבן טעג און צוויי נעכט געפּטרט אויף דער פּליטה. ער האָט דאָס פֿערד ביז צום טויט דעריאָגט, איז אַרויף פֿון

אײן װעג צום צװײטן, און אַז ער האָט שױן אױך דעם אַדורכ־
געמאַכט, איז ער אױפֿן [illegible] אָנגעקומען צום זאַפּאָר[illegible]ר
לאַגער, װאָרום ער האָט זיך אין װעג דערװאוסט, אַז די זאַפּאָ־
ראָזשיער זענען געװען הינטער דובנא. קױם װאָס ער האָט באַ־
באַװיזן מודיע־צו זײַן, װאָסערע צרה ס׳האָט פּאַסירט, אָבער פֿאַר־
װאָס ס׳האָט פּאַסירט — צי האָבן די איבערגעבליבענע קאָזאַקן גע־
שכורט, װי די קאָזאַקן זענען זיך נוהג, און האָבן זיך אַזױ אַרום
איבערגעגעבן צום שונא, און װי אַזױ די טאָטערן האָבן זיך דער־
װאוסט פֿון אָרט, װאו עס איז געװען אײַנגעגראָבן דער מילי־
טערישער אוצר — מכח דעם האָט ער גאָרנישט גערעדט. ער איז
שטאַרק אָפּגעשטאַנען, דער קאָזאַק, ער איז אינגאַנצן אױפגע־
שװאָלן דאָס פּנים איז אים פֿון װינט דערצונדן און אָפּגעברענט
געװאָרן, דעריבער איז ער באַלד אױפֿן אָרט אַנידערגעפֿאַלן, און איז
אַנטשלאָפֿן געװאָרן מיט אַ שטאַרקן שלאָף...

אין ענלעכע פֿאַלן האָבן זיך די זאַפּאָראָזשיער נוהג־געװען
תיכף־ומיד זיך נאָכצױאָגן נאָך די רױבער, באַמיענדיק זיך זײ
צו טרעפֿן אױפֿן װעג, װאָרום די געפֿאַנגענע האָבן זיך אַמאָל
אױך געקאָנט װײַזן אױף די מאַרקן פֿון קלײן־אַזיע, אין סמיר־
נא, אױפֿן קריטסקער אינזל, און גאָט װײס, אין װעלכע ערטער
ס׳װאָלטן זיך נישט באַװיזן די קענדזשערדיקע זאַפּאָראָזשיער קעפּ.
אָט פֿאַרװאָס די זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט. אַלע ביז
צו אײנעם, זענען זײ געשטאַנען אין די היטלען, װײל זײ זע־
נען אַהערגעקומען נישט צו דעם, כדי „פּאָ נאַטשאַלסטװאו״ אױס־
צוהערן אַ באַפֿעל פֿונם אַטאַמאַן, נאָר כדי זיך צובאַראַטן װי גלײַ־
כע צװישן גלײַכע.

— זאָלן פֿריער אַן עצה געבן די עלטסטע! — האָבן זײ גע־
שריען אין דער מאַסע.

—זאָל דער אַטאַמאַן געבן אַן עצה — האָבן אַנדערע געזאָגט.

האָט דער פירער אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָבער שוין נישט ווי אַ הויפּטמאַן, נאָר ווי אַ חבר. ער האָט אַלעמען באַדאַנקט פאַרן כבוד, און ער האָט געזאָגט:

—ביי אונז זענען פאַראַן אַ סך עלטערע און קליגערע אין פאַרשטאַנד, נאָר אויב מ׳האָט מיך באַערט, איז די דעה מיינע: נישט פאַרלירן קיין צייט, חברים, נאָר נאָכיאָגן זיך נאָכן טאָטער; דען איר אַליין ווייסט, וואָסערער מענטש דער טאָטער איז: ער וועט זיך אַנידערשטעלן און צו וואַרטן מיטן צוגערויבטן גוטס אויף אונזער אָנקומען, און מיט איין אויגנבליק פאַרשפילן זיך, פאַרלירט מען אים אַזוי, אַז דו וועסט שוין אַפילו קיין אָנצייכעניש פון אים נישט געפונען. אַזוי איז מיין עצה: גיין. דאָ האָבן מיר שוין אָפּגעהוליעט. די ליאַכעס ווייסן שוין, וואָס עס איז אַ ווינס קאָזאַקן, פאַר דער אמונה האָט מען נקמה גענומען אויף וויפיל די כחות האָבן אויסגעטראָגן, פאַרמעגנס ווידער, איז אין אַ הונגעריקער שטאָט פאַראַן ווייניק-וואָס, איז אַלזאָ, מיין עצה—גיין.

—גיין!—האָט זיך מעכטיק צעהילכט אין די זאַפּאָראָזשיער אָפּטיילונגען. נאָר טאַראַס בולבאַן זענען אַזעלכע ווערטער נישט געווען צום האַרצן, און ער האָט נאָך נידעריקער איבער די אויגן אַראָפּגעלאָזט זיינע אָנגעכמאַרעטע, שוואַרצלעך ווייסע ברעמען, וואָס זענען ענלעך צו די קשאַקעס וועלכע צעוואַקסן זיך איבער די הויכע שאָטנס פון די בערג, און וועמענס קרוינען עס ווערן געדיכט געטראָגן פונעם נאָרדיקן, צפונדיקן רייף.

— ניין, אַטאַמאַן, די דעה דיינע איז נישט קיין גערעכ-

טעו—האָט ער געזאָגט.—דו זאָגסט נישט אַזוי: דו האָסט אַפּניםל פאַרגעסן, אַז די אונזעריקע בלייבן אין געפאַנגענשאַפט, פאַרכאַפּטע דורך די ליאַכעס? דו ווילסט, קענטיק, אַז מיר זאָלן נישט אָפּהיטן דעם ערשטן הייליקן געזעץ פון חברישקייט, אַז מיר זאָלן אונזערע מיט ברידער איבערלאָזן דערויף, כדי מ׳זאָל לעבעדיקערהייט פון זיי אַראָפּשינדן די הויט, אָדער,צעפערטלענדיק אויף שטיקער זייערע קאָזאַקישע לייבער, זאָל מען זיי צעפירן איבער שטעט און דערפער, ווי זיי האָבן דאָס שוין געטון מיטן העטמאַן און מיט די בעסערע רוסישע ריטער אויף אוקראַינע. צי האָבן זיי אונז נאָך ווינציק אי אָן דעם פאַרשאָלטן איבערן בית־המקדש? ווער זענען מיר דאָס אַזעלכע? — פרעג איך אייך אַלעמען. וואָסערער קאָזאַק איז דער, וואָס האָט אין אַ עת־צרה זיין חבר פאַרלאָזט, האָט אים, ווי אַ הונט אַוועקגעוואָרפן אין דער פרעמד? און אויב עס איז שוין געקומען צו דעם, אַז איטלעכער זאָל מיט גאָר נישט וועלן אויפהייבן דעם קאָזאַקישן כבוד, דערלויבנדיק זיך צו שפייען אין זיינע גראָע וואָנסעס און אַליין זיך פאַרוואַרפן מיט אַ באַליידיקן וואָרט, וועט קיינער מיך שוין אויף זיינע אויגן נישט דערזען. איינער בלייב איך דאָ איבער!

אַלע שטייענדיקע זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך אַ וויג געטון.

—און אפשר האָסטו פאַרגעסן, העלדישער פּאָלקאָווניק — האָט דער אַטאַמאַן דאַן געזאָגט, — אַז ביי די טאָטער אין די הענט זענען אויך דאָ אונזערע חברים, און אויב מיר וועלן זיי אַצינד נישט אויסלייזן, וועט זייער לעבן אויף אייביק פאַרקויפט ווערן אויף פאַרקנעכטונג צו פרעמדע פעלקער, און וואָס עס איז ערגער פון אַן אַכזריותדיקן טויט? דו האָסט אַודאי פאַרגעסן, אַז ביי זיי איז איצט פאַראַן אונזערע אַלע אוצרות, די

אַלע קאָזאַקן האָבן זיך פאַרטראַכט, און זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. קיינער פון זיי האָט זיך נישט געוואָלט איינשאַפן קיין באַליידיקן רום. דאַן איז אויף פאָרויס אַרויסגעגאַנגען דער עלטסטער זאַפּאָראָזשיער לויט די יאָרן—קאַסיאַן באָווד יוג. לויט זיין רום איז ער געווען גלייך מיט אַלע קאָזאַקן: ער איז שוין צוויי מאָל געווען אויסגעקליבן פאַר אַ פירער און אויף די מלחמות איז ער אויך געווען אַ שטאַרק גוטער קאָזאַק, אָבער ער איז שוין לאַנג געוואָרן פאַרעלטערט און איז אין קיין שום קאַמפן נישט געווען. ער האָט אויך נישט ליב געהאַט קיינעם קיין דעה צו זאָגן; דער אַלטער זעלנער האָט נאָר געהאַט אַ הנאה צו ליגן אָן אַ זייט ביי די קאָזאַקישע רעדלעך, הערנדיק דערציילונגען וועגן פאַרשידענע פּאַסירונגען און וועגן די קאָזאַקישע מאַרשן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַריינגעמישט אין זייערע רייד, האָט אַלץ מיטן פינגער צוגעדריקט דאָס אַש, וואָס אין זיין קורצן לולקעלע, וועלכעס ער האָט נישט פון מויל אַרויסגעלאָזט, און איז נאָך דעם נאָך לאַנג געזעסן, לייכט פאַרזשמורענדיק די אויגן, און די קאָזאַקן האָבן נישט געוואוסט, צי ער שלאָפט, דער אַלטער, אָדער ער הערט זיך אַלץ נאָך צו. בעת אַלע מלחמות איז ער אין דער היים געבליבן, נאָר דאָס מאָל האָט דעם אַלטן אַריינגעבראַכט עפּעס אַ חשק, ער האָט אויפן קאָזאַקישן שטייגער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און געזאָגט:

— אין ערגעץ איז עס נישט געגאַנגען! אַצינד וועל איך אויך גיין: אפשר וועל איך מיט עפּעס וואָס נוצלעך זיין פאַר דעם קאָזאַקנטום!

אַלע קאָזאַקן זענען אַנטשטומט געוואָרן, בעת ער איז איצט

אַרויסגעטראָטן פאַר דער פאַרזאַמלונג. דען זיי האָבן שוין לאַנג פון אים קיין שום וואָרט נישט געהערט. איטלעכער האָט געוואָלט וויסן, וואָס וואָחדיוג וועט זאָגן.

— ס'איז געקומען די רייע אויך אויף מיר צו זאָגן אַ וואָרט, פאַן בראַטצעס! —אַזוי האָט ער אָנגעהויבן—הערט אויס, קינדער, אַן עלטערן. קלוג האָט געזאָגט דער מנהיג; און, ווי אַ ראש פונם קאָזאַקישן מיליטער, בין איך מחויב אים צו פאַרטיי־דיקן, און זאָגנדיק זיך וועגן מיליטערישן אוצר, האָט ער קיין קלוגערס נישט געקאָנט זאָגן. אָט וואָס! זאָל דאָס זיין מיינע ערשטע רייד! און איצט הערט, וואָס עס וועלן זאָגן מיינע אַנ־דערע רייד, און אָט וואָס מיינע צווייטע רייד וועלן זאָגן: אַ גרויסן אמת האָט געזאָגט אויך טאַראַס, דער פּולקאָווניק. גיב אים, גאָט, אַ לאַנג לעבן און אַז אַזעלכע פּולקאָווניקעס זאָלן זיין אין אַ גרעסערער צאָל אויף אוקראַינע! דער ערשטער חוב און דער ערשטער כבוד פון קאָזאַק איז צו היטן דאָס חברשאַפט. ווי לאַנג איך לעב, האָב איך ברידער נאָך נישט געהערט, אַז אַ קאָזאַק זאָל ערגעץ פאַרלאָזן אָדער, ווי־עס־איז, פאַרקויפן זיינעם אַ חבר. אי די, אי יענע זענען אונז חברים — צי זיי זענען אין אַ קלענערע צאָל, צי אין אַ גרעסערער, אַז אַלצאיינס אַלע זע־נען חברים, אַלע זענען אונז טייער. איז אָט אַז מין טענה: די וועמען עס זענען ליב די געפאַנגענע דורך די טאָטער, זאָלן זיי זיך אַוועקלאָזן נאָך די טאָטער, און וועמען עס זענען ליב די פאַרנומענע דורך די ליאַכעס, און וועמען עס ווילט זיך נישט איבערלאָזן אַ רעכטן ענין, די זאָלן דאָ איבערבלייבן. דער אַטאַ־מאַן וועט מיט איין העלפט גיין אויף די טאָטער, און די אַנדע־רע העלפט וועט פון זיך אויסוועלן אַ שטרענגן פירער, און אַ שטרענגער פירער—אויב איר ווילט נאָר האָרכן אַ גראָען קאָפּ—

איז פאַר קיין אַנדערן נישט פּאַסיק צו זיין, ווי איינעם: טאַראַס בולבאַן. נישטאָ ביי אונז קיינער, וואָס זאָל זיך צו אים קאָנען גלייכן מיט זיין גבורה.

אַזוי האָט געזאָגט וואָוודיוג, און איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אַלע קאָזאַקן האָבן זיך דערפרייט, וואָס דער אַלטער האָט זיי אויף אַזאַ אופן אַרויפגעבראַכט אויפן שכל. אַלע האָבן אין דער הייך אַרויף פאַריסן די היטלען און האָבן אויסגעשריען:

— אַ דאַנק דיר, באַטקאָ!

ער האָט געשוויגן, געשוויגן, לאַנג האָט ער געשוויגן און אָט ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— נישט אומזיסט האָט ער געטענהט, בעת ער האָט זיך פאַרקליבן אין דער מלחמה אַריין, אַז ער וועט אַ נוצן ברענגען דעם קאָזאַקנטום, און אַזוי איז געוואָרן.

— וואָס, זענט איר מסכים דערויף? — האָט דער אַטאַמאַן געפרעגט.

— אַלע זענען מסכים! — האָבן די קאָזאַקן אויסגעשריען.

— קאָן שוין זיין די פאַרזאַמלונג פאַרענדיקט?

— געענדיקט די פאַרזאַמלונג! — האָבן די קאָזאַקן אויסגעשריען.

— טאָ הערט־זשע אַצינד אויס אַ מיליטערישן באַפעל, קינדער — האָט געזאָגט דער אַטאַמאַן.

ער איז אַרויסגעטראָטן אויף פאָרויס, האָט אָנגעטון דאָס היטל, און אַלע זאַפּאָראָזשיער, וויפיל זיי זענען נאָר נישט געווען, האָבן אַראָפּגענומען זייערע היטלען און זענען שטיין גע-

בליבן מיט אַנטבלויזטע קעפּ אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד ווי ס'האָט זיך פון תמיד אָנגעפּירט צווישן די קאָזאַקן, בעת אַן עלטסטער האָט עפעס רעדן גענומען.

—אַצינד צעטיילט אייך, פאַן בראַטצעס! ווער עס וויל גיין, דער זאָל אַרויסטרעטן אויף רעכטס! ווער עס בלייבט איבער — גיי אָפּ אויף לינקס! וואוהין עס וועט אַריבער אַ גרעסערער טייל פון דער אָפּטיילונג, אַהין וועט אַוועק אויך דער אַטאַמאַן; און אויב עס וועט נאָר אַריבערגיין אַ קלענערער טייל, זאָלן זיי צו שטיין צו די אַנדערע אָפּטיילונגען.

און אַלע האָבן אָנגעהויבן איבערצוגיין, ווער צום רעכטן, ווער צום לינקן צד. ווען מערהייט עס איז אַוועק, איז אַהינ־צו אויך אַוועק אי דער פירער פון דער אָפּטיילונג; אויף וועל־כער מחנה עס איז אויסגעפאַלן אַ מעוט, זענען זיי צוגעשטאַנען צו די איבריקע אָפּטיילונגען, און שיער־שיער איז נישט אַרויס־געקומען אויף גלייך ביי ביידע צדדים. איבערבלייבן האָבן גע־וואָלט: כמעט די גאַנצע נעזאַמאַיקאָווער אָפּטיילונג, אַ גרעסערע העלפט פון דער פּאָפּאָוויטשעווסקער אָפּטיילונג, די גאַנצע או־מאַנער און די גאַנצע קאַנעווסקער אָפּטיילונג, אַ גרעסערע טייל פון סטעבליקאָווער און אַ גרעסערע העלפט פון דער טימאָשעוו־סקער אָפּטיילונגען. די אַלע איבריקע האָבן זיך אָפּגערופן צו גיין אויף די טאָטער. אויף ביידע זייטן זענען געווען אַ סך קרעפטיקע און העלדנמוטיקע קאָזאַקן.

צווישן די, וועלכע האָבן זיך אַנטשלאָסן צו גיין אויסשפּירן די אַנטלאָפענע טאָטער, איז געווען טשערוואַטי, אַ גוטער, אַלטער קאָזאַק. ס'זענען אויך געווען פּאָקאָטיפּאָלע, לעמיש, פּריקאָפּאָ־וויטש און כאָמאַ; דעמיד פּאָפּאָוויטש איז אויך אַריבער אויף דער זייט, מחמת ער איז פון דער טבע, אַ שטאַרק פאַרביסענער און

ער האָט לאַנג אויף אַן אָרט נישט געקאָנט זיצן, מיט די ליאַכעס האָט ער זיך שוין געפרווט אין ענין, און ס׳האָט זיך אים נאָר פאַרוואָלט צו פאַרמעסטן זיך מיטן טאָטער. מנהיגים זענען געווען: נאָסטיוגאַן, פאָקרישקאַ, נעווילישקי, און נאָך אַ סך אַנדערע בארימטע, העלדנמוטיקע קאָזאַקן האָט זיך פאַרגלוסט צו פרווון די שווערד מיט דעם מעכטיקן רוקן איבם פאַנג אויפן טאָטער. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין גענוג שטאַרקע און גוטע קאָזאַקן צווישן די, וואָס האָבן געוואָלט איבערבלייבן: עס זענען געווען די אַטאַמאַנען דעמיטראָוויטש, קוקובענקאָ, ווערטיכוויסט, באַלאַבאַ, בולבינקע, אָסטאַפּ, און נאָך זיי זענען אויך געווען נאָך פיל אַנדערע באַוואוסטע און געזונטע קאָזאַקן: וואָוטוזענקאָ, טשערוויטשענקאָ, סטעפּאַן גוסקאַ, אָכרים גוסקאַ, מיקאָלע גוסטי, זאַדאָראָזשני, מעטעליציאַ, איוואַן זאַקרוטיגובאַ, מאָסיישילאָ דעקטיאַרענאָ, סידאָרענקאָ, פּיסאַרענקאָ, דערנאָך אַ צווייטער פּיסאַרענקאָ, נאָכדעם נאָך אַ פּיסאַרענקאָ, און נאָך אַ סך אַנדערע, גוטע קאָזאַקן. אַלע זענען זיי געווען דערפאַרענע און באַרייזטע זיי האָבן שוין אַדורכגעמאַכט די אַנאַטאָלישע ברעגעס, די קרימער זאַלץ־ערד און די סטעפּעס; זיי זענען שוין אַריבערגעגאַנגען איבער אַלע גרויסע און קלענע טייכן, וואָס פאַלן אַריין אין דניעפּר, איבער אַלע אויסגוסן און די דניעפּרישע אינדזלען זיי זענען שוין געווען אויף דער מאָלדאַוואַנער, איטאַליענישער און אויף דער טערקישער ערד. זיי זענען אויסגעשוואומען דעם גאַנצן שוואַרצן ים אויף קאָזאַקישע צוויי רודערדיקע שיפלעך. און פופציק שיפלעך זענען זיי איינס אונטער ס׳אַנדערע אויף רייכערע און רחבותדיקערע שיפן זיי האָבן דערטרונקען נישט־ווייניק טערקישע גאַלעריעס און פיל־פיל פולווער האָבן זיי אין זייער לעבן אויסגעשאָסן, נישט איינמאָל האָבן זיי צעריסן טייערע געוואַנטן און סאַמעטן אויף שטיוול־טיכער; נישט איינמאָל האָבן זיך זייע־

רע שיך בײַ דער הויזן־שנור אָנגעפולט מיט בלויז אמתדיקע צע־ניכעס*), און וויפיל האָב און גוטס איטלעכער פון זיי האָט פאַר־טרונקען און פאַרהוליעט, אומפּרענגענדיק אַן אַנדערנס גאַנצע לעבן,—דאָס דאָזיקע איז אוממעגלעך איבערצוצײלן, אַלצדינג האָט זיך צעלאָזט אויפן קאָזאַקישן שטייגער, מהנה־זײַענדיק די גאַנצע וועלט, און זינגנדיק אַ מוזיק, אַז אַלץ, וואָס זאָל זיך נאָר נישט אויף דער וועלט געפונען, זאָל זיך אַ דערפרייַ־טון. אַפילו נאָך איצט איז בײַ זעלטענע פון זיי דאָס פאַרמעג: די קרוג, די זילבערנע עמער מיט די לעפל, נישט פאַרגראָבן אונטער די זאַמדן פון די דניעפּרישע אינדזלען, כדי דעם טאָטער זאָל זיך דאָס נישט פאַרגלוסטן צו געפונען, אויב ס׳וועט זיך אים נאָר אין אַן עת צרה פלוצלינג אײַנגעבן אָנצופאַלן אויף סעטש, אָבער דעם טאָטער וואָלט עס סיי ווי געווען שווער צו געפינען, מחמת דער בעל־הבית אַליין האָט אויך שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, אין וועלכן אָרט ער האָט עס אײַנגעגראָבן. אָט אַזוינע זענען דאָס געווען די קאָזאַקן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרבלײַבן, כדי זיך נוקם צו זײַן אין די ליאַכעס פאַר זייערע געטרײַע חברים און פאַר דעם קריסטוס־גלויבן. אויך דער אַלטער קאָזאַק באַוו־דיוג האָט געוואָלט מיט זיי פאַרבלײַבן, זאָגנדיק:

—אַציגד זענען מײַנע יאָרן נישט דערצו, כדי זיך נאָכצו־יאָגן נאָך די טאָטער, נאָר דאָ איז דאָס אָרט, וואו ס׳איז צו געווינען אַ גוטן, קאָזאַקן־טויט. איך האָב שוין לאַנג געבעטן צו גאָט, אַז: אויב ס׳וועט אָנקומען דער סוף פון מײַן לעבן, זאָל

*) אַלט טערקישע מטבעות.

איבערזעצער

ער עס אויסלאָזן אין מלחמה פאַר דער הייליקער און קריסט-לעכער זאַך. און אַזוי איז עס געשען. קיין בכבודיקערער סוף וועט שוין אין קיין אַנדער אָרט פאַרן אַלטן קאָזאַק נישט זיין.

ווען זיי האָבן זיך צעטיילט, און זענען אויף ביידע צדדים געשטאַנען אין אָפּטיילונגען און צו צווי שורות, איז דער אַטאַמאַן אַדורכגעגאַנגען צווישן די רייען און האָט אַזוי גע-זאָגט:

— און וואָס, פאַנע-בראַטצעס, איז איין צד צופרידן מיטן צווייטן ?

— אַלע זענען צו פרידן, באַטקאָ! — האָבן די קאָזאַקן גע-ענטפערט.

— נו, טאָ צו קושט אייך און געזעגנט זיך איינער מיטן אַנדערן, דען: איין גאָט ווייסט, צי ס׳וועט זיך אין לעבן נאָך אויסקומען צו זען. הערט אייער מנהיג, און טוט דאָס, וואָס איר אַליין ווייסט, וואָס ער פאַרלאַנגט דער קאָזאַקישער כבוד.

און אַלע קאָזאַקן, וויפיל זיי זענען באַר געוועזן אויפן אָרט, האָבן צווישן זיך צעקושט. אָנגעהויבן האָבן צו ערשט די פירער, און, איבערפירנדיק מיט דער האַנט די גראָע וואָנסעס זייערע, האָבן זיי זיך געקושט אין א צלם, און דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען פאַר די הענט און זיי פעסט געדרוקט. איינער דעם אַנדערן האָט געוואָלט פרעגן.

— וואָס, ברודערל, וועלן מיר זיך נאָך זען, צי מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען?

אָבער זיי האָבן נישט געפרעגט, האָבן נאָר געשוויגן, — און ביידע גראָע קעפּ האָבן זיך פאַרטראַכט. און אַלע קאָזאַקן

ביז איינעם האָבן זיך צעזעגנט, וויסנדיק, אַז ס'וועט נאָך זיין געננוג אַרבעט מיט דעם און יענעם. אָבער פונדעסטוועגן — האָבן זיי תיכף נישט פאַרענדיקט דעם אָפּשיד, נאָר זיי נאָך באַוויזן זיך צו דערוואַרטן צו אָוונט־צייט, כּדי דעם שונא נישט צו־געבן די מעגליכקייט צו זען די פאַרמינערונג אינם קאָזאַקישן לאַגער, נאָכדעם זענען זיי אַלע אַוועק צו די געצעלטן מי־טאָגן.

נאָך מיטאָג האָבן אַלע, ווען ס'איז פאָרגעשטאַנען די נסיעה, זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען, און זיי זענען געשלאָפן מיט אַ לאַנגן, האַרטן שלאָף, גלייך זיי וואָלטן דערפילט, אַז שוין דאָס לעצטע מאָל קומט זיי אויס ביי אַזאַ רחבות דהנאה צו האָבן פונם שלאָף. זיי זענען געשלאָפן ביז סאַמע זון זעצן, און אַזוי ווי די זון איז נאָר פאַרגאַנגען און ס'איז אַביסל טונקל־געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שמירן די רעדער. אַרומזעענ־דיק אַלצדינג, האָבן זיי נאָכגעלאָזט זייערע פורן, און אַליין זיך נאָכאַמאָל געזעגנדיק מיט די חברים, זענען זיי שטילערהייט אונ־טערוויילעכטס זיי נאָכגעגאַנגען; די רייטער האָבן דרך־ארצדיק, אָן געשריי און אָן פייפעריי לייכט אויף די פערד נאָכגעשפּאַנט נאָך די פוס־גייער, און גיך איז זיי אין דער טונקלקייט נישט געווען צו באַמערקן. ס'האָבן נאָר אָפּגעקלינגען די פערדישע טראָט און אַ סקריפּ פון ערגעץ אַ ראָד, וואָס איז זיך נאָך נישט גוט צעגאַנגען, אָדער ס'איז אין דער פינסטערניש פון דערנאַכט נישט גוט אָנגעשמירט געוואָרן.

לאַנג האָבן זיי די איבערגעבליבענע חברים פון דער ווייטנס נאָך צוגעפּאָכעט מיט די הענט, כאָטש ס'איז גאָרנישט געווען צו זען. און בעת זיי זענען צונויפגעקומען און זיך צוריקגעקערט

צו זייערע ערטער, ווען זיי האָבן ביי העל־צעלויכטענע שטערן געזען, אַז אַ העלפט פון די פורן זענען שוין נישטאָ, אַז אַ סך, אַ סך פון זיי זענען נישט פאַראַן, איז ביי איטלעכן אויפן האַרצן געוואָרן אומהיימלעך, און נישט ווילנדיק האָבן זיך אַלע פאַרטראַכט, אַראָפּלאָזנדיק אויף דער ערד זייערע באַרוישטע קעפּ.

האָט טאַראַס געזען, ווי טרויעריק און פאַרזאָרגט ס'זענען געוואָרן די קאָזאַקישע רייען, און ווי ס'וואָלט דעם העלד עפּעס נישט ניחאָדיק געווען, האָט ער שטיל אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די קאָזאַקישע קעפּ, און האָט געשוויגן: ער האָט געוואָלט געבן צייט צו אַלעם, בכדי זיי זאָלן זיך פאַרגעסן אָנ׳ם צער, וואָס עס האָט זיי פאַרשאַפּט דער אָפּשיד פון די חברים. דערווייל האָט ער זיך אין דער שטיל צו אַלץ געגרייט, כדי אַלע פּלוצלונג אויפצעוועקן מיט אַ געשריי אויפן קאָזאַקישן שטייגער; כדי עס זאָל זיך פון דאָסניי און מיט אַ גרעסערן כח ווי פריער, צוריקקערן דער מוט צו איטלעכן אין דער נשמה אַריין צו וועלכן עס איז גאָר פעיק אַן איינציקע, די סלאַוויאַנישע ראַסע, די ברייטע, מעכטיקע ראַסע, וואָס איז אין פאַרגלייך צו אַנדערע, גראָד ווי אַ ים קעגן קליינע טייכלעך: איז די צייט אַ שטורמישע, קערט ער זיך, דער ים רעוועט און דונערט, בלאָזנדיק זיך און אויפהייבנדיק אַזעלכע וועגט. וועלכע ס'איז אוממעגלעך אויפצוהייבן מיט אומעכטיקע הענט. אויב־זשע ס'איז מנוחהדיק און שטיל, שפּרייט ער העלער פון אַלע טייכן אויסער זיין אומדערזעבאַרן, גלעזערנעם פלאַך מיט זיין אייביקער צערטלעכקייט פאַרן אויג.

און טאַראַס האָט באַפוילן זיינע דינער אויסצולאָדענען איינעם פון די וועגענער, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט. איינם

גאַנצן קאָזאַקישן לאַגער איז ער גרעסער און שטאַרקער פון אַנדערע; מיט אַ טאָפּלטער, שטאַרקער רייף זענען געווען אַרומגענומען זיינע פעט־געשמירטע רעדער, ער איז געווען גוט איינגעהילט, באַדעקט מיט דיקע פערדישע דעקן, מיט שטאַרקע אָקסןפעל, און פעסט צוגעגאַרטלט מיט איינגעפּעכטע שטריק. אינם וואָגן זענען געווען בלויז קאַנען און טונדלעך מיט אַלטן, גוטן וויין, וואָס איז לאַנג געלעגן ביי טאַראַסן אין די קעלערס. דאָס האָט ער מיט זיך מיטגענומען און באַהאַלטן אויף אַ נצחונותדיקער געלעגנהייט, כדי אויב ס'וועט אָנקומען אַ גרויסע מינוט און אַלעמען וועט פאָרשטיין אַן ענין, וואָס וועט זיין ראוי איבערצוגעבן די קומענדיקע דורות, אַז איטלעכער קאָזאַק ביזן לעצטן זאָל האָבן אויסצוטרונקען אַן אַנטשפּרעכנדיקן וויין, בכדי אין דער גרויסער מינוט זאָל דעם מענטשן אויס אַ גרויס געפיל באַהערשן, דערהערנדיק דעם באַפעל פונם פּולקאָווניק, האָבן די קנעכט זיך געוואָרפן צו די פורן, מיט שווערדן האָבן זיי איבערגעשניטן די שטאַרקע שטריק, האָבן אַראָפּגענומען די גראָבע אָקסן־לעדער מיט די פערדישע קאָלדרעס, און האָבן פונם וואָגן אַראָפּגעוואָרפן די קרוגן מיט די פעסלעך.

—נעמט צו איר אַלץ—האָט בולבאַ געזאָגט — אַלע וויפיל ביי וועמען ס'איז נאָר מעגלעך און אין וואָס ס'איז נאָר פאַראַן: אין אַן עמער, אָדער אַ צעבער אין וועלכן מ'גיט אַ פערד אָנצוטרונקען, אָדער אַן אַרבל, אַ היטל, און אין וואָס־עס־איז, אָדער שטעל פשוט אונטער ביידע זשמעניעס.

און אַלע קאָזאַקן, וויפיל זיי זענען נאָר געוועזן, האָבן גענומען: ביי וועמען ס'איז געווען אַן עמער, ביי וועמען אַ צעבער מיט וואָס מ'האָט דאָס פערד געפּאָיעט, ווער אין אַן אַרבל אַריין אין היטל, און ווער ס'האָט סתם אַזוי אונטערגעשטעלט די הויפנס זיי אַלעמען האָבן טאַראַסעס דינער, אַדורכגייענדיק צווישן די

רייען אָנגעגאָסן פון די קרוגן און פון די פעסלעך. אָבער טאַראַס האָט נישט געהייסן טרונקען, ביז ער וועט נישט געבן קיין צייכן, אַז אַלע זאָלן זיי דאָס אויסטרונקען מיטאַמאָל. ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער האָט עפּעס וואָס געוואָלט זאָגן. טאַראַס האָט געוואוסט, אַז: אויף וויפיל דער בלויזער אַלטער, גוטער ווייַן איז נישט שטאַרק, און אויף וויפיל ער איז בכח צו פאַרשטאַרקן דעם מענטשנס גייסט—אויב ס׳וועט זיך צו אים באַהעפטן נאָך אַן אָנשטענדיק וואָרט, טאָ וועט טאָפּלט זיין שטאַרקער אי דער כח, אי דער וויין און דער גייסט.

— איך בין אייך מכבד, פּאַניע בראַטצעס! — אַזוי האָט בולבאַ געזאָגט—אָבער נישט פאַרן זכות דערפון, וואָס איר האָט מיך געזאַלבט פאַר אייער פירער אויף ווי גרויס אַזאַ כבוד זאָל נישט זיין, אויך נישט לכבוד דעם אָפּשיד פון אונזערע חברים: ניין, אין אַן אַנדערער צייט איז שיין אי דאָס ערשטע אי דאָס צווייטע. אָבער נישט אַזאַ צייט איז פאַר אונז אין דער רגע. פאַר אונז שטייט פאַר אַן אַרבעט פון גרויס שווייס, פון גרויסער, קאָזאַקישער העלדנטאַט! דעריבער חברים וועלן מיר מיטאַמאָל אויסטרינקען; פאַר אַלעם ערשטן וועלן מיר אויסטרונקען פאַר דער הייליקער, פראַוואָסלאַווישער אמונה: אַז ס׳זאָל ענדלעך קומען אַזאַ צייט, אַז זי זאָל זיך צעשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט, און אַז אומעטום זאָל זיין איין הייליקער גלויבן, און אַלע, וויפיל בוסורמאַנען ס׳זאָל נאָר נישט זיין, זאָלן ווערן קריסטן! דערביי וועלן מיר שוין אין איין וועגס אויסטרונקען אויך לכבוד סעטש, אַז לאַנג זאָל זי נאָך שטיין צו דער פאַרטיליקונג פון אַלע מאַכמעדאַנער, אַז מיט יעדן יאָר זאָל פון איר אַרויסקומען יינגען, איינער בעסער פונם צווייטן, איינער שענער פון אַנדערן. ביי דער געלעגנהייט וועלן מיר אויסטרונקען אויך פאַר אונזער אייגענעם רום, אַז אונזערע אייניקלעך און די זין

פון די דאָזיקע אייניקלעך, וואָס זענען אַמאָל געווען פון די, וועלכע האָבן נישט פאַרשעמט דאָס חברשאַפט, און האָבן די זייעריקע נישט פאַרלאָזט. אַלזאָ לכבוד דער אמונה!

—לכבוד דער אמונה!—האָבן אַלע שטייענדיק אין די גאַנצע רייען מיט געדיכטע קעפּ האָר, זיך באַרואיקט.

—פאַר דער אמונה! — האָבן די וויטערדיקע אונטערגעכאַפּט.

און אַלע וואָס זענען נאָר געווען: אי יינג, אי אַלט, האָבן אויסגעטרונקען לכבוד דער אמונה.

— פאַר סעטש!—האָט טאַראַס געזאָגט, און האָט הויך איבערן קאָפּ זיין האַנט אויפגעהויבן.

—פאַר סעטש!—האָט שטאַרק אָפּגעקלונגען פון די פעדערשטע רייען.

—פאַר סעטש!—האָבן שטיל געזאָגט די אַלטע, צוקוקנדיק מיט דער גראָער וואָנסע.

און אויפטרייסלענדיק, ווי יינגע אָדלערס, האָבן דאָס איבערגעחזרט אויך די יינגע: לכבוד סעטש! און דאָס וויטע פעלד האָט געהערט. ווי די קאָזאַקן האָבן זייער סעטש דערמאָנט.

— אַצינד די לעצטע כוסדה, חברים. פאַרן רום פון אַלע קריסטן, וואָס לעבן גאָר אויף דער וועלט!

און אַלע קאָזאַקן ביזן לעצטן, האָבן אויסגעטרונקען די לעצטע כוסה אויך פאַרן רום פון אַלע קריסטן, וואָס לעבן אויף גאָר דער וועלט. און לאַנג נאָך האָט זיך איבער אַלע רייען, און אַלע אָפּטיילונגען איבערגעחזרט.

—לכבוד אַלע קריסטן, וואָס זענען נאָר פאַראַן אויף גאָר דער וועלט!

ס'איז שוין לאַנג געווען ליידיק אין די עמערס, און די קאָזאַקן זענען אַלץ נאָך געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט,

הגם זייערע אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט פאַרשמחהט, שטראַלנדיק פון ווייַן, האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן פאַרטראַכט. נישט פון זשעדנעקייט. און נישט וועגן מלחמהשן רויב האָבן זיי איצט געטראַכט; נישט וועגן דעם, ווען ס׳וועט אָפּגליקן אָנצעקלייבן טשערוואָנצעס, טייערע וואָפן, געניייטע קאָפּטעלעך און טשערקעסישע פערד, זיי האָבן זיך פאַרטראַכט, ווי די אָדלערס, וואָס באַזעצן זיך אויף די שפּיצן פון שטיין-בערג! משופּעדיקע, הויכע בערג, פון וועלכע ס׳זעט זיך אַ פונאַנדערגעשפּרייטער, אומענדילעכער ים, וואָס איז ווי מיט דראָבנע פייגל באַשאָטן מיט שיפן, דאַמפּער און כל המינים לאָדקעס, און וועלכער איז אין די זייטן אַרומגערינגלט מיט קוים באַמערקבאַרע שמאָלע שטחים ערד מיט נעבן-טייכיקע שטעט ווי די קליינע פליגן און מיט בייגנדיקע זיך, ווי אַ דראָבנע גרעזל, וועלדער, ווי די אָדלער האָבן זיי אַרום זיך מיט זייערע אויגן דאָס גאַנצע פעלד באַטראַכט, און אויך דעם אין דער ווייט זיך שוואַרצלענדיקן גורל זייערן. ס׳וועט זיין, ס׳וועט זיין, אַז דאָס גאַנצע פעלד מיט דער סביבה און די טראַקטן וועלן זיין באַדעקט מיט זייערע טאַרטשנדיקע, ווייסע ביינער, אָפּוואַשנדיק זיי מיט זייער קאָזאַקישן בלוט, און באַדעקנדיק זיך מיט צעשמעטערטע וועגנער, צעשטאָכן מיט שווערדן און שפּיזן, ווייט וועלן זיין צעוואָרפן קענדזשערדיקע קעפּ מיט אַרונטערגעדרייטע און מיט בלוט פאַרבאַקענע טשופּרינעס און אויף אונטן אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס. ס׳וועלן אָנפליעדיקע אָדלערס פון זיי אַרויסרייסן און אַרויספּליקן זייערע קאָזאַקישע אויגן.

אַ גרויס גוטס איז פאַראַן אין אַזאַ ברייטן און פריי פונאַנדערגעוויקלטן טויטלעכן נאַכטלעגער! עס וועט נישט לאיבוד גיין קיין איין העלדנמוטיקע טאַט-זאַך און דער קאָזאַקישער כבוד וועט נישט פאַרלוירן ווערן, גראָד ווי אַ קליינע קול אין דער רויר פון דער ביקס. ס׳וועט זיין, ס׳וועט זיין אַ באַנדוריסט מיט

אַ גראָער באָרד איבער דער ברוסט, און בודאַי נאָך אַ פולער
מיט רייפער מענערשאַפט, אָבער שוין אַ ווייס־האָריקער זקן, אַ
נביא אין גייסט, און ער וועט פאַר זיי אויסרעדן זיין שטאַרקי־
מעכטיק וואָרט. און מיט רעכט וועט וועגן זיי איבער גאָר רער
וועלט קלינגען דער רום, און אַלע, וואָס וועלן נאָר שפעטער־צו
געבוירן ווערן, וועלן וועגן זיי רעדן, דען ווייט וועט זיך צע־
טראָגן דאָס מעכטיקע וואָרט, וואָס וועט זיין געגליכן צו רוישנ־
דיקן גלאָקישן מעש, אין וועלכן אַ קינסטלער האָט אַריינגעגאָסן
אַ סך טייערן, ריינעם זילבער, בכדי ער זאָל ווייט איבער שטעט
אײנזאַמע הייזקעס, בײמלעך און דערפער צעטראָגן זיין רויטן
געקלאַנג, רופנדיק אַלעמען באַגלייך צו דער הייליקער תפילה.

IX

אין שטאָט האָט זיך קיינער נישט דערוואוסט, אַז אַ העלפט פון די זאַפּאָראָזשיער זענען אַוועק אָניאָגן די טאָטער: פונם מאַגיסטראַט טורם האָבן נאָר די וועכטער באַמערקט, אַז אַ טייל פון די וועגענער האָבן אַוועקגעצויגן צום וואַלד צו, אָבער זיי האָבן דערביי געקלערט, אַז דאָס גרייטן זיך די קאָזאַקן אויף אַן אָפּהאַלט; דאָס זעלביקע האָט אויך אויסגעטייטשט דער פראַנצויזישער אינזשיניער.

בינו־לבינו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רייד פונם אַטאַמאַן זענען נישט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן סתם אין דער וועלט אַריין, און אין דער שטאָט ד־האָט זיך דערפילט אַ דוחק אין לעבנס־מיטלען: לויטן סדר פון די פריערדיקע דורות, ד־האָט מען קיינמאָל נישט איבערגערעכנט וויפיל מיליטער ס׳איז געווען נויטיק. האָבן זיי נאָר געפרווט פון דער זייט אָנצעפאַלן אויפן שונא, זענען אַ העלפט פון די גבורים געוואָרן אויסגעהרגעט דורך די קאָזאַקן, און אַ ד־העלפט איז פאַרטריבן געוואָרן אין שטאָט

אַריין מיט גאָרנישט. די ייִדן האָבן, פונדעסטוועגן, אויסגענוצט דעם שעת-כושר פון דער בהלה, און האָבן אַלצדינג נאָכגעשפּירט וואוהין און נאָך וואָס די זאַפּאָראָזשיער זענען אַוועק, מיט וואָס פּאַר אַ קריגס-פירער, און, נאָמענטלעך, וואָסערע אָפּטיילונגען עס זענען אַוועק, וויפיל ס'איז זייער צאָל און וויפיל ס'זענען געוועזן איבערגעבליבענע אויפן אָרט און וואָס זיי קלערן צו טון — מיט איין וואָרט: אין משך פון עטלעכע מינוט, האָט מען אין שטאָט שוין אַלץ געוואוסט. די פּולקאָווניקעס האָבן אָנגעקליבן קוראַזש און זיך געגרייט צו אַ נצחונותדיקן קאַמף.

טאַראַס האָט שוין דאָס דערקענט נאָך דער באַוועגונג און נאָכן גערודער אין שטאָט, און ער האָט זיך זאָרגפול פאַרטראַכט, האָט געפּלאַנט, האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן און אָנזאָגעניש, און דריי מחנות האָט ער צעטיילט די אָפּטיילונגען, אַוועקשטעלנדיק זיי מיט די וועגן אין דער פאָרם פון פעסטונגען — אַזאַ אופן פון מלחמה, פון וועלכער די זאַפּאָראָזשיער גייען שטענדיק אַרויס אומבאַזיגט. צוויי אָפּטיילונגען האָט ער באַפוילן זיך צוריקציען, האָט אַ חלק פעלד באַוואָפנט מיט שאַרפע שפּיזן, צעבראָכענע פּיקסן, אָפּברוכן פון פּיקעס, בכדי אָנצויאָגן אַהערצו דאָס פיינטלעכע רייטער-מיליטער.

און ווען אַלץ איז שוין געוועזן אָפּגעטון, ווי עס געהער צו זיין, האָט ער פאַר די קאָזאַקן געהאַלטן אַ ריידע. אָבער דאָס נישט צוליב דעם, כדי צו דערמוטיקן און אָפּצופרישן זיי — ער האָט געוואוסט, אַז אויך אָן דעם זענען זיי גענוג שטאַרק אין גייסט — נאָר, פּשוט דערפאַר, ווייל אים האָט זיך געוואָלט אויסרעדן אַלץ, וואָס ס'איז אים נאָר געווען אויפן האַרצן.

— מיר ווילט זיך אייך זאָגן, פּאַנאָוויע, וואָס עס באַדייט אונזער חברשאַפט. פון די פאָטערס און זיידעס האָט איר געהערט

אין וואָס פאַר אַ כבוד ס׳איז ביי זיי געשטאַנען אונזער ערד, אַז אַפילו צו די גרעקן האָבן זיי זיך אַפילו געגעבן צו דערקענען, און פון צאַרגראַד האָבן זיי געלט גענומען, און די שטעט זענען געווען הערלעכע: מיט בתי-תפילה, מיט פירשטן, פירשטן פון רו-סישן געבליט, פירשטן אייגענע, און נישט קיין קאַטוילישע גאָט-לעסטערער. דאָס אַלצדינג האָבן צוגענומען די בוסורמענער, און אַלץ איז פאַרפאַלן געוואָרן. איבערגעבליבן זענען נאָר מיר, פאַר יתומטע, פונקט אַזוי ווי אַן אַלמנה נאָך אַ מאַן אַ בעל-כח, און אַזאַ פאַריתומטע ווי מיר, איז אויך אונזער ערד פאַרבליבן! אָט אין וואָס פאַר אַ צייט מיר, חברים, דערלאַנגט האָבן אונזער האַנט אויף ברודערשאַפט! אָט אויף וואָס עס שטייט אונזער חברשאַפט! נישטאָ שוין קיין דערייליקערער באַנד פון חברשאַפט. אַ פאָטער ליבט זיינע קינדער, אַ מאַמע ליבט אירע קינדער, דאָס קינד ליבט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן, ברודערלעך! אויך אַ חיה ליבט איר קינד, אָבער געבוירן ווערן אין גייסט אַ זון פון זיין לאַנד, און נישט נאָכן בלוט נאָך, קאָן אײן מענטש.

געווען חברים אויך אויף אַנדערע ערדן, אָבער אַזעלכע, ווי אויף דער רוסישער ערד, זענען נישט געווען בנמצא. מער ווי איינעם פון אייך איז שוין אויסגעקומען פאַרפאַלן צו ווערן אין דער פרעמד—זעסטו: אויך דאָרט זענען פאַראַן מענטשן! אויך גאָט׳ס אַ מענטש, און דו רעדסט מיט אים ווי מיט אַן איי-גענעם, אָבער ווען עס קומט צו דעם, אַז דו זאָלסט געוואָר-ווערן אַ וואָרט פון האַרצן—זעסטו: ניין! די מענטשן זענען קלוג אָבער זיי זענען דאָך נישט די זעלביקע. די אייגענע מענטשן און דאָך נישט די זעלביקע! ניין, ברידערלעך, אַזוי ליבן ווי עס קאָן דאָס די רוסישע נשמה — ליבן נישט אַזוי, כדי דערצו צו-

צו געבן חכמה אָדער עפּעס אַנדערש, נאָר מיט אַלצדינג, וואָס גאָט האָט נאָר געגעבן, און וואָס עס איז אין דיר נאָר נישט פאַראַן—נאָר!...—האָט געזאָגט טאַראַס אַ באַזעג־טוענדיג מיט דער האַנט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און אַ צוק־טוענדיק מיט דער וואָנסע. און ער האָט ווייטער גערעדט:—ניין, אַזוי ליב האָבן קאָן קיינער נישט! איך ווייס, איצטער האָט זיך שלעכט געפירט אויף אונזער ערד; זיי טראַכטן נאָר, אַז ס׳זאָל ביי זיי זיין סטערטעס ברויט, תבואה־הויפנס און פערד־טאַבונעס זאָל ביי זיי זיין, אַז די קאַמערן אין זייערע קעלערס זאָלן זיין אָנגעפולט מיט פאַרזיגלטן האָניק. זיי נעמען איבער, איין טייוול ווייס זיי, וואָס פאַר אַ בוסורמענישע מנהגים, זיי מאַכן זיך מבזה מיט דער אייגענער צונג זייערער, איינער מיטן אַנדערן וויל נישט רעדן; איינער דעם אַנדערן פאַרקויפט, גראָד ווי מ׳פאַרקויפט אַ טויטע סחורה אויפן האַנדלס מאַרק. די ליבע פון אַ פרעמדן קעניג, און צו מאָל נישט פון קיין קעניג, נאָר אַ מנוולדיקע ליבשאַפט פון אַ פּוילישן מאַגנאַט, וועלכער שלאָגט זיי מיט זיין געלער ר ו ט איבער דער מאָרדע,—דאָס איז זיי טייערער פון יעטוועדער ברידערלעכקייט. נאָר ביים לעצטן מנוול, וואָסערער ער זאָל נאָר נישט זיין, הגם ער איז אינגאַנצן איינגעטון אין חזקה און אין אונטערטעניקייט, איז דאָך ביי אים, ברידערלעך, פאַראַן אַ ברעקל רוסיש געפיל, און וועט דאָס אַמאָל ווען דערוואַכן, וועט ער, דער פאַרפינסטערטער, זיך אַ קלאַפּ־טון די הענט אָן די פּאָלעס—ער וועט זיך פאַרן קאָפּ אָנכאַפּן הויך פאַרשילטנדיק דאָס נמאסע לעבן זיינס, און ער וועט זיין גרייט דורך יסורים תשובה צו טון פאַר דער שענדלעכער טאַט, זאָלן זיי אַלע וויסן, וואָס אויף דער רוסישער ערד באַטייט חברשאַפט! און אויב ס׳איז שוין געקומען דערצו, אַז מיר זאָלן שטאַרבן, וועט שוין קיינעם פון זיי

נישט אויסקומען אַזוי צו שטאַרבן. קיינעם, קיינעם ! עס וועט זיי דערויף נישט סטייען זייער מוזן־באַטור!

אַזוי האָט געזאָגט דער אַטאַמאַן, און בעת ער האָט גע־ענדיקט זיין ריידע, האָט ער נאָך אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס איז באַזילבערט געוואָרן דורך קאָזאַקישע עסקים. אַלעמען ווער ס׳איז נאָר דערביי געשטאַנען, האָט אַזאַ ריידע אַזוי שטאַרק צענומען, אַז ס׳האָט אים אַדורכגעדרונגען ביז צום טיפן האַרצן. די סאַמע עלטערע זענען אין די רייען געשטאַנען אומבאַוועגלע־כע, מיט אַראָפּגעלאָזטע גראָע קעפּ צו דער ערד; אַ טרער האָט זיך שטיל געקייקלט אין די אַלטע אויגן, און פּאַמאַלעך האָבן זיי זי אויסגעווישט מיטן אַרבל. שפּעטער דהאָבן אַלע גלייך ווי זיי וואָלטן זיך דערצו אָפּגעשמועסט, אין איין צייט אַ באַוועג געטון מיט דער האַנט און אַ שאָקל געטון מיט די באַיאָרטע קעפּ. אַ געפיל האָט, קענטיק, אין זיי אויפגעוועקט דער אַלטער טאַראַס, אַ באַקאַנטס און אַ בעסערס,—אַזוינס, וואָס גיבט נאָר אין האַרץ פון אַ מענטש, וואָס איז אויפגעקליגט געוואָרן דורך ביטערניש, שווערער אַרבעט, מפּלות און פאַרשידענע נישט ניחאדיקייטן פון לעבן, אָדער—אפשר -- דורך גאָר נישט קענטלעכס, נאָר זייער דערפילבאַרס דורך דער יינגער, פּערלדיקער נשמה צו דער אייביקער פרייד פון די זקנים־עלטערן, וואָס האָבן זיי גע־בוירן.

פון דער שטאָט איז שוין אַרויסגעטראָטן דאָס פיינטלעכע מיליטער, דונערנדיק אין די פויקן און טראָמייטן און, פאַרגע־מענדיק זיך אָן אַ זייט, זענען אַרויסגעפאָרן די פּאַנעס, אַרומגע־רינגלטע מיט אומצייליקע דינער. דער דיקער פּולקאָווניק האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן, און אין ענגע רייען האָבן זיי זיך אָנגע־הויבן צו דערנענטערן צו די קאָזאַקישע לאַגערן, דראָענדיק,

צילנדיק פון פישטשאַלעס*) פינקלענדיק מיט די אויגן און בליצנ־
דיק מיט די מעשענע אויסצייכענונגען.

און ווי נאָר די קאָזאַקן האָבן געזען, אַז זיי האָבן שוין אויפגעהויבן אַ ביקסן־שיסעריי, האָבן זיי אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו דונערן פון זיבן שפּאַניקע ביקסן, און נישט איבערייסנדיק עס האָבן זיי אַלץ געשאָסן פון די פישטשאַלעס.

ווייט איבער די ברויטן און פעלדער פון דער סביבה האָט זיך צעטראָגן אַ הויך קנאַלעריי, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַן אומאיבעררייסבאַרן גערויש; דאָס גאַנצע פעלד איז פאַר־הילט געוואָרן אין רויך, און די זאַפּאָראָזשיער האָבן אַלץ נאָך געשאָסן, נישט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם: די וואָס זענען געווען פון הינטן, האָבן געהאַלטן אין איין לאָדענען, איבערגעבנדיק דאָס גע־לאָדנטע געווער צו די פאָדערשטע, אַריינפירנדיק אַזוי אַרום דעם שונא אין פאַרצווייפלונג, וועלכער האָט באַין אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס האָבן געשאָסן די קאָזאַקן, אינגאַנצן נישט לאָדנדיק די ביקסן. צוליבן גרויסן רויך, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס און יענץ חיל, איז שוין נישט געווען צו זען, ווי אַזוי די ערשטע און די צווייטע זענען נישט שטיין געבליבן אין די רייען; נאָר די ליאַכעס האָבן דערשפּירט אַז די קוילן זענען אָנגעפלויגן וואָס עפּטער, אַז די מעשה איז געוואָרן ברענענדיקער און בעת זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן. כדי אַרויסצוקומען פון רויך און באַקומען די מעגליכקייט זיך אומצוקוקן, האָבן זיי פיל פון די זייעריקע נישט געזען צווישן די רייען.

---

*) אזא מין פון ביקסן, ביי אלטע רוסן.

איבערזעצער

ביי די קאָזאַקן קאָן זיין, איז אַ צווייטער — דריטער גע־הרגעט געוואָרן פון אַ גאַנצער מאה. און זיי האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו שיסן פון די פּישטשאַלעס די קאָזאַקן, און אויף קיין איין מינוט נישט געמאַכט קיין הפסקה.

דער פרעמדלענדישער אינזשיניער האָט זיך פאַרחידושט איבער אַזאַ, נאָך קיינמאָל נישט געזעענער טאַקטיק, זאָגנדיק דאָ אויפן אָרט, פאַר אַלעמען:

—אָט, סאַרע דהעלדן דאָס זענען, די זאַפּאָראָזשיער! אָט ווי אַזוי מען באַדאַרף זיך שלאָגן מיט אַ צווייטן אויף אַנדערע ערדן!

און ער האָט געעצהט אויסצודרייען די האַרמאַטן מיט די מיילער צום לאַגער. שווער האָבן מיט זייערע ברייטע העלווער אויפגערעוועט די גוס־אייזערנע האַרמאַטן. עס האָט אַ ציטער גע־טון די ערד, ווייט זיך צעברומענדיק און אויף נאָכאַמאָל אַזוי פיל האָט דער רויך איינגעהילט דאָס גאַנצע פעלד דער ריח פונם פולווער האָט זיך דערשפּירט אויף די מערק און גאַסן אין די ווייטע און נאָנטע שטעט. נאָר די שיסנדיקע האָבן פאַרנו־מען אַביסעלע העכער, —די ראָלנדיקע האַרמאַטן־קוילן האָבן גע־מאַכט אַביסל צו גרויסן קרייז. שרעקלעך פייפנדיק איבער דער לופט, זענען זיי אַריבערגעפלויגן איבער די קעפּ פון גאַנצן לאַ־גער, און זיי האָבן זיך ווייט פאַרגראָבן אין דער ערד צערייסנ־דיק דהויך אין דער לופט אויפשטויבנדיק די שוואַרצע ערד. האָט זיך דער פראַנצויזישער אינזשינער אָנגעכאַפּט פאַר די האָר זעענדיק אַזאַ אומגעשיקטקייט, און ער האָט זיך אַליין פאַרקליבן אָנצעשטעלן די מאַשינען, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן געברענט און די קאָזאַקן דהאָבן אומאויפהערלעך געשאָטן מיט קוילן.

נאָך פון דער ווייטנס האָט טאַראַס געזען, אַז אַן אומגליק האָט געשען דעם גאַנצן נעזאַמאַיקאָווסקער און סטעבליקאָווער אָפּטיילונג, אַז ער האָט שאַלענד אויסגעשריען:

קריכטס וואָס גיכער אַ פויר פון הינטער די וועגן און זעצט זיך איטלעכער אויפן פערד!

אָבער זיי וואָלטן סיי ווי נישט באַוויזן צו טון נישט דאָס ערשטע נישט דאָס צווייטע, ווען אָסטאַפּ זאָל נישט האָבן געטראָפן אין דער סאַמע מיט אַריין: ער האָט אַראָפּגעשאָסן די לונטעס ביי זעקס האַרמאַטן-שיסער, די איבריקע פיר האָט ער נישט געקאָנט אַראָפּשיסן—די ליאַכעס האָבן אים אָפּגעיאָגט אויף צוריק.

בשעת-מעשה האָט דער פרעמדלענדישער קאַפּיטאַן אַליין גענומען אין האַנט אַריין די לונטע, כדי אויסצושיסן פונם גרעסטן האַרמאַט, וועלכער איז ביז אַהער ביי די קאָזאַקן קיינמאָל נישט געווען צו זען, אימהדיק האָט עס אַרויסגעקוקט פון דעם ברייטן פיסק און טויזנטער טויטן האָבן פון אָט דאָ אַרויסגעבליקט. און אַזוי ווי זי האָט נאָר אַ דונער געטון, און באַלד הינטער דעם דריי אַנדערע, אויפטרייסלענדיק פיר פאַכיק די טויב-ענטפערנדיקע ערד—האָבן זיי דאָס אַביסל ביטערניש אָנגעטאָן אַהינצו! נישט ביי איין קאָזאַק ווערט די אַלטע מאַמע פאַרצאָגט, קלאַפּנדיק זיך מיט די ביינערדיקע הענט אין די דאַרע ברוסטן; נישט איין אַלמנה וועט איבערבלייבן אין גלוכאָוו, נעמיראָוו, טשערניגאָוו און אין אַנדערע שטעט. ס'וועט די האַרציקע, איטלעכן טאָג אַרויסלויפן אויפן מאַרק, אָנכאַפּנדיק זיך אָן אַלע פאַרבייגייער, דערקענענדיק איטלעכן פון זיי אין די אויגן צי ס'איז צווישן זיי נישט פאַראַן איינער, דער ליבסטער פון אַלעמען. נאָר ס'גייט דורך שטאָט פאַרביי כל-ערליי מיליטער, און

אייביק וועט שוין צווישן זיי נישט זיין איינער, דער געליבטסטער פון אַלע.

אַזוי פּונקט, ווי ס'וואָלט נישט געווען קיין העלפט פון נעזאַמאַיקאָווסקער אָפּטיילונג! ווי מיט אַ דהאָגל לייגט ער פלוצלונג אום דאָס גאַנצע ברויט-פעלד, דאָרט, וואו עס האָט זיך פּונקט ווי אַ פול-וואָגיקער טשערוואָניעץ געחנדלט איטלעכע זאַנג — אַזוי האָט מען זיי אויסגעהרגעט און אַנידערגעלייגט.

ווי די קאָזאַקן האָבן זיך דאָס אַוואָרף געטון! ווי זיי האָבן זיך אַלע געכאַפּט! ווי עס איז אויפגעקאָכט געוואָרן דער אָפּטיילונגס קאָמאַנדיר קוקובענקאָ, דערזעענדיק, אַז די בעסערע העלפט פון זיין אָפּטיילונג איז נישטאָ, מיט זיינע איבערגעבליבענע נעזאַמאַיקאָווער האָט ער זיך אַריינגעקראָגן אין דער סאַמע מיט. אין גרימצאָרן האָט ער צעהאַקט ווי אַ קרויט דעם ערשטן, וואָס איז אים נאָר אונטערגעקומען, אַ סך רייטער האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון די פערד, אויפכאַפּנדיק אויף דער שפּיז אי דעם רייטער, אי דאָס פערד. ער האָט זיך צוגעקריגן צו די האַרמאַטן-שיסער און ער האָט שוין איין מאַשין אָפּגעשלאָגן, און שוין דאָרט — זעט ער —לויפט דער אומאַנער אָפּטיילונגס-פירער, און סטעפאַן גוסקאַ האַלט שוין ביים אָפּשלאָגן דעם לעצטן האַרמאַט. די דאָזיקע אַלע קאָזאַקן האָט ער איבערגעלאָזט, און ער האָט מיט זיינע זיך אויסגעדרייט אינם אַנדערן פיינטלעכן המ'ן אַריין: אַזוי וואו עס זענען נאָר דורכגעגאַנגען די נעזאַמאַיקאָווצער איז דאָרט פאַראַן אַ גאַס! דאָרט וואו זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט, איז דאָרט אַ הינטער געסל! אַזוי איז אויך געווען צו זען, ווי ס'זענען שיטער געוואָרן די רייען, און די ליאַכעס זענען געפאַלן ווי די סנאָפּעס! ביי די וועגענער שטייט וואָווטוזענקאָ, פאָרויס טשערעוויטשענקאָ, ביי די ווייטערע וועגן דעגטיאַרענקאָ

און הינטער די איז געשטאַנען דער אָפּטיילונגס אַטאַמאַן וואָר־טיכוויסט. דעקטיאַרענקאָ האָט שוין צוויי שליאַכטשיצעס אויפ־געהויבן אויף דער שפּיז, און איז, ענדלעך, אָנגעפאַלן אויף אַ דריטן, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן.

געשיקט און קרעפטיק איז געווען דער ליאַך מיט פּרעכ־טיקע וואָפן און געצירט—און איין און פופציק דינער האָט ער מיטגעפירט מיט זיך. האָט ער האַסטיק איינגעבויגן דעגטיאַרענ־קען, ער האָט אים שוין אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, פּאָכנ־דיק אויף אים מיט דער שווערד. ער האָט געשריען:

—ניין, נישטאָ ביי אייך, הינטישע קאָזאַקן, קיין איינער, וואָס זאָל זיך אַנטדרייסטן מיר זיך אַנטקעגנצושטעלן!

—אָט, ס'איז שוין פאַראַן!—האָט געזאָגט מאָסיי שילאָ, און איז אַרויסגעטרעטן פאָרויס.

ער איז געווען אַ געזונטער קאָזאַק, נישט איינמאָל האָט ער שוין אָנגעפירט אויפן ים, און האָט זיך שוין מיט אַ סך צרות אָנגעליטן. עס האָבן זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט די טערקן, דאָס איז געווען אין סאַמע טראַפּעזאָנט, און אַלע־מען האָבן זיי אַרויפגענומען אויף שיפן — מ'האָט זיי גענומען ביי די הענט און פיס אין אייזערנע קייטן אַריין, מ'האָט זיי צו גאַנצענע וואָכן נישט געגעבן קיין הירזש און מ'האָט זיי גע־שפּייזט מיט מוטנע ים־וואַסער. זיי האָבן אַלץ איבערגעטראָגן און איבערגעליטן, די אָרימע געפאַנגענע, אַבי נישט צו פאַרבייטן די פּראַוואָסלאַווישע אמונה. עס האָט דאָס נישט איבערגעליטן דער אַטאַמאַן מאָסיי שילאָ, ער האָט מיט די פיס צעטרעטן דעם היי־ליקן דין.

מיט אַן אומווירדיקן טורבאַן האָט ער איינגעוויקלט דעם

זינדיקן קאָפּ — ער איז אַוועק אויף ודוי צום פּאַש, איז געוואָרן אַ שליסער אויפן דאַמפּער און עלטסטער איבער אַלע געפאַנגענע. דערפון האָבן געהאַט גרויס עגמת־נפש די אָרימע געפאַנגענע, וואָרום זיי האָבן געוואוסט, אַז: אויב אַ זייעריקער וועט פאַר־קויפן די אמונה, און וועט צו שטיין צו די אונטערדריקער — דאַן וועט אונטער זיין האַנט זיין שווערער און ערגער, איידער ביי אַלע אַנדערע נישט קריסטן. אין אַזוי איז געשען: אַלעמען האָט מאָסיי שילאָ איינגעשמידט אין נייע קייטן, און צו זאַלבעדריט האָט ער זיי ביז אין די ווייסע ביינער אַריין צונויפגעדרייט מיט אַכזיותדיקע שטריק; אַלעמען האָט ער געשלאָגן איבערן האַלז, מהנה־זייענדיק איבער די קערק. און בעת די טערקן, דערפריי־ענדיק זיך, וואָס זיי האָבן געקראָגן אַזאַ דינער, האָבן אָנגעהויבן צו באַלעווען, און — פאַרגעסנדיק זייער געזעץ, — אַלע האָבן זיך איבערגעהוליעט, האָט ער געבראַכט די אַלע פיר־און־זעכציק שליס־לען, און האָט זיי צעטיילט צווישן די געפאַנגענע, כדי זיי זאָלן זיך צעבינדן, זאָלן אַוועקוואַרפן די קייטן מיט די קאַנדאַלעס*) אין ים אַריין, אַז זיי זאָלן אָנשטאַט דעם נעמען שווערדן, און אויסממיתן די טערקן. אַ סך זאַק־רויב האָבן די קאָזאַקן דאַמאָלס מיט זיך מיט גענומען, און זיי זענען מיט אַ רום צוריק געקו־מען אין פאָטערלאַנד און לאַנג האָבן די באַנדוריסטן באַזונגען מאָסיי שילאָן. מ'וואָלט אים אויך אויסגעקליבן פאַר אַן אַטאַמאַן, דען ער איז געווען זייער אַ וואונדערבאַרער קאָזאַק, וואָרום איינ־מאָל האָט ער געטון אַזאַ זאַך, וואָס אַ קלוגערער פון אים וואָלט

---

* אַזעלכע קייטן, רינגען צום איינשמידן פאַרברעכער.

איבערזעצער.

גאָר נישט געקאָנט אויסטראַכטן, און נאָך אַן אַנדערש מאָל איז פשוט, דעם קאָזאַק אַריין אַ קליפּה אין קאָפּ. ער האָט פאַרטרונ־קען און פאַרהוליעט אַלץ, האָט זיך ביי אַלעמען אין סעטש אָנ־געבאָרגט, און אַלס אַ צולאָג דערצו, האָט ער זיך פאַרגנבעט פונקט, ווי אַ גאַסן־גנב: אַמאָל ביינאַכט האָט ער פון אַ פרעמדער אָפּטיילונג צוגענומען דאָס גאַנצע קאָזאַקישע געווער און האָט עס פאַרמשכנט דעם שענקער. פאַר אַזאַ מיאוסער זאַך, האָט מען אים אויפן מאַרק צוגעבונדן צו אַ סלופּ און דערנעבן איז אַוועק־געלייגט געוואָרן אַ שטעקן, כדי איטלעכער זאָל אים מיט זיינע אַלע כחות דערלאַנגען אַ קלאַפּ. עס האָט זיך אָבער ביי די זאַ־פּאָראָזשיער נישט געפונען קיין איינער, וועלכער זאָל צו אים אויפהייבן דעם שטעקן, דען אַלע האָבן געדענקט זיינע פריערדיקע פאַרדינסטן. אַזוי איז געוועזן דער קאָזאַק מאָסיי שילאָ.

—יאָ, עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ממיתן אייך,הינטו!— האָט ער אַרויסגערעדט וואַרפנדיק זיך אויף אים. און דאָרט האָבן זיי זיך דאָס אַביסל געשניטן ! אי די קאָפּטעלעך, אי די שפּיגלען האָבן זיך בייביידען געבויגן פון די קלעפּ. עס האָט אויף אים צעריסן, דער פיינטלעכער ליאַך, דאָס אייזערנע העמד דערלאַנגענדיק אים מיט דער שווערד איבערן הוילן לייב, און עס איז רויט געוואָרן די קאָזאַקישע רובאַכע*) אָבער שילאָ האָט דערויף נישט געקוקט—ער האָט זיך צעלאָזט אויף דער גאַנצער פּעטער האַנט (שווער איז זי געוועזן, די קערניקע האַנט) און

---

*) העמד.

איבערזעצער

ער האָט אים פלוצלונג אַ מעק־געטון איבערן קאָפּ. עס איז צע־פלויגן געוואָרן דאָס מעשענע דיטל, עס איז צעשאָטן און צע־שמעטערט געוואָרן דער ליאַך און שילאָ האָט זיך גענומען שניידן און קרייציקן דעם פּאַרטיליקטן.

רייס זיך נישט, קאָזאַק, צום שונא, קער זיך בעסער צו־ריק! אָבער דער קאָזאַק האָט זיך נישט צוריקגעקערט, און דאָ אויפן אָרט, האָט אים איינער, אַ דינער פונם געהרגעטן פאַרזעצט אַ מעסער אין האַלז אַריין, שילאָ האָט זיך אויסגעדרייט און ער וואָלט זיכער געכאַפּט דעם גבור, — יענער איז אָבער פאַרפאַלן געוואָרן אינם פולווער רויך.

פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט אַ רעש פון אַליין־שיסנ־דיקע ביקסן. שילאָ האָט זיך אַ וואַקל־געטון און ער האָט דער־פילט, אַז די וואונד איז אַ שטערבלעכע. ער איז אַנידערגעפאַלן האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער וואונד, און ער האָט גע־זאָגט, ווענדנדיק זיך צו די חברים:

—זייט געזעגנט, ברודערלעך, חברים! זאָל שטיין און האָבן לאַנגע יאָרן די פּראַוואָסלאַווישע, רוסישע ערד און דאָס וועט זיין איר אייביקער כבוד!

און פאַרזשמורענדיק די אָפּגעשוואַכטע אויגן זיינע, האָט זיך אַרויסגעטראָגן די קאָזאַקישע נשמה פונם שטרענגן גוף אַהינ־צו זענען תיכף אַרויסגעפּאָרן זאַדאָראָזשני מיט די זייניקע, עס האָט געבראָכן זיינע רייען ווערטיכוויסט און ס'איז אַרויסגעטרעטן באַלאַבאַן.

—און וואָס, הערן—האָט געזאָגט טאַראַס איבערשרייענדיק זיך מיט די פירער פון די אָפּטיילונגען:—איז כאָטש נאָך פּאַ־ראַן פולווער און די פולווער־ביײטלען? איז צומאָל נישט אָפּגע־

שוואַכט געוואָרן די קאָזאַקישע גבורה? בייגן זיך אַמאָל נישט די קאָזאַקן?

— פאַראַן נאָך, באַטקאָ, פולווער אין די פולווערבייטלען; עס איז נאָך נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די קאָזאַקישע גבורה — נאָך נישט בייגן זיך די קאָזאַקן!

און די קאָזאַקן האָבן שטאַרק אָנגעגריפן: זיי האָבן אינגאַנצן פאַרטומלט די רייען. דער קליין-וואוקסיקער פּולקאָווניק האָט אַ דונער-געטון, אַ סיגנאַל אויף אַ פאַרזאַמלונג, האָט געהייסן אַרויסשטעלן אַכט פאַרביקע פענער, כדי עס זאָלן זיך צונויפקלייבן די זייניקע, וואָס זענען צעשאָטן איבערן גאַנצן פעלד. זענען אַלע ליאַכעס געלאָפן צו די פענער, אָבער זיי האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אויסצושטעלן, און שוין האָט דער אָפּטיילונגס-קאָמאַנדיר קוקובענקאָ מיט זיינע נעזמאַיקאָווער אַ קנאַל-געטון אין דער מיט אַריין, און איז גלייך אָנגעפאַלן אויפן גראָב-בייכיקן פּולקאָווניק. האָט דער פּולקאָווניק נישט אויסגעהאַלטן, און אויסדרייענדיק דאָס פערד, האָט ער זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ. קוקובענקאָ האָט אים אָבער לאַנג געיאָגט איבערן גאַנצן פעלד, נישט לאָזנדיק אים זיך פאַרייניקן מיטן פּולק. פאַרזעענדיק דאָס פון אַ זייטיקער אָפּטיילונג, האָט זיך סטעפּאַן גוסקאַ געלאָזט אים צו הילף מיט אַ שטריק-פּעטליע אין האַנט. ער האָט דעם קאָפּ צוגעבויגן צום פערדישן האַלז און, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, האָט ער אויף איינמאָל אים פאַרוואָרפן די פּעטליע איבערן האַלז: ער איז רויט געוואָרן, דער פּולקאָווניק האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַר דער שטריק, שטאַרקנדיק זיך זי צוצורייסן — ערשט האָט אים אַ מעכטיקער אימפּעט אַ יאָג-אַריין-געטון אין סאַמע בויך אַריין אַ גיפטיקע שפּיז. און ער איז דאָרט פאַרבליבן, אַ צוגענאָגלטער צו דער ערד. אָבער אויך גוסקאַ האָט

קיין גוטן סוף נישט געהאַט! די קאָזאַקן, איידער זיי האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, און, שוין זען זיי סטעפּאַן גוסקאַן אַן אויפגעהויבענעם אויף פיר שפּיזן. ער האָט בלויז באַוויזן אויסצורעדן דער אָרימער:

—זאָלן אַלע שונאים האָבן די מפּלה, און זאָל די רוסישע ערד יובעלן אויף אייביקע דורות!

און דאָרט האָט ער זיין נשמה אויסגעהויכט.

האָבן זיך נאָר די קאָזאַקן אומגעקוקט, און שוין דאָרט, פון דער זייט, איז דער קאָזאַק מעטעליציע מכבד די ליאַכעס, דורסנדיק דעם און יענעם, און דאָרט — פון דער צווייטער זייט גרייפט־אָן דעם שונא דער אַטאַמאַן נעווילישקי מיט זיין חיל. ביי די פורן קוילעט און שלאָגט דעם פיינט זאַקרוטיגובאַ פון ביי די ווייטערע פורן האָט דער דריטער פיסאַרענקאָ שוין פאַרטריבן אַ גאַנצע באַנדע. און שוין דאָרט ביי די אַנדערע וועגן, האָבן זיי זיך געכאַפּט שלאָגן אויף די סאַמע וועגענער.

—וואָס, הערן—האָט זיך איבערגעשריען דער אַטאַמאַן טאַראַס, אַדורכפאָרנדיק פאַרביי אַלע.—איז כאָטש נאָך פאַראַן פולווער אין די פולווער־ביי טלען? איז נאָך שטאַרק די קאָזאַקישע גבורה? גיבן זיי זיך נאָך נישט אונטער, די קאָזאַקן?

—פאַראַן נאָך, באַטקאַ, פולווער אין די פולווער־ביי טלען; עס איז נאָך גענוג שטאַרק די קאָזאַקישע גבורה און עס בייגן זיך נאָך נישט די קאָזאַקן!

שוין איז באַוודיוג אַראָפּגעפאַלן פונם וואָגן. גלייך אונטערן האַרץ אַרונטער איז אים פאַרפלויגן אַ קויל. נאָר דער אַל-

טער האָט נאָך צונויפגעזאַמלט זיינע אַלע כחות און ער האָט געזאָגט:

— ס׳איז גאָר נישט קיין שאָד זיך צוצושיידן מיט דער וועלט. גיב, גאָט, איטלעכן אַזאַ סוף! זאָל זיך רוסישע ערד ביזן סוף לעבן האָבן מיט עפּעס צו באַרימען!

און עס האָט זיך צו די אויבערשטע וועלטן אויפגעהויבן באָוודיוגס נשמה, כדי צודערציילן די שוין פון לאַנג אַוועקגעגאַנגענע זקנים, ווי אַזוי מ׳קאָן זיך שלאָגן אויף דער רוסישער ערד און — נאָך עפּעס בעסערס דערפון — ווי אַזוי מ׳קאָן אויף איר שטאַרבן פאַר דער הייליקער אמונה.

באַלאַבאַן, דער אָפּטיילונגס-אַטאַמאַן, איז קורץ נאָך דעם אויך אַראָפּגעזונקען צו דער ערד. ער האָט געקראָגן דריי שטערבלעכע וואונדן: פון אַ שפּיז, אַ קויל און פון אַ שווערער שווערד. געווען איז ער איינער פון די גלענצנדיקסטע קאָזאַקן. מיט זיין אָנפירערשאַפט אויף די ים-מאַרשן האָט ער אַ סך אויפגעטון, אָבער באַרימטער פון אַלע איז געווען דער צוג צו די אַנאַטאָלישע ברעגעס, זיי האָבן דעמאָלס אָנגעקליבן אַ סך געלט, טייערע טערקישע אוצרות און כל-ערליי אָנטועכץ, נאָר פאַר דאָס האָבן זיי זיך אויף צוריק-צעוועגס אָנגעליטן מיט ביטערניש: זיי זענען געפאַלן, די האַרציקע, אונטער די טערקישע האַרמאַטן-קוילן. ווי עס האָבן זיי דאָס אַראָפּגעריסן פונם דאַמפער — אַ העלפט פון די שיפלעך האָבן זיי אַרומגערינגלט און איבערגעדרייט, נישט איינעם דערטרונקעדיק אינם וואַסער, נאָר די צוגעבונדענע שטיינער צו די זייטן האָבן געראַטעוועט די שיפלעך פונם אונטערגאַנג. באַלאַבאַן איז בכל-הכחות אַוועקגעשוואומען — ער איז געשטאַנען גלייך אַנטקעגן דער זון, צוליב וואָס ער איז נישט געזען געוואָרן פונם טערקישן דאַמפער.

אַ גאַנצענע נאַכט נאָכדעם, האָבן זיי מיט צעבערס און מיט די היטלען אויסגעשעפּט דאָס וואַסער, פאַריכטנדיק די צע־שעדיקטע ערטער. פון קאָזאַקישע הויזן האָבן זיי אויסגעשניטן זעגלען—זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן און אַנטלאָפן פון דער גע־ווינדער, טערקישער שיף. און נאָך ווינציק, וואָס זיי זענען בשלום צוריקגעקומען קיין ס ע ט ש, האָבן זיי נאָך מיטגעבראַכט אַ גאָלד־געניייטע הילע פאַרן אַרכימאַנדריט פונם מעזשיגאָרסקער, קיעווער מאָנאַסטיר, און אויף אַ מחסה פאַר זאַפּאָראָזשיע—אַ באַ־שלאָג פון לויטער זילבער. לאַנג נאָכדעם האָבן די באַנדוריסטן נאָזינגען די הצלחה פון די קאָזאַקן.—אַצינד האָט ער נאַכלעסיק אַרוואָרפן דעם קאָפּ, דערפילנדיק די יסורים פאַרן טויט, און ער האָט שטיל געזאָגט:

— עס דאַכט זיך מיר, ברידערלעך, אַז איך שטאַרב מיט אַ גוטן טויט—זיבן האָב איך צעשניטן, ביין מיט דער שפּיץ דער שטאַכן, אַ סך דערטרונקען מיט די פערד, און כ׳געדענק שוין נישט, וויפיל איך האָב דערלאַנגט מיט דער קויל, זאָל־זשע אייביק בליען די רוסישע ערד!...

און זיין נשמה האָט אַוועקגעשוועבט.

קאָזאַקן, קאָזאַקן!... גיט שוין קיין בעסערע בלום נישט אַרויס פון אייער מיליטער! זיי זענען שוין אַרומגעגאַנגען אויף גרום קוקובענקאָן: נאָר זיבן מאַן זענען נאָך איבערגעבליבן פון דער גאַנצער נעזאַמאַיקאָווער אָפּטיילונג, און אויך די קומען שוין אָפּ פון די כחות—שוין זענען אויף אים די קליידער געווען פאַר־בלוטיקט. אַיין טאַראַס זעענדיק אים אין אַן עת־צרה, האָט זיך צוגעאיילט, כדי אים צו קומען צו הילף.

אָבער שפּעט איז שוין געווען דאַן, ווען די קאָזאַקן זענען

אָנגעקומען: צו פריער, נאָך אײדער זיי זענען אָנגעקומען, כדי צו פאַרטרייבן די אָפּטרעטנדיקע פיינט, האָט אַ שפּיז נאָך פאַרוויזן טיף זיך איינצעגראָבן אונטער זיין האַרץ, שטיל האָט ער זיך געבויגן אויף די הענט פון די קאָזאַקן, וואָס האָבן אים צו געהאַלטן, און ס'האָט, ווי אַ טייך אַ שורעווע געטון דאָס יינגע בלוט, וואָס איז געגליכן צו טייערן וויין, וועלכן עס האָבן פונם קעלער אַרויסגעטראָגן אין גלעזערנע געפעסן אומפאָרזיכטיקע דינער: דאָ,ביים אַריינגאַנג, האָבן זיי זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן דאָס טייערע גלאָז—האָט זיך דער גאַנצער וויין אויף דער ערד פאַרגאָסן, און ס'האָט זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט דער אָקאָרשט אָנגעקומענער בעל-הבית, וועלכער האָט דאָס באַהאַלטן אויף אַ בעסערער צייט, כדי, אויב גאָט וועט אים אין די עלטערע יאָרן צונויפפירן מיט אַ חבר פון דער יוגנט, בכדי צוזאַמען מיט אים אויפצולעבן דאָס פריערדיקע,- אַנדערע צייטן, בעת דער מענטש האָט זיך אַנדערש און בעסער משמח געווען... קוקובענקאָ האָט אַ פיר אַרום געטון אַרום זיך מיט די אויגן, און ער האָט זיך געטענהט:

—איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס עס האָט מיך דערפירט צושטאַרבן אין אייערע אויגן, הברים! זאָל-זשע נאָך אונז געבוירן ווערן בעסערע, ווי מיר, און זאָל זיך אייביק צירן די באַליבסטע פאַר די קריסטן, רוסישע ערד!

און עס איז אַרויסגעפלויגן די יינגע נשמה. מלאכים האָבן זי אונטער די הענט אויפגעהויבן און זי אַוועקגעטראָגן צו די הימלען. וועט אים דאָרט גוט זיין.

—זיץ, זיץ, קוקובענקאָ, ביי מיין רעכטער האַנט—וועט אים קריסטוס זאָגן —דו האָסט נישט ווידערשפּעניקט דאָס חברשאַפט, קיין אומבכבודיקע זאַך ביסטו נישט באַגאַנגען, הסטט אין אַן

צות־צרה נישט אַרויסגעגעבן קיין מענטש און דו האָסט געהיטן און באַשיצט מיין צערקווע.

קוקובענקאָס טויט האָט אַלעמען דערשיטערט, די קאָזאַקי־שע רייען האָבן אָנגעהויבן שיטער צו ווערן: פיל, פיל העלדן האָבן שוין פון צווישן זיי געפעלט, אָבער זיי זענען נאָך גע־שטאַנען און זיך געהאַלטן, די קאָזאַקן.

— און וואָס, הערן — האָט טאַראַס זיך איבערגעשריען מיט די איבערגעבליבענע אָפּטיילונגען: — איז נאָך פאַראַן פולווער אין די פולווער־בייטלען? זענען די שווערדן נאָך נישט געוואָרן שטומ־פיק? איז כאָטש נאָך נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער קאָזאַקי־שער כח? זענען די קאָזאַקן ביי זיך נאָך נישט געפאַלן?

— ס׳וועט נאָך קלעקן, באַטקאַ, דער פולווער; עס וועלן נאָך גוט זיין די שווערדן, עס איז נאָך נישט אָפּגעשטאַנען די קאָזאַקישע גבורה; זיי האָבן זיך נאָך נישט מצער געווען, די קאָ־זאַקן!

און די קאָזאַקן האָבן זיך פון דאָסניי אַ ריס געטון אַזוי, גלייך זיי וואָלטן קיין שום פאַרלוסטן נישט געליטן. בסך־הכל זע־נען צווישן די לעבעדיקע נאָך איבערגעבליבן דריי פון די אָפּ־טיילונגס־פירער, אומעטום האָבן זיך שוין געראַויטלט רויטע טייכן; הויך האָבן זיך אויפגעהויבן בריקן פון קאָזאַקישע און פיינטלע־כע גופים. האָט טאַראַס אַ קוק־געטון אויפן הימל, און שוין האָט זיך איבערן הימל, אַ ציִ־געטון אַ שנור פון ווילדע גענז. נו, עס וועט שוין זיין פאַר וועמען אַ לעב צו טון! און דאָרט האָט מען שוין אויך אַ שפּיז אויפגעהויבן מעטעליציען; דער קאָפּ פונם צווייטן פיסאַרענקאָ האָט זיך אויך שוין אַ קאָרטשע־געטון, וואַרפנדיק מיט די אויגן; ס׳האָט זיך שוין אונטערגעבראָכן און געזונקען צו־דער־ערד־צו דער אויף פיר צעשניטענער אָכרים גוסקאַ.

—„נו !" — האָט טאַראַס געזאָגט און אַ פּאָכע געטון מיטן טיכל.

האָט דעם דאָזיקן צייכן פאַרשטאַנען אָסטאַפּ, און ער האָט אַ שטאַרקן שאָס געטון, אַרויסרייסנדיק זיך פון הינטן אין די ריי־טער־רייען אַריין. האָבן דעם מעכטיקן אָנגריף נישט אויסגע־האַלטן די ליאַכעס, און ער האָט זיי געיאָגט און פאַרטריבן האָט ער זיי גלייך צום אָרט, וואו עס זענען געווען אין דער ערד אַריינגעשטעקט שפּיזן און אָפּברוכן פון פּיקעס. זענען זיי אַוועק אַהינצו זיך שטרויכלען, כדי די פערד זאָלן פאַלן, און אַז די ליאַכעס זאָלן איבער זייערע קעפּ צעפליען.

אין דער זעלביקער צייט האָט דאָס פּור־מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אַרום די לעצטע וועגענער, דערזעענדיק, אַז די ביקסן־קוילן גרייכן שוין צו זיי, האָבן זיי אינדעם אַ דונער־געטון פון די אַליין־שיסער. זענען דאָס פאַרלוירן און פאַרטומלט גע־וואָרן אַלע ליאַכעס, און די קאָזאַקן האָבן זיך אַגרויס פערגעניגן אָנגעטון:

—אָט איז דער זיג אַן אונזעריקער !— האָבן זיך פון אַלע זייטן צעקלינגען קולות פון די זאַפּאָראָזשיער.

זיי האָבן געשאַלט פון די טראָמייטן און אַרויסגעשטעלט אַ נצחון פאָן. זענען זיך די ליאַכעס אומעטום צעלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן.

—ניין, נאָך נישט אינגאַנצן האָבן מיר געזיגט !—האָט גע־זאָגט טאַראַס, קוקנדיק צו די שטאָטישע טויערן — און ער האָט דעם אמת געזאָגט.

עס האָבן זיך צעעפנט די טויערן, און פון דאָרט איז אַרויס געפלויגן אַ הוזאַרן־פּולק — דאָס צירונג פון אַלע רייטער־פּולקן. אונטער די אַלע רייטער זענען די פערד, אַלע ווי איינער, גע־ווען טונקל־ברוינע. פאָרויס פאַר די צווייטע, וועלכע האָבן אויף

ויך געטראָגן די העלדישסטע ריטער, איז געפאָרן דער סאַמע שענסטער. אַזוי זענען זיינע שוואַרצע האָר פון אונטערן מעשענעם היטל אַפּוירגעפלויגן, עס האָט געפלאַטערט דער צו־דער־האַנט צוגעבונדענער טייערער שאַרף, וועלכער איז גענייט געוואָרן דורך דער האַנט פון דער ערשטער שיינהייט. און טאַראַס איז אַזוי מבולבל געוואָרן, בעת ער האָט באַמערקט, אַז דאָס איז געווען אַנדריי.

בינו־לבינו איז ער, אַן איינגעטונקענער אין שטויב און אין מלחמה בראַנד, געוואָרן אַזוי להוט צוגעווינען דאָס צו געבונדענע צו דער האַנט, הפּך, וואָס יענער האָט געטראָגן, פּונקט ווי אַ יינגער, געשווינדער הונט—דער שענסטער, לייכטסטער און יינגסטער פון אַלע אין דער סטאַיע. איז אויף אים צערייצט געוואָרן דער געניטער יעגער, און עס האָט אים אַ טראָג אַהין, נאָכלאָזנדיק זיינע פיס מיט אַ גלייכער ליניע אין דער לופט, אויסבייגנדיק אָן אַ זייט זיין גאַנצן קערפּער, צערייסנדיק דעם אָנגעפאַלענעם שניי און צען מאָל איבערשטייגנדיק מיט דער גיכקייט פון זיין לויפן, דעם האָז. האָט זיך דער אַלטער טאַראַס אינדעם אָפּגעשטעלט, ער האָט געקוקט אויף דעם, ווי אַזוי ער האָט פאַר זיך אָפּגערייניקט דעם וועג, ווי אַזוי ער האָט אַלע צעיאָגט, צעממיתט און געשאָטן מיט קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. און טאַראַס האָט נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעשריען:

—ווי? דיינע? טייוולשער זון, וואָס דו ביסט—דיינע שלאָגסטו?

אָבער אַנדריי האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט, ווער עס איז פאַר אים געשטאַנען — זיינע, אָדער אַנדערע גאָר. ער האָט גאָר נישט געזען. לאָקן, לאָקן האָט ער געזען, לאַנגע, לאַנגע לאָקן, און ענ עך זענען זיי געווען צו דער ברוסט פון אַ טייך־

שוואַן, און אַ שניי־ווייסן האַלז האָט ער געזען, און אַ נאַקן, און אַלצדינג וואָס איז ווי באַשאָפן געוואָרן פאַר ווילדע קושן.

—העי, ייִנגלעך! פאַרנאַרט מיר אים נאָר צום וואַלד־צו; פאַרנאַרט אים מיר נאָר! — האָט טאַראַס געשריען און ער האָט תּיכף אַרויסגערופן דרייסיק פון די געשווינדסטע קאָזאַקן! כּדי אים צו פאַרנאַרן.

אויסגלייכנדיק אויף זיך זייערע הויכע היטלען, האָבן זיי זיך גלייך אויף די פערד אַ לאָז געטון איבערצושניידן די הוזאַרן־מחנה. פון אַ זייט האָבן זיי געשאָסן אויף די פאָדערשטע— זיי האָבן זיי צעקלאַפּט, זיי אָפּגעטיילט פון די הינטערשטע, האָבן מכבד געווען אי די, אי יענע, און גאָלאָקאָפּיטענקאָ ד־האָט אונטערוויילעכטס אָנגעפּאַקט אַנדריין פאַרן רוקן, און באותו הרגע האָבן זיי זיך אַזוי אַ לאָז אַוועק געטון פון זיי, אויף וויפיל עס ד־האָט נאָר געסטייעט דער קאָזאַקישער כּח, ווי אַנדריי האָט זיך דאָס אַ וואָרף־געטון! ווי עס האָט זיך אין אַלע זיינע אָדערן צעבונטעוועט דאָס יונגע בלוט! אַ קלאַפּ געבענדיק דעם פערד מיט די שאַרפע שפּאָרנס, איז ער בכל הכחות נאָכגעפלויגן די קאָזאַקן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק און נישט זעענדיק צומאָל, אַז אים האָבן בסך־הכל באַוויזן אָנצויאָגן אַ מאַן צוואַנציק; די קאָזאַקן ווידער, האָבן מיט זייער גאַנצער פלינקייט געשוועבט אויף די פערד און זיך גלייך געלאָזט צום וואַלד צו. האָט זיך אַנדריי אַזוי דערייאַכמעט אויפן פערד, און אָט־אָט וואָלט ער דערגרייכט גאָלאָקאָפּיטענקען, ווען נישט דאָס, וואָס אימיצנס אַ אַ שטאַרקע האַנט האָט אָנגעכאַפּט די צוים פון זיין פערד.

האָט זיך אַנדריי אומגעקוקט, און ער זעט פאַר זיך טאַראַסן! אַ ציטער־טוענדיק מיטן גאַנצן לייב, איז ער פּלוצלונג בלייך געוואָרן ווי אַ ד־דר־ייִנגל, וועלכער האָט אויף אַן אומפּאָר-

ויכטיקן אופן צערייצט זיין חבר, פאַרוואָס ער האָט פון אים געקראָגן מיט דער ליניע איבערן שטערן. יענער ווערט צעפלאַמט ווי אַ פייער, שפּרינגט, ווי אַ משוגענער אַ פויר פון אונטער דער באַנק און יאָגט זיך נאָך זיין איבערגעשראָקענעם חבר אַזוי, גראָד ווי ער וואָלט גרייט געווען אים צו צערייסן אויף שטיקער, אָבער אינדעם שטויסט ער זיך אָן אויפן לערער, וואָס גייט אַריין אין לערן־זאַל: אין איין אויגנבליק ווערט איינגעשטילט דער ווילדער גרימצאָרן און עס באַפאַלט אַ מאַכטלאָזע נידערשלאָגנקייט. ענ־לעך צו דעם, איז אין איין רגע אין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, גלייך ווי עס וואָלט קיינמאָל אַזוינס נישט געווען, אַנדריס כעס, און געזען האָט ער נאָר פאַר זיך נאָר איינעם — דעם שטרענגער פאָטער זיינעם.

— נו, וואָס־זשע וועלן מיר אַצינד טון? — האָט טאַראַס גע־זאָגט, אים קוקנדיק גלייך אין די אויגן אַריין.

אָבער אַנדרי האָט דערויף גאָר נישט געקאָנט זאָגן, ער איז געשטאַנען, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן צו דער ערד.

— וואָס, זונעלע, ד׳האָבן דיר כאָטש דיינע ליאַכעס גע־האָלפן?

אַנדרי האָט שטיל געשוויגן.

— אַזוי פאַרקויפן? פאַרקויפן די אמונה? פאַרקויפן די זיי־ניקע? שטיי־זשע קריך אַראָפּ פונם פערד!

הכנעהדיק ווי אַ קינד, איז ער אַראָפּגעקראָכן פונם פערד און ער איז שטיינגעבליבן פאַר טאַראַסן נישט טויט, נישט לע־בעדיק.

— שטיי, און גיב זיך נישט קיין ריר! איך האָב דיך גע־בוירן, און איך וועל דיר טייטן! — האָט טאַראַס אַ זאָג־געטון און אָפּטרעטנדיק אַ שריט אויף צוריק, האָט ער פון די פּלייצעס אַראָפּגענומען די ביקס. בלייך, ווי אַ לייוונט איז געווען אַנדרי,

ס'איז געווען קענטיק, ווי שטיל עס האָט זיך באַוואַ־יגן זיין מויל און ווי אַזוי ער האָט אַרויסגערעדט אימיצנס אַ נאָמען — אָבער דאָס איז נישט געווען דער נאָמען פונם פאָטערלאַנד, פון דער מוטער אָדער פון דער ברידער — דאָס איז געווען דער נאָמען פון דער וואונדערשיינער פוילין. טאַראַס האָט אויסגעשאָסן.

ווי אַ ברויט-זאַנג, וואָס איז אונטערגעשניטן געוואָרן דורכן סערפּ, ווי אַ יינג לעמעלע, וואָס דערפילט אונטערן האַרץ אַ שטערבלעך אייזן, אַזוי האָט ער אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ און איז אַנידערגעפאַלן אויפן גראָז, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

האָט זיך אָפּגעשטעלט דער זון־מערדער און ער האָט לאַנג געקוקט אויפן אָטעמלאָזן בר־מינן. אַפילו טויטערהייט איז ער געווען הערלעך: דאָס מענלעכע פנים זיינס, די פון נישט לאַנג באַקומענע כחות מיט דעם פאַר פרויען אובאַזיגבאַרן כשוף—דאָס אַלצדינג האָט נאָך אַרויסגערופן אַ וואונדערלעכע שיינקייט. די שוואַרצע ברעמען זיינע, ווי דער טרויער באַרכאַט, האָבן פאַר־שאָטנט די זיך בליינדיקע געזיכטסציגן.

—מיט וואָס איז ער דאָס קיין קאָזאַק נישט געווען?—האָט טאַראַס געזאָגט — אי אַ הויכוואוקסיקער, אי אַ שוואַרץ־ברעמיקער, און אַ פנים איז ביי אים ווי אַ פּריץ, און די הענט זיינע איז שטאַרק געווען אין קריג! פאַרפאַלן! ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אָן רום, פונקט ווי אַ מנוולדיקער הונט!

—באַטקאָ, וואָס האָסטו געטון! דאָס האָסטו דערד־הרגעט אים?—האָט געזאָגט דער גראָד צופאָרנדיקער אָסטאַפּ.

טאַראַס האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

אָסטאַפּ האָט זיך אָנגעד־ויבן אויפמערקזאַם איינצוקוקן אין די אויגן פונם הרוג. אַ רחמנות איז אים געווען דער ברודער, און ער האָט באַלד גענומען אייננטענהן:

— מיר וועלן אים, באַטקאָ, איבערגעבן דער ערד מיט

יראת-הכבוד, בכדי די פיינט זאָלן זיך מיט אים נישט ברעקן און אַז עס זאָלן די ציק-פייגל זיין גוף נישט צערייסן.

—מ'וועט אים אויך אָן אונז באַגראָבן!—האָט טאַראַס גע-זאָגט—ס'וועלן ביי אים זיין באַוויינער און טרייסטערינס!

און אויף אַ מינוט צוויי האָט ער זיך פאַרטראַכט: אַוועק-וואַרפן אים אויף צו צערייסן פאַר די וועלף-טייוואָלים, אָדער באַגנעדיקן אין אים דעם ריטערלעכן איידלמוט, וועלכן אַ גבור דאַרף אין יעדן פאַל פאַרערן.

אינדעם האָט ער באַמערקט, ווי אים קומט אַנטקעגן אויף זיין פערד גאָלאָקאָפּיטענקאָ:

—אַן אומגליק, אַטאַמאַן, די ליאַכעס פאַרשטאַרקן זיך, עס איז זיי געקומען צו הילף פרישע כחות!...

קוים וואָס גאָלאָקאָפּיטענקאָ האָט דאָס באַוויזן אַרויסצו-רעדן, און שוין לויפט וואָוטוזענקאָ:

אַן אומגליק, אַטאַמאַן, עס קומען אָן נייע קרעפטן!...

עס דהאָט דאָס נישט באַוויזן אַרויסצורעדן וואָווטוזענקאָ שפרינגט שוין אַהער פיסאַרענקאָ, אָבער שוין אָן פערד:

— וואו ביסטו, באַטקאָ? די קאָזאַקן זוכן דאָך דיך. דער אָפּטיילונגס-אַטאַמאַן נאַוויליטשקי איז שוין געהרגעט, ס'איז שוין געהרגעט זאַדאָראָזשני און טשערעוויטשענקאָ איז געפאַלן, אָבער די קאָזאַקן שטייען נאָך, זיי ווילן נישט שטאַרבן, אויב זיי וועלן דיך נישט זען אויף זייערע אויגן: זיי ווילן, אַז דו זאָלסט אויף זיי אַ קוק-טון נאָך פאַר דער יציאת-נשמה.

—אויפן פערד אַרויף, אָסטאַפּ!—האָט טאַראַס געזאָגט און האָט געאײַלט, כדי די קאָזאַקן נאָך צו טרעפן לעבעדיק, כדי אויף זיי נאָך אַ קוק צו טון, און, בכדי זיי זאָלן נאָך פאַרן טויט אַ קוק-טון אויף זייער אַטאַמאַן. אָבער זיי זענען נאָך נישט אַרויסגעריטן פונם וואַלד, און שוין האָבן פיינטלעכע כחות זיי

אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, און אומעטום צווישן דיביימער האָבן זיך באַוויזן די געגנער מיט שווערדן און שפּיזן.

—אָסטאַפּ, אָסטאַפּ! גיב זיך נישט אונטער!— האָט טאַראַס געשריען און האָט אַליין אַרויסגעכאַפּט די גאָלע שווערד, ער האָט מיט איר אָנגעהויבן צו באַערן די ערשטע, וואָס זענען אים באַפאַלן פון אַלע זייטן.

אויף אָסטאַפּן זענען אויך שוין פּלוצלונג אַרויפגעשפּרונגען אַ מאַן זעקס, אָבער זיי זענען, אַפּנים, אין גאָר נישט קיין גוטער צייט אויף אים אָנגעפאַלן: פון איינעם איז אַראָפּגעפלויגן דער קאָפּ, אַ צווייטער האָט זיך אויסגעדרייט, איינגאַנצן אָפּטרעטנדיק. עס איז אים געלונגען מהנה צו זיין אין דער ריפּ אַ דריטן; אַ פערטער איז געווען דרייסטלעך, האָט ער אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ פון אַ קויל, און זי איז אַריינגעפאַלן אַ ברענענדיקע אין דער פערדישער ברוסט. איז אויפגעשפּרונגען דאָס ווילדע פערד, האָט אַ זינק אנידער געטון אויף דער ערד און הינטער זיך דערשטיקט דעם רייטער.

—גוט אַזוי, זונעלע! גוט אַזוי, אָסטאַפּ!—האָט טאַראַס געשריען:—אָט, איך טו אויך אַזוי ווי דו!

און ער האָט זיך אַליין אָפּגעיאָגט פון די באַפאַלער. ער שניידט און שלאָגט זיך, טאַראַס, ער שיט איבער די קעפּ מיט כיבודים דעם און יענעם, און אַליין קוקט ער פאָרויס אויף אָסטאַפּן און ער זעט, אַז ס'האָבן זיך שוין פון דאָסניי צו אים געכאַפּט נישט ווייניקער ווי אַ מאַן אַכט מיטאַמאָל.

—אָסטאַפּ! אָסטאַפּ! גיב זיך נישט אונטער!

אָבער זיי איבערוועלטיקן אים שוין; איינער האָט אים שוין פאַרוואָרפן אויפן האַלז אַ שטריק, זיי בינדן אים, זיי נעמען שוין אָסטאַפּן צו.

—עך, אָסטאַפּ, אָסטאַפּ!—האָט טאַראַס געשריען, רייסנדיק

זיך צו אים און האַקנדיק, ווי אין קרויט אַריין די אַנטקעגנקומענדיקע און די הינטערוויילעכטדיקע.

—עך, אָסטאַפּ! אָסטאַפּ!

נאָר באותו־הרגע האָט מען אים אַליין געכאַפּט ווי אַ שווערן שטיין. אַלץ האָט זיך אומגעקערט און פאַרדרייט אין זיינע אויגן אויף איין אויגנבליק האָט זיך פאַר אים צונויפגעמישט און געבליצט: קעפּ, שפּיזן, רויך, פייער־ליכטער, ריטלעך מיט פאַרדאַרטע בלעטלעך, און דאָס אַלצדינג האָט אים אַריינגעבלינצלט אין די אויגן אַריין. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַן אונטערגעהאַקטער דעמב, אויף דער ערד, און אַ נעפּל האָט זיינע אויגן פאַרצויגן.

X

—בין איך דאָס אַביסל אַוועקגעשלאָפן!—האָט טאַראַס גע־
זאָגט דערוואַכנדיק, ווי נאָך אַ שווער באַרוישטן שלאָף, און ער
האָט זיך באַמיט צודערקענען די אַלע אים אַרומרינגלענדיקע
זאַכן. אַ שרעקלעכע שוואַכקייט האָט ער געשפּירט אין אַלע
זיינע אברים, און קוים־קוים האָבן זיך פאַר אים געוואָרפן די
ווענט און ווינקלען פונם אומבאַקאַנטן אַלקער. ענדלעך האָט ער
באַמערקט, אַז פאַר אים איז געזעסן טאָווקאַטש און, דאַכט זיך,
אַז ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין יעדן אָטעם־צוג.

—יאָ,—האָט טאָווקאַטש פאַר זיך געטראַכט — ס׳קאָן זיין,
אַז דו וואָלסט אַודאי איינגעשלאָפן אויף אייביק! נאָר ער האָט
גאָר נישט געזאָגט—ער האָט אים געוויזן מיטן פינגער און האָט
אים געהייסן שטילשווייגן.

—זאָג־זשע מיר, וואו בין איך דאָס איצט?—האָט טאַראַס
ווידער געפרעגט, אָנשטרענגענדיק דעם מח און באַמיענדיק זיך
צודערמאָנען, וואָס עס האָט פאַסירט.

— שווייג! — האָט אויף אים שטרענג אַ שריי־געטון דער חבר—וואָס נאָך ווילט זיך דיר וויסן ? צי זעסטו דען נישט, אַז דו ביסט אינגאַנצן צעממיתט ? שוין צוויי וואָכן, ווי מיר לויפן מיט דיר, נישט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, ווי דו רעדסט און פּלאַפּלסט פון דער היץ. אָט, דאָס ערשטע מאָל ביסטו רואיק איינגעשלאָפן. שווייג־זשע, אויב דו ווילסט אויף זיך נישט אָנ־ברענגען אַן אומגליק.

אָבער טאַראַס האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און באַמיט צו־גויפצונעמען, וואָס עס האָט פּאַסירט.

—יאָ, מ׳האָט דאָך מיך אַרומגערינגלט און די ליאַכעס האָבן מיך אינגאַנצן געכאַפּט? מיר איז דאָך שוין נישט מעגלעך געווען אַרויסצובאַקומען זיך פונעם המון ?

—שווייג, זאָגט מען דיר, טייוולש קינד !—האָט טאָווקאַטש אויסגעשריען אַ בייזער, ווי אַ ניאַנקע, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון געדולד, און זי שרייט אָן דאָס אומדערטרעגלעכע קינד.—וואָס, ס׳איז דיר נויטיק צו וויסן, ווי אַזוי דו האָסט זיך אַרויסבאַקומען? גענוג, אַז דו ביסט אַרויסגעקומען? עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן דיך פאַרטיידיקט — נו, וועט דיר שוין גוט זיין ! אונז איז נישט קאַרג קיין נעכט מיט דיר צו שפּרינגען ! דו מיינסט, אַז מ׳וואָלט דיך פאַר אַ פּראָסטן קאָזאַק פאַרביטן? ניין, דיין קאָפּ איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אין צוויי טויזנט טשערוואָנצעס !

—און אָסטאַפּ!—האָט טאַראַס פּלוצלינג אויסגעשריען.

ער האָט זיך געשטאַרקט אויפצוהייבן, און זיך אין דעם דערמאָנט, ווי אַזוי מ׳האָט אָסטאַפּן געכאַפּט, אים געבונדן אין זיינע אויגן—אַז ער איז שוין אַצינד אין די פּוילישע הענט. און

אַ ביטערניש האָט אַרומגענומען זיין אַלטן קאָפּ. ער האָט אַראָפּגעשיילט און אַראָפּגעריסן פון זיינע וואונדן אַלע באַנדאַזשן, האָט זיי ווייט פון זיך אַוועקגעשליידערט און האָט הויך, אויפן קול עפּעס געוואָלט זאָגן, — אָבער אָנשטאָט דעם, האָט ער עפּעס אַרויסגעפּלאַפּלט פון דער היץ: שרעק און אימה האָבן אים פון דאָסביי באַהערשט, און אָן אַ סוף האָבן זיך געשאָטן אומבינדיקע נאַרישע רייד. דערווייל איז נעבן אים געשטאַנען דער געטרייער חבר זיינער. ער האָט אים אַרומגעזען ווי אַ קינדעלע, האָט אויף אים גליך־געמאַכט די פאַרבינדונגען, האָט אים איינגעהילט אין אַן אָקסן־פעל, איינגעבונדן אים אין ברעטלעך און, פערפעסטיקנדיק אים אַזויערנאָך צום זאָטל, האָט ער זיך ווידער מיט אים געלאָזט אין וועג אַריין.

— כאָטש אַ נישט־לעבעדיקן, נאָר אַהיימפירן וועל איך דיך איך וועל נישט דערלאָזן, אַז די ליאַכעס זאָלן זיך לוסטיק מאַכן איבער דיין קאָזאַקישן געביר, אַז זיי זאָלן אויף שטיקלעך דיין גוף צערייסן, און אַז זיי זאָלן אים אין וואַסער אַריינוואַרפן. זאָל זשע כאָטש אַן אָדלער דיינע אויגן דיר אויספּיקן פונם שטערן, נאָר זאָל־זשע דאָס זיין אונזערס אַ סטעפּ־אָדלער, און נישט קיין ליאַכישער — נישט דער, וואָס קומט אָנצופליען פון דער פּוילישער ערד. כאָטש אַ טויטן, אָבער אַהיימברענגען וועל איך דיר קיין אוקראַינע.

אַזוי האָט גערעדט דער געטרייער חבר. אָן אַ פּרוי איז ער געשפּרונגען טעג און נעכט, און אַ פאַרחלשטן האָט ער אים געבראַכט אין סאַמע זאַפּאָראָזשיער סעטש. דאָרט האָט ער זיך גענומען אים היילן מיט גרעזער און שמירעכצן, ער האָט אויסגעפונען עפּעס אַ וואויל־געלערנטע יידינע, וועלכע האָט אים אין משך פון אַ חודש צייט געגעבן צו טרינקען פאַרשידענע גע־

חירצן, און לסוף איז טאַראַסן געסען געוואָרן. די רפואות, צי דער אײַזערנער כח זײַנער האָט דאָ באַקומען דעם אויבנאָן, — נאָר דורך אַנדערהאַלבן חדשים איז ער געשטאַנען אויף די פיס די וואונדן זענען געוואָרן פאַרהיילט, און נאָר אײַנצלנע שווערד שניטן האָבן געוויזן, ווי טיף דער אַלטער קאָזאַק איז אַמאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. פונדעסטוועגן, איז געווען קענטיק, ווי ער איז געוואָרן פאַראומערט און טרויעריק. דריי שווערע קנייטשן האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף זײַן שטערן, און זיי זענען שוין מער פון דאָרט נישט אַראָפּ.

און אַצינד האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום-און-אַרום: אין סעטש איז אַלצדיגג נײַ, אַלע אַלטע חברים זענען אויסגעשטאָרבן. קיין איינער פון די, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דעם רעכטן ענין — פאַר דער אַמונה, פאַר דער ברידערליכקייט, איז נישטאָ, און די, וועלכע זענען מיטן אַטאַמאַן אוועק אָניאָגן די טאָטער, אויך די זענען שוין לאַנג נישטאָ געווען: אַלע האָבן די קעפּ געלייגט, אַלע זענען אומגעקומען—ווער עס האָט דעם געאַכפּערטן קאָפּ אַוועקגעלייגט אין דער סאַמע מלחמה, ווער עס איז געשטאָרבן פון הונגער און דורשט, צווישן די קרימער זאַלץ-ערד; ווער עס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין געפאַנגשאַפט, נישט איבערטראַגענדיק קיין שאַנדזאַך. דער סאַמע ערשטער מנהיג איז שוין לאַנג נישט געווען אויף דער וועלט, און קיין איינציקער פון די אַלטע חברים איז נישטאַ, און לאַנג איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז די אַמאָל-זיגדיקע קאָזאַקישע גבורה. ער האָט נאָר געהערט אַז עס איז געווען אַ באַל, אַ שטאַרקער, רוישנדיקער באַל: עס איז אינגאַנצן צופּיצלט געוואָרן דער געשיר; אין ערגיץ איז נישט איבערגעבליבן קיין טראָפּן ווײַן, די געסט און די דינער האָבן צורויבט אַלע טייערע בעכערס און געפעסן — אין אַן אומע-

עיקער שטייט דער בעל־הבית פון הויז טראַכטנדיק:

—וואָלט בעסער דער דאָזיקער באַל נישט פאָרגעקומען.

אומזיסט האָבן זיי זיך באַמיט צובאַשעפטיקן און פאַרווײַלן מאַראַסן; אומזיסט האָבן די באַבערדטע, גראָע באַנדוריסטן, פאַר־בייגייענדיק אים זאַלבעצווייט און זאַלבעדריט, באַרימט זיינע קאָזאַקישע העלדן־מעשים—שטרענג און גלייכגילטיג האָט ער געקוקט אויף אַלץ, און אויף זיין אומבאַוועגליכן פנים איז אַרויסגעטרעטן אַן אומאויסלעשבאַרע ביטערניש, און שטיל, אייננורענדיק דעם קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

—זון מיינער! אָסטאַפּ מיינער!

די זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך געגרייט צו אַ ים־נסיעה. צוויי־הונדערט שיפלעך זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין דניעפּר, און קליין־אַזיע האָט זיי געזען מיט געגאָלטע קעפּ און לאַנגע טשופּ־רינעס, איבערענטפּערנדיג זיך דער שווערד און פייער פון איירע בליענדיקע ברעגעס; זיי ווידער האָבן געזען די טורבאַנעס פון זייערע צושפּרייטע מאַכמעדאַנישע לאַנדסלייט, וועלכע זענען ענלעך צו די אומציילעקע בלומען, אויף די בלוט־פאַרטרונקענע פעלדער אוןביידע שווימענדיקע ברעגעס. זי האָט געזען נישט־ווינציק מיט דזשעגעכץ פאַרשמירטע זאַפּאָראָזשיער הויזן און מוסקוליאַרנע הענט מיט שוואַרצע נאַהייקעס. די זאַפּאָראָזשיער האָבן אויפגעגעסן און צושטערט דעם גאַנצן ווייגאָרטן; און די מעטשעטן האָבן זיי איבערגעלאָזט גאַנצע הויפנס מיסט; טייערע פּערסישע שאַלן האָבן זיי בענוצט אַנשטאַט שנורן, און האָבן מיט זיי אַרומגעגאַרטלט זייערע פאַרשמירטע בגדים. נאָך לאַנג נאָכדעם האָבן זיי אין די דאָזיקע ערטער געפונען קורציקע ליול־קעלעך.

פֿרײלעך זענען זײ צוריקגעשװוּמען. אָבער הינטער זײ האָט זיך געיאָגט אַ טערקישער דאַמפּער מיט פֿינף האַרמאַטן, װעלכער האָט מיט אײן שאָס פֿון אַלע זײַנע װאָפֿן צוטריבן, װי די פֿײגל, די גנבֿעבֿדיקע שיפֿלעך זײערע. אַ דריט חלק פֿון זײ איז אַראָפּ אין ימישן תּהום, נאָר די איבעריקע האָבן זיך װײַטער צונױפֿגעקליבן אױף אײן אָרט, און זענען צוגעקומען צו אַן אױסגוס פֿון דניעפּר מיט צװעלף פֿעסלעך, אָנגעפֿולטע מיט טערקישע מטבעות.

אָבער דאָס אַלצדינג איז שױן טאַראַסן נישט אָנגעגאַנגען. ער איז אַװעק אױף לאָנקעס און סטעפּעס כּלומרשט אױף יאַגד, אָבער די װאָפֿן זײַנע זענען געבליבן נישט אױסגעשאָסען. און אַװעקלײגנדיק די ביקס, האָט ער, אַ טיף פֿאַרבענקטער, זיך אַװעקגעזעצט בײַם ברעג ים. לאַנג איז ער דאָרט געזעסן, אײַנבױגנדיק דעם קאָפּ און אַלץ זאָגנדיק:

—אָסטאַפּ מײַנער! אָסטאַפּ מײַנער!

פֿאַר אים האָט זיך געשפּיגלט און זיך אױסגעשפּרײט דער שװאַרצער ים, אין אַ װײַטן געמװיזעכץ האָט אַ מעװע געשריען— די גראָע װאָנסע זײַנע האָט זיך געזילבערט און אַ טרער איז געפֿאַלן אײנע נאָך דער אַנדערער.

און טאַראַס האָט לסוף נישט אױסגעהאַלטן:

— װאָס עס זאָל נאָר נישט זײַן, װעל איך גײן געװאָרװערן, װאָס עס איז מיט אים געשען: לעבט ער נאָך? איז ער שױן אין קבֿר? אָדער ער איז שױן אין קבֿר אױך נישטאָ? איך װעל געװאָר װערן, און זאָל זײַן װאָס עס װיל!

און אין אַ װאָך אַרום איז ער שױן געװען אין דערשטאָט אומאַן אַ באַװאָפּנטער אױף אַ פֿערד, מיט אַ שפּיז, אַ שװערד, אַ װעג־קענדל בײַם זאָטל, אַ רײזע־טעפּל מיט געטריקנטן האָבער־

מעל, פולווער-קוילן, פערד-פענטעס און מיט אַלע איבעריקע מכשירים. ער איז גלייך צוגעפאָרן צו אַ נישט-ריינעם, פאַרשמירטן הייזל, אין וועלכן ס'זענען קוים געווען צוזען די קליינטשיקע פענסטערלעך, וואָס זענען געווען פאַרשמוציקט מיט, כ'ווייס אַליין נישט, מיט וואָס; דער קוימען איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אַ שמאטע, און דער געלעכערטער דאַך איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט שוואַלבן. אַ קופּע פון כל-ערליי קויט איז געלעגן פאַר דער סאַמע טיר. פונם פענסטער האָט אַרויסגעקוקט דער קאָפּ פון אַ יידינע אין אַ טשעפּיק מיט פאַרטונקלטע פערל.

—איז דער מאַן אין דער היים?—האָט בולבא געפרעגט, אַראָפּקריכנדיק פונם פערד און צובונדענדיק דאָס ציימל צום אייזערנעם האָק, וואָס ביי דער טיר.

—אין דער היים—האָט די יידינע געענטפערט, און זי האָט תיכף אַרויסגעאיילט מיט ווייץ אין אַ מעסטל פאַרן פערד און מיט אַ בעכער ביר פאַרן ריטער.

—וואו איז ער, דיין ייד?

—ער איז אין צווייטן אַלקער, ער דאַוונט!—האָט די יידינע געזאָגט, בייגענדיק זיך און ווינטשט אויף געזונט, בעת בולבא האָט צוגעפירט דעם שעפער צו די ליפּן.

—בלייב דאָ, גיב אָנצועסן און צוטרינקען מיין פערד, און איך וועל אַוועק זיך מיט אים אַליין אויסשמועסן, איך האָב צו אים אַן ענין.

דער ייד איז דאָס געווען דער באַוואוסטער יאַנקל. ער האָט זיך שוין דאָ איינגעאָרדנט פאַר אַן אַרענדאַטאָר און קרעטשמער; ער האָט צוביסלעך אַריינגענומען אין זיינע הענט די אַרומיקע הערן און שליאַכטשיצעס, האָט צו ביסלעכוויז אויסגעזויגן

כמעט דאָס גאַנצע געלד און ער האָט שטאַרק אָנגעצייכנט זיין יידישע השפעה אין דעם קאַנט.

אויפן שטח פון דריי מייל, איז אין אַלע זייטן קיין איין שטוב נישט איבערגעבליבן אין אָרדענונג: אַלץ איז איינגעפאַלן און געזונקען, אַלץ האָט זיך צושאָטן און עס איז איבערגעבליבן אַן אָרעמקייט, אַ חורבה; ווי נאָך אַ שרפה אָדער מגפה האָט זיך אויסגעליידיקט די גאַנצע מדינה. און וואָלט נאָך יאַנקעל דאָרט געוואוינט צען יאָר, וואָלט ער אודאי די גאַנצע געגנט אויסגע־לערט.

טאַראַס איז אַריין אין אַלקער. דער ייד האָט געדאַוונט, איינהילנדיק זיך אין דעם גענוג פאַרשמירטן טלית. ער האָט זיך שוין אויסגעדרוקט, כדי דאָס לעצטע מאָל אויסצושפייען, לויטן מנהג פון זיין אמונה, ווי אינדעם טרעפן זיך זיינע אויגן מיט דעם פון הינטן שטייענדיקן בולבא. אַזוי האָבן זיך דעם ייד צו־כּריער געוואָרפן אין די אויגן די צוויי טויזנט רענדלעך, וועלכע מ'האָט אים מבטיח געווען פאַר דעם קאָפּ זיינעם; אָבער ער האָט זיך פאַרשעמט צוליב זיין זשעדנעקייט און ער האָט זיך גע־שטאַרקט, כדי אין זיך צודערשטיקן דאָס אייביקע גלוסטן צו געלד, וואָס וויקלט ווי אַ שלאַנג אַרום דעם יידס נשמה.

—הער אויס, יאַנקעל!—האָט טאַראַס געזאָגט דעם ייד, וועל־כער האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן צו ביקן און האָט פאָרזיכטיק צוגעמאַכט די טיר, כדי מ'זאָל זיי נישט זען.—איך האָב דיין לעבן געראַטעוועט—זיי וואָלטן דיך ווי אַ הונט צעריסן. די זאַפּאָ־ראָזשיער—איצט איז דיין רייע, אַצינד טו דו מיר אַ טובה!

דעם יידס פּנים האָט זיך אַ ביסעלע אַ קנייטש געטון.

וואָס פאַר אַ טובה? אויב ס'איז נאָר אַ טובה, וואָס מ'קאָן טון, איז מהיכא־תיתא.

—רעד שוין גאָרנישט. פיר מיך אַריבער קיין וואַרשע.

—קיין וואַרשע? וואו קיין וואַרשע? —האָט יאַנקל געזאָגט, און זיינע ברעמען און פלייצעס האָבן זיך אויפגעהויבן פון פאַרצווייפלונג.

—זאָג מיר גאָרנישט. פיר מיך קיין וואַרשע: וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין, וויל איך אים כאָטש נאָך איינמאָל זען, כאָטש איין וואָרט אים זאָגן.

—וועמען זאָגן איין וואָרט?

—אים, אָסטאַפּן, דעם זון מיינעם.

—צי האָט דער פּאַן נישט געהערט, אַז ער איז שוין...

—איך ווייס, כ'ווייס אַלץ: פאַר מיין קאָפּ גיט מען צוויי טויזנט רענדלעך. זיי ווייסן דאָרט, די טפשים, זיין ווערט! איך וועל דיר געבן פינף טויזנט. אָט נעם שוין אַצינד צוויי טויזנט. בולבאַ האָט פון זיין לעדערנעם זעקל אויסגעשאָטן צוויי טויזנט טשערוואָנצעס און די איבעריקע וועסטו באַקומען, ווען כ'וועל צוריקקומען.

דער ייד האָט תיכף געכאַפּט אַ האַנטוך און דערמיט פאַרדעקט די טשערוואָנצעס.

— איי, די געבענטשטע מטבע! איי, גוטע מטבע! —האָט ער גערעדט, רייבנדיק איין טשערוואָניעץ אין די הענט און פּרוּווּנדיק אים צווישן די ציין. —איך מיין, אַז דער מענטש, ביי וועמען דער פּאַן האָט צוגענומען די גוטע מטבעות, האָט שוין מער קיין שעה אויף דער וועלט נישט געלעבט: ער איז תיכף אַוועק אין וואַסער אריין, און איז דערטרונקען געוואָרן נאָך אַזעלכע טייערע טשערוואָנצעס.

— איך וואָלט דיך נישט געבעטן. איך וואָלט שוין אפשר אַליין געפונען אַ וועג קיין וואַרשע, נאָר מיך קאָנען זיי ווי-עס-איז, דערקענען און כאַפּן, די פאַרשאָלטענע ליאַכעס, דען איך בין נישט אַזוי געשיקט אין הינטערוועגעלעך. און איר, יידן, זענט שוין דערצו ווי באַשאַפן געוואָרן. איר וועט אַפילו דעם טייוול פאַרפירן; איר קענט אַלע קונצן — אָט צו וואָס איך בין צו דיר געקומען! און אין וואַרשע, וואָלט איך אַליין סיי-ווי גאָר נישט באַקומען. שפּאַן-זשע תיכף איין דעם וואָגן און פיר מיך!

— און דער פּאַן מיינט, אַז איך זאָל אַזוי פּשוט נעמען די קאָבילע, איינשפּאַנען און: איי, נו, געגאַנגען, פערדל! דער הער קלערט, אַז מ׳קאָן אַזוי, ווי עס איז, נישט באַהאַלטנדיק, דעם פּאַן פירן?

— נו, טאָ באַהאַלט, באַהאַלט, ווי דו ווילסט; אין אַ ליידיק פעסל, וואָס?

— איי, איי! און דער פּאַן מיינט, אַז מ׳קאָן אים באַהאַלטן אין אַ פעסל אַריין? דער פּאַן ווייס אַוודאי נישט, אַז איטלעכער וועט מיינען, אַז אין פעסל איז פאַראַן בראָנפן?

— נו, טאָ זאָלן זיי מיינען, אַז ס׳איז בראָנפן.

— ווי? זאָל ער מיינען, אַז ס׳איז בראָנפן? — האָט דער ייד געזאָגט, און האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט ביי די פאות, און דערנאָך האָט ער זיי אויפגעהויבן אין דער הייך.

— נו, וואָס-זשע ביסטו אַזוי מבולבל געוואָרן?

— און דער פּאַן ווייס אַוודאי נישט, אַז גאָט האָט באַשאַפן בראָנפן, כדי יעדער זאָל אים פאַרזוכן? דאָרט זענען זיי אַלע נאַשעדיק, די לייט: אַ שליאַכטשיץ וועט נאָכלויפן אַ וויאָרסט פינף

נאָכן פּעסל, וועט, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל, אויסעקבערן אַ לעכלע, און ער וועט באַלד דערזען, אַז עס פליסט נישט, און ער וועט זאָגן: אַ ייד וועט קיין ליידיק פּעסל נישט פירן, מסתמא מוז דאָרט עפּעס זיין! וועט ער כאַפּן דעם ייד, וועט דעם ייד בינדן, וועט דאָס גאַנצע געלט ביים ייד צונעמען און מען וועט דעם ייד אין תפיסה אַריינזעצן! וואָרום אַלץ, וואָס זאָל נאָר נישט גוט זיין, לייגט מען אויפן ייד אַרויף; וואָרום אַלעמען קומט דער ייד פּאָר ווי אַ הונט; וואָרום מען מיינט, אַז מ׳איז שוין קיין מענטש נישט, אויב מ׳איז אַ ייד!

—נו, טאָ לייג מיך אין אַ וואָגן מיט פיש!

—מ׳קאָן נישט, הער; ביי גאָט, ווי מ׳קאָן נישט, איבער גאַנץ פּוילן זענען די מענטשן איצט הונגעריק, ווי די הינט: וועט מען די פיש צעגנבענען און דעם פּאַן וועט מען דערטאַפּן.

—טאָ פיר מיך אַפילו אויפן טייוול, אַבי פיר!

— הער אויס, פּאַן!—האָט דער ייד געזאָגט, אַרויפרוקנדיק דעם זויב פון די אַרבל און איז צו אים צוגעגאַנגען מיט צעשפּרייטע הענט.—אָט וואָס מיר וועלן טון. איצט בויעט מען אומעטום פעסטונגען און פּאַלאַצן, פון נעמעטטשינע זענען אָנגעקומען פראַנצויזישע אינזשעניערן, דעריבער פירט מען אויף די וועגן אַ סך ציגל און שטיינער. זאָל דער הער אַרויפקריכן אויפן דנאָ פון וואָגן, און אין דער הייך וועל איך פאַרלייגן מיט ציגל דער הער איז געזונט און שטאַרק, ווי עס זעט אויס, דעריבער וועט אים גאָרנישט זיין, אויב ס׳וועט זיין אַביסעלע צו שווער. איך וועל אונטן, אין וואָגן מאַכן אַ לעכעלע, כדי דאָרט אַרום דעם פּאַן צו שפּייזן.

—טו, ווי דו ווילסט, אַבי פיר!

און אין אַ שעה אַרום איז פון אומאַן אַרויסגעפאָרן אַ װאָגן מיט ציגל, איינגעשפּאַנט אין צוויי קליאַטשעס. אויף איינער פון זיי איז געזעסן דער הויכער יאַנקל, און זיינע לאַנגע, גע־גרייזלטע פּאות האָבן זיך צעשאָטן פון הינטערן יידישן היטעלע אַ פויר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס איז אונטערגעשפּרונגען אויפן פערד דער לאַנגער—ווי אַ וויאָרסט־סלופּ, וואָס איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן אויפן וועג—ייד.

XI

אין דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען די דאָ זיך באַ־שרייבנדיקע רייזע, זענען איף די גרענעצן נאָך נישט געווען קיין שום צאָל־באַאמטע און קיין אַרומרייזנדיקע — די דאָזיקע שרעקלעכע אימה פאַר מענטשן מיט אונטערנעמונגס־גייסט,— דע־ריבער האָט איטלעכער געקאָנט פירן אַלץ, וואָס אים האָט זיך נאָר געוואָלט. האָט אימיצער יאָ אַדורכגעפירט אַ זוכונג און אַ רעוויזיע, האָט ער דאָס אין גרעסטן טייל געטון צוליב אייגענעם פאַרגעניגן וועגן, באַזונדערס דאַן, ווען אויפן וואָגן האָבן זיך גע־פונען בלענדנדיקע זאַכן פאַרן אויג, און אויב זיין אייגענע האַנט האָט געהאַט אַן אָרנטליכע וואָג און געוויכט. אָבער ציגל ד־האָט אויף זיך נישט געפונען קיין בעלנים, און ער איז דעריבער אום־פאַרהאַלטענערהייט אַריינגעפאָרן אין די שטאָטישע הויפט־טויערן. בולבאַ האָט אין זיין ענגער שטייג נאָר געקאָנט הערן דאָס גע־רויש, דאָס געשריי פון די פורלייט, און מער גאָרנישט.

יאַנקל, אונטערשפרונגענדיק אויף זיין קורצן, מיט שטויב

באַדעקטן פערדל, האָט אַריינגעקירעוועט, געמאַכט עטלעכע קרייזן אין פינסטערן, שמאָלן געסל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דאָס שמוציקע", און צוזאַמען דערמיט — „דאָס יידישע", וואָרום דאָ האָבן באמת געוואוינט כמעט אַלע יידן פון וואַרשע. די דאָזיקע גאַס איז אויסערגעווענליך געווען ענלעך צו אַן איבערגעקערטער אי= נערלעכקייט פון אַ הויפס אַ הינטערשטן. די זון איז, דאַכט זיך, אַהערצו אינגאַנצן נישט צוגעקומען. די אינגאַנצן פאַרשוואַרצטע, דהילצערנע דהייזער, מיט אַ רוב צו די פענסטער צוגעקלאַפטע שטעקעלעך, האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט. זעלטן=וואו האָט זיך צווישן זיי גערויטלט אַ ציגל=וואַנט, אָבער זי איז שוין אין אַ סך ערטער שוואַרץ געוואָרן. טיילמאָל האָט נאָר אַן אויבערשט שטו= קאַטור=שטיק פון אַ וואַנט, אַן אַרומגעכאַפטס פון דער זון, זיך זייער שוואַך צעבלישטשעט פאַרן אויג. דאָ איז אַלץ באַשטאַנען פון שטאַרק האַרבע זאַכן: קוימענס, שמאַטעס, שאַלעכלעך, אַרויס= געוואָרפענע, צעבראָכענע שאַרבנס. איטלעכער, וואָס עס איז אים נאָר געווען אומנוצלעך, האָט ער עס אַרויסגעוואָרפן אין דער גאַס אַריין, פאַרזאָרגנדיק דעם פאַרבייגער מיט די מעגלעכסטע באַקוועמלעכקייטן, כדי ער זאָל זיינע חושים קאָנען שפייזן מיט דעם דאָזיקן קויט. דער זיצנדיקער אויפן פערד, רייטער, האָט קוים=קוים מיט דער האַנט נישט דערגרייכט די שטעקעלעך, וואָס זענען געווען אַריבער די גאַס אַדורכגעצויגן פון איין הויז צום אַנדערן, אויף וועלכע עס זענען געהאָנגען יידישע זאָקן, קור= צינקע הייזלעך און אַ פאַררייכערטע גאַנז. ערגעץ=וואו פון אַ קליין, איינגעפאַלן פענסטערל דהאָט אַרויסגעקוקט אַ פאַרשמירט פנימל פון אַ יידישקע, וואָס איז געווען אָנגעטון אין טונקעלע פערל=קרעלן. אַ קופקע יידעלעך, פאַרשמירטע, אָפגעריסענע, מיט געגרייזלטע הערלעך, האָט געשריען און זיך געוואַלגערט אין

קויט. אַ געלער ייד, מיט זומער־שפּרינקלעך איבערן גאַנצן פּנים וואָס מאַכן אים ענלעך צו אַ שוואַלבן־איי, האָט אַרויסגעקוקט פון אַ פענסטער. ער האָט מיט יאַנקלען באַלד געריעדט אויף זיין פלאַפּלענדיקער אויסשפּראַך, און אין דער מינוט איז יאַנקל אַריינגעפאָרן אין איינעם אַ הויף. איז איבער דער גאַס דורכגעגאַנגען נאָך אַ ייד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אויך צוגעקלעפּט צום שמועס, און בעת בולבאַ האָט זיך לסוף אַרויסגעדראַפּעט פון הינטער די ציגל, האָט ער געזען, ווי דריי יידן רעדן שוין צווישן זיך מיט גרויס היץ.

יאַנקל האָט זיך צו אים געווענדט און געזאָגט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, אַז זיין אָסטאַפּ זיצט אין דער שטאָטישער תּפיסה, און — הגם ס'איז שווער אָפּצורעדן די שומרים, נאָר, פונדעסטוועגן, האָפט ער אים צו געבן די מעגלעכקייט אויף אַ זעונג.

בולבאַ איז אַריין מיט די דריי יידן אין אַ שטוב.

די יידן האָבן ווידער אָנגעהויבן צווישן זיך צו רעדן אויף זייער אומפאַרש.־ענדלעכן לשון. טאַראַס האָט זיך צו איטלעכן פון זיי צוגעקוקט, און דאַכט זיך, אַז עפּעס האָט אים אַ טרייסלגעטון: אויף דעם גראָבן און גלייכגילטיקן פּנים זיינעם איז אַרויסגעטראָטן אַזאַ צער־פול פלעמל פון האָפענונג — פון דער האָפענונג, וועלכע באַשיצט אָפּטמאָל דעם מענטש פון דער לעצטער מדרגה פון פאַרצווייפלונג, און דאָס אַלטע האַרץ זיינס האָט אָנגעהויבן צוקלאַפּן שטאַרק אַזוי, גראָד ווי ביי אַ יינגנמאַן.

— הערט, יידן! — האָט ער געזאָגט, און אין זיינע ווערטער איז געווען עפּעס התלהבותדיגס. — אַלץ אין דער וועלט קאָנט איר טון, גראָבט אַפילו אויס פון דעק פון ים, און לאַנג זאָגט שוין דאָס שפּריכוואָרט, אַז דער ייד טוט זיך אַליין בעגנבענען, אויב

עס פאַרגלוסט זיך אים נאָר צוגנבענען. באַפרייט מיר מיין אָס-טאַפּן! מאַכט אים מעגלעך צו אַנטלויפן פון די, טייוולשע הענט אָט האָב איך דעם מענטש צוגעזאָגט צוועלף טויזנט רענדלעך—גיב איך צו נאָך צוועלף. אַלצדינג, וואָס עס איז נאָר ביי מיר פאַראַן—די טייערע בעכערס מיט דעם אין דער ערד איינגע-גראָבענעם גאָלד, די הייזקע און דאָס לעצטע מלבוש וועל איך פאַרקויפן און וועל מיט אייך שליסן אַ לעבנס-לאַנגער קאָנטראַקט בתנאי, אַז אַלץ, וואָס איך זאָל נאָר נישט דערווערבן אין דער מלחמה זאָל איך זיך מיט אייך צוטיילן אויף גלייך.

—אָ, מ׳קאָן נישט, געליבטער הער, מ׳קאָן נישט! — האָט יאַנקל מיט אַ זיפץ אַרויסגערעדט.

— ניין, מ׳קאָן נישט! — האָט דער אַנדערער ייד גע-זאָגט.

אַלע דריי יידן האָבן צווישן זיך איבערגעקוקט.

— לאָמיר פּרווון — האָט געזאָגט דער דריטער, קוקנדיק אַ דערשראָקענער אויף די איבעריקע צוויי—קאָן זיין, אַז גאָט וועט העלפן.

אַלע דריי יידן האָבן צווישן זיך געשמועסט אויף דייטש, בולבאַ, גלייך ווי ער וואָלט גאָר די אויערן נישט אויסנעשפּיצט האָט זיך גאָר נישט געקאָנט פונאַנדער געקליבן אין זייערע רייד. ער האָט נאָר אָפט געהערט דאָס אַרויסגערעדטע וואָרט: „מרדכי" און מער גאָרנישט.

— הער אויס!—האָט יענקעל געזאָגט—מען דאַרף זיך באַ-ראַטן מיט אַזאַ מענטש, וואָס אַזעלכער איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. או, או! דאָס איז אַזאַ חכם ווי שלמה, און אויב ער וועט שוין נישט עפּעס אויפטהון, וועט שוין קיינער

אויף דער וועלט דאָס נישט טון. זיך דאָ—אָט איז דער שליסל, און לאָז קיינעם אַהערצו נישט אַריין! —די יידן זענען אַרויס אין גאַס אַריין.

האָט טאַראַס פאַרשלאָסן די טיר און דורכן קליינעם פענסטערל האָט ער אַרויסגעקוקט אין אָט דעם שמוציקן, יידישן געסל. די דריי יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער מיט גאַס, און זיי האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך צו רעדן געגנוג העפטיק. צו זיי האָט זיך גיך צוגעקלעפּט אַ פירטער און ענדלעך—אויך אַ פינפטער. האָט ער פון דאָסניי געהערט דאָס אַלץ איבערחזרנדיקע וואָרט: „מרדכי, מרדכי!” די יידן האָבן אָן אַן אויפהער געקוקט אין איין זייט גאַס אַריין. ענדלעך האָט זיך אין סוף גאַס פון איינעם אַ שמוציקן הייזל אַרויסגעוויזן אַ פיס אין אַ יידישן שוך, און עס האָבן געגלאַנצט די פאַלדן פון אַ האַלב-ראָק.

—אַ, מרדכי! מרדכי! — האָבן אַלע יידן אויסגעשריען אין איין קול.

דער דיקער ייד, וואָס איז אַביסל קירצער פון יאַנקלען, נאָר אַביסעלע מער באַדעקט מיט קנייטשן, מיט אַ צו גרויסער, אויבערשטער ליפ, האָט זיך דערנענטערט צום אומגעדולדיקן עולם, און אַלע יידן האָבן זיך דערוויילע געאיילט אים עפּעס צו דערציילן, בשעת וועלכן מרדכי האָט עטלעכע מאָל געקוקט צום קליינעם פענסטערל, און טאַראַס האָט זיך משער געווען, אַז די רייד גייען דאָ וועגן אים.

מרדכי האָט געמאַכט מיט די הענט, האָט זיך איינגעהערט איז אַריין אין די רייד, האָט אָפט געשפּיגן אָן אַ זייט און, אַוועקמאַכנדיק די פאַלדן פון האַלב-ראָק, האָט ער אַריינגערוקט אין דער טאַש אַ האַנט, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען עפּעס אַזעלכע

קלעפערלעך, ווייזנדיק בשער-מעשה זיינע נ׳זוסע הויזן. צום סוף האָבן אַלע יידן אַזאַ געשריי געטון, אַז דער ייד, וואָס איז גע-שטאַנען אויף דער וואַך, ד׳האָט באַדאַרפט געבן אַ צייכן אויף שטיל-שווייגן, און טאַראַס האָט שוין אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר זיין זיכערקייט, נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז די יידן קאָנען זיך נישט אַנדערש משאל-עצה-זיין, ווי אויף דער גאַס, און אַז זייער שפּראַך וועט אַפילו דער טייוול אַליין נישט פאַרשטיין,— האָט ער זיך באַרויקט.

ס׳איז קיין צוויי מינוט נישט אַוועק, און די יידן זענען שוין אַריין אין שטוב. האָט זיך מרדכי דערנענטערט צו טאַ-ראַסן, האָט אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, און געזאָגט:

—אַז מיר וועלן מיט גאָטס זיין הילף עפּעס טון, וועט שוין זיין אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

טאַראַס האָט אַ קוק-געטון אויף דעם דאָזיקן שלמה, וואָס אַזאַ איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען, און עפּעס אַ האָפענונג האָט זיך צו אים געשפּאַרט. און באמת, זיין אויס-זען האָט אין אים נישט געקאָנט וועקן קיין שום בטחון: די אויבערשטע ליפּ זיינע פּשוט געווען אַ מוראדיקע; איר גרעב האָט זיך, אָן ספק, נאָך פאַרגרעסערט צוליב פאַרשידענע זייטיקע סיבות. אין דער באָרד איז ביי דעם דאָזיקן שלמה געוועזן נאָר פּיפּצען הערלעך, און דאָס נאָך—אויף דער לינקער זייט. אויפן פּנים איז ביי שלמהן געווען אַזויפיל צייכנס פון קלעפּ, וועלכע ער האָט באַקומען פאַר זיין כיטרעקייט, וועמענס חשבון ער האָט שוין, אָן צווייפל, פון לאַנג פאַרלוירן און איז שוין געוואוינט געוואָרן זיי צופאַרעכענען פאַר געבוירענע פלעקן.

איז מרדכי צוזאַמען אַוועק מיט זיינע חברים, וועלכע זע-

נען פול געוואָרן פון התפעלות צוליב דער הכמה זיינער. איז בולבא איבערגעבליבן אַליין. ער האָט זיך געפונען אין אַ מאָד-נער, משונהדיקער לאַגע: צום ערשטען מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט אַן אומרויקייט, זיין נשמה האָט זיך געפונען אין אַ פיבערדיקן צושטאַנד. דאָס איז שוין נישט געווען דער פריערדיקער, שטאָלצער, אומבויגזאַמער, שטאַרקער, ווי אַ דעמב; ער איז געוואָרן ענוותדיק, ער איז איצט שוואַך געוואָרן. ער האָט אויפגעציטערט ביי יעדן שאָרך ביי יעדן יידישן געשטאַלט, וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן אויפן עק גאַס. אין אַזאַ לאַגע האָט ער איבערגעלעבט אַ האַלבן טאָג, און ענדלעך — אַ גאַנצן טאָג; ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, און זיינע אויגן האָבן זיך אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעריסן פונם נישט-גרויסן פענסטערל וואָס גייט אויף דער גאַס אַרויס. לסוף שוין צו אָוונט צו, זע-נען געקומען מרדכי מיט יאַנקלען און דאָס האַרץ איז ביי טאַ-ראַסן ווי אָפּגעשטאָרבן.

—וואָס ? ס׳האָט זיך איינגעגעבן ?—האָט ער זיי געפרעגט מיט דער אומגעדולדיקייט פון אַ פערד.

נאָר נאָך איידער די יידן האָבן זיך אין איין אָטעם גע-קליבן אָפּצוענטפערן, האָט טאַראַס באַמערקט, אַז ביי מרדכין איז שוין געווען דער לעצטער לאָך זיינער, וועלכער האָט זיך תמיד הגם ער איז געווען געגנוג פאַרוואָרלאָזט, אַפויער׳געגרייזלט פון אונטערן היטל אַ פויר. ס׳איז געווען באַשיינפערלעך, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט געזאָגט עפּעס אַזאַ מין אומ-זיניקייט, וועלכע טאַראַס האָט בכל-אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין. יאַנקל אַליין האָט ווידער אָפטמאָל צוגעלייגט אַ האַנט צום מויל גלייך ער וואָלט געליטן פון אַ פאַרקילונג.

—אָ, ליבער הער!—האָט יאַנקל געזאָגט—אַצינד איז לגמרי

ניש̇ט מעגלעך! ביי־גאָט, ווי ס׳איז נישט מעגלעך! אַזאַ שלעכט פאָלק איז דאָס, אַז מ׳דאַרף עס אַ שפּיי טון אין פּנים. זאָל מרדכי זאָגן. מרדכי האָט געטון אַזוינס, וואָס קיין שום מענטש אין דער וועלט האָט דאָס נאָך נישט געטון. נאָר גאָטס ווילן איז נישט געווען דערביי. דריי טויזנט מאַן חיל שטייען, און מאָרגן וועט מען זיי אַלע פאַרטיליקן.

טאַראַס האָט געקוקט אין די יידנס אויגן אַריין, אָבער שוין אָן אומגעדולד אין כעס.

—און אויב דעם פּאַן ווילט זיך מיט אים זען, טאָ דאַרף מען גיין מאָרגן באַגינען, אַזוי, אַז די זון זאָל נאָך נישט האָבן אויפגעגאַנגען. די וועכטער זענען איינשטימיק דערויף, און איין לעווענטאַר האָבן זיי צוגעזאָגט. נאָר לאָז זיי גאָט דאָס נישט שענקען, אוי־ווײ־מיר! וואָס פאַר אַ כיטרע אומה דאָס איז! ביי אונז איז אַזוינס שוין נישט פאַראַן: פופציק רענדלעך האָב איך איטלעכן פון זיי געגעבן, און דעם לעווענטאַר...

—גוט. פיר מיך אַהין!—האָט טאַראַס געזאַגט אַנטשלאָסען, און די גאַנצע האַרטקייט זיינע האָט זיך צו אים צוריקגעקערט.

ער האָט מסכּים־געווען אויף אַנקעלס פאָרשלאַג זיך איבערצוטון פאַר אַ פרעמדלענדישן גראַף, וואָס איז געקומען פון דער דייטשער ערד, צו וואָס דער ווינט־זעענדיקער ייד האָט שוין באַוויזן צוצופּאַסן אַ מלבוש. דאָס איז שוין געווען ביינאַכט. דער בעל־הבית פון דער שטוב, דער בעקאַנטער געלער ייד מיט די זומערשפּרינקלעך, האָט פון ערגעץ אַרויסגעקריגן אַ דיקן מאַטראַץ, וואָס איז געווען אויסגעבעט פון עפּעס אַ ראָגאָזשע, און ער האָט דערפון געמאַכט אַ געלעגער פאַר בולבאַן. יאַנקעל האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, אויך אויף אַזאַ מאַטראַץ.

דער געלער ייד האָט אַראָפּגעלאָזט אַ נישט־גרויסע כּוסה פֿון עפּעס אַ מעסטל, האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם האַלב־ראָק, און—ווערנדיק אין זײַנע שיך־און־זאָקן אַ ביסל ענלעך צו אַ הינדעלע, האָט ער זיך צוזאַמען מיט זיין יידענע אַרײַנגע־לאָזט אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו אַ קליידער־שאַנק. צוויי יידעלעך. ווי צוויי הויזיקע הינטלעך, האָבן זיך אַנידער־געלייגט אויף דער ערד נעבן זעלביקער שאַנק. נאָר טאַראַס איז נישט געשלאָפֿן; ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך און האָט לײַכט געפּויקט מיט די פֿינגער אויפֿן טיש; אין מויל האָט ער גע־האַלטן זיין לולקע און האָט אַרויסגעלאָזט דעם רויך, פֿון וואָס דער ייד האָט גענאָסן און אַרײַנגעשנייצט די נאָז און לייגעך אַרײַן. און קוים וואָס דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריר־צוטון מיט זיין בלייכן באַגינען-שיין, האָט ער שוין יאַנקלען גע־שטויסן מיטן פֿוס.

—שטיי־אויף, ייד, און גיב דיינע גראַפֿלעכע בגדים!

אין איין מינוט האָט ער זיך אָנגעטון; ער האָט אָפּ־געשוואַרצט די וואָנסעס, די ברעמען, האָט אויפֿן קאָפּ אָנגעטון אַ קליין, טונקל היטעלע—און קיינער פֿון די סאַמע נאָנטסטע קאָ־זאַקן זיינע וואָלט אים נישט געקאָנט דערקענען. לויט זיין אויס־זען, איז ער פֿאָרגעקומען נישט מער ווי פֿון אַ יאָר פֿינף און דריי־סיק. אַ געזונטער, רויטער פֿלאַם האָט געשפּילט אויף זיינע באַקן און די העפֿטן אויפֿן פּנים האָבן אים צוגעגעבן עפּעס באַפֿע־לעריש. דאָס אָנטועכץ, וואָס איז געווען באַנייט מיט גאָלד, האָט זיך זייער געפּאַסט צו זיין פּנים.

די גאַסן זענען נאָך געשלאָפֿן. קיין איין טונקל באַשעפֿ־ניש האָט זיך נאָך נישט געוויזן אין דער שטאָט מיט אַ קויבערל אין די הענט. בולבא און יאַנקעל זענען צו געקומען צו אַ גע־

ביידע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זיצנדיקער באָטשאַן. זי איז געווען נידעריק, ברייט, מעכטיק, איינגעשוואַרצט און פון איין זייט האָט נאָך אַרויסגעשטאַרט, ווי דער האַלז פון אַ באָטשאַן — אַ לאַנגער, שמאָלער טורעם, אויף וועלכנס שפּיץ עס איז געלעגן אַ שטיקל דאַך. דער דאָזיקער בנין האָט דערפילט אַ סך התחייבותן: דאָ זענען געווען די קאַזאַרמעס. די תּפיסה און אַפילו דער קרי-מינאַל-געריכט.

זענען אונזערע געסט אַרײַן אין די טויערן און האָבן זיך גלוצלונג געפונען אין אַ גרויסן זאַל אָדער אין אַ באַדאַכטן הויף. אַרום טויזנט מענטשן זענען געשלאָפן צוזאַמען. גלײַך פונם אַרײַנקום איז געווען אַ נידעריקער טיר, ביי וועלכער עס זע-נען געזעסן צוויי וועכטער, וואָס האָבן געשפּילט אין אַזאַ מין שפּיל, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינער האָט דעם אַנדערן געשלאָגן מיט צוויי פינגער אין דער דלאָניע אַריין זיי האָט ווייניק געאַרט זייער אַרײַנקומען, זיי האָבן נאָר אויסגע-דרײַט די קעפּ דאַן, ווען יאַנקעל האָט צו זיי געזאָגט:

—דאָס זענען מיר; הערן, הערן, איר הערט — דאָס זענען מיר.

—גייט אַרײַן! —האָט איינער פון זיי געזאָגט עפענענדיק מיט איין האַנט די טיר, און אונטערשטעלנדיק די צווייטע דעם חבר, כדי צוצונעמען פון אים די קלעפּ.

זיי זענען אַרײַן אין אַ שמאָלן, טונקעלען קאָרידאָר, וועלכער האָט זיי פון דאָסניי אַרײַנגעפירט אין אַזאַ מין זאַל מיט קליינע פענ-סטערלעך אין-דער-הייך.

—ווער גייט? — האָבן עטלעכע קולות אַ געשריי געטון.

און טאַראַס האָט געזען אַ היבשע צאָל זעלנער אין זייער פול-לער באַוואָפענונג.

—אונז איז נישט באַפוילן קיינעם אַריינצולאָזן.

—דאָס זענען!—האָט יאַנקל געשריען—ביי גאָט, ווי מיר, די יאַשנע פּאַנעס!

קיינער האָט זיי נישט געוואָלט הערן. צום גליק, איז פּונקט אָנגעקומען עפּעס אַ גראָבער, וועלכער האָט לויט אַלע סימנים אויסגעוויזן צו זיין דער נאַטשאַלניק, וואָרום ער האָט זיך געבייזערט מער פון אַלע אַנדערע.

—הער, דאָס זענען עס מיר; איר קאָנט אונז שוין אודאי, און דער הער גראַף וועט אייך נאָך דערפאַר שיין באַדאַנקען.
—לאָזט אַדורך, צו הונדערט רוחות דער טייוול מאַמען! און מער קיינעם זאָלט איר נישט אַדורכלאָזן. און די שווערדן זאָל קיינער פון האַנט נישט אַרויסלאָזן און נישט אַנידערלאָליען זיך אויף דער ערד...

דעם סוף פונם רויטשפּראַכיקן באַפעל האָבן אונזערע געסט שוין נישט געהערט.

—דאָס זענען מיר, דאָס בין איך, דאָס זענען אונזערע!—האָט יאַנקל געזאָגט, באַגעגענענדיק זיך מיט יעדן.

—וואָס, מ'קאָן איצט?—האָט ער געפּרעגט איינעם פון די שומרים, בעת זיי זענען ענדלעך צוגעקומען צום אָרט, וואו דער קאָרידאָר האָט זיך געענדיקט.

—מ'קאָן. אָבער איך ווייס נישט, צו מ'וועט אייך אַריינ-לאָזן אין דער טורמע גופא. יאַן איז איצט שוין נישט — אויף זיין אָרט שטייט שוין אַן אַנדערער — האָט דער וועכטער גע-ענטפערט.

—איי, איי!—האָט דער ייד שטיל אַרויסגעמורמלט—דאָס איז ביטער, ליבער הער!

—פּיר!—האָט טאַראַס פּעסט אַרויסגערעדט.

און דער ייִד האָט זיך געפּילט פאַרשולדיקט.

ביי די טירן פון דער תפיסה, וועלכע ענדיקן זיך אין-דער-הייך מיט אַ שפּיץ, איז געשטאַנען עפּעס אַ פּוילענדער מיט וואָנסעס אין דריי פליגלען. דער אויבערשטער וואָנסע-פליגל האָט זיך געשפּאַרט אָן אַ זייט, דער צווייטער — פאָרויס, דער דריטער—אַראָפּ, און דאָס האָט אים געמאַכט זייער ענלעך צו אַ קאַץ.

האָט זיך דער ייִד איינגעבויגן אין דרייען, און איז כמעט זייטיק צו אים צוגעגאַנגען:

—אייער הויכּהייט! הויכגעשעצטער הער!

—דו, ייִד, מיר זאָגסטו עס?

—זייך, הויכגעשעצטער הער.

—המ... איך בין דאָך, פּשוט, אַ לעקיש! — האָט געזאָגט דער דרייפליגלדיקער וואָנסאַטש מיט פריילעכע אויגן.

— און איך ביי גאָט, האָב געמיינט, אַז דאָס איז דער וואָיעוואָדע אַליין, איי, איי, איי!... דער ייִד האָט דערביי גע-דרייט מיטן קאָפּ און צעשפּרייט די פינגער. איי, וואָס פאַר אַ ווילטיקער אויסזען! ביי גאָט, ווי אַ פּולקאָווניק, אַן אמתער פּול-קאָווניק! כאָטש נאָך אויף אַ פינגער צוצוגעבן, און שוין אַ פּול-קאָווניק! מען דאַרף דעם הער גאָר אַרויפזעצן אויף אַ פערדל, אַזאַ געשווינדס, ווי אַ פליג, און זאָל ער מושטירן פּולקן!

האָט דער לעקיש גלייך געמאַכט זיין אונטערשטן פּליגל פון דער וואָנסע און זיינע אויגן האָבן זיך אינגאַנצן צע-שטראַלט.

—וואָס פאַר אַ קריגס-לוסטיק פאָלק דאָס איז — האָט דער ייד מוסיף געווען — אָך, ווי איז מיר, וואָס פאַר אַ גוט פאָלק דאָס איז! שנירעלעך, בלעכעלעך... ווי עס בלישטשעט פון זיי, ווי פון דער זון; און די טעכטער, וואו זיי וועלן באַר דערזען די זעלנער... איי, איי! — און דער ייד האָט ווידער אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

דער לעקיש האָט ווידער אַ דריי-געטון די אויבערשטע וואָנסע און האָט פון צווישן די ציין אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, וואָס איז אַביסל ענלעך צו אַ פערדישן הירזשע.

—כ׳בעט זייער דעם הער וועגן אַ טובה! —האָט דער ייד אַרויסגערעדט—אָט איז געקומען אַ פירשט פון אַ פרעמד לאַנד, און ער וויל אַ בליק-טון אויף די קאָזאַקן. אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער נאָך נישט געזען, וואָס פאַר אַ פאָלק די קאָזאַקן זענען דאָס.

דאָס באַווייזן זיך פון פרעמדלענדישע גראַפן און באַראָנען איז אין פוילן געווען גאָר אַ געוויינלעכע דערשיינונג: זיי זענען אָפטמאָל אַהערצו פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צוליב נייגיריקייט, כדי אַ קוק-צוטון אויף דעם דאָזיקן כמעט האַלב-אַזיאַטישן ווינקל פון אייראָפּע; מאָסקווע און אוקראַינע האָבן זיי געמיינט, געפונען זיך אין אַזיע. דעריבער האָט דער תם, נייגנדיק זיך ביזן גאַרטל, געהאַלטן פאַר דרך-ארצדיק נאָך צוצוגעבן זיינע אַ פּאָר ווערטער:

—איך ווייס נישט, אייער הויכקייט,—האָט ער געזאָגט— צו וואָס איר ווילט זיי זען. דאָס זענען הינט, און נישט קיין מענטשן, און אַן אמונה איז ביי זיי אַזעלכע, וואָס קיינער אַכט זי נישט.

—לייקנסט, דו, טייוולשער זון — האָט בולבאַ געזאָגט—דו אַליין ביסט אַ הונט! ווי אַנטדרייסטו זיך צוזאָגן, אַז מ'אַכפערט נישט אונזער אמונה? דאָס טוט מען אייער כופר־אמונה נישט אַכטן!

—עהע, הע!—האָט דער תם געזאָגט — און איך, פריינט, ווייס, ווער דו ביסט: דו אַליין ביסט פון די, וועלכע זענען שוין ביי מיר. שטיי־זשע, איך וועל אַהער רופן אונזערע.

טאַראַס האָט באַמערקט זיין אומפאָרזיכטיקייט, נאָר די דרייסטקייט און דער פאַרדרוס זיינער האָט אים געשטערט אַ טראַכט צוטון דערפון, ווי אַזוי ער זאָל דאָס צורעכט־מאַכן. צום גליק האָט זיך תיכף יאַנקל צו אים געווענדט.

— הויכגעשעצטער הער! ווי אַזוי קאָן דאָס געשיקט זיין, אַז אַ גראַף זאָל גאָר זיין אַ קאָזאַק? און וואָלט ער געווען אַ קאָזאַק, טאָ פון וואו וואָלט ער באַקומען אַזאַ בגד און אַזאַ גרעפ־לעכן אויסזען?

—דערציי דאָס דיר!...—און דער תם האָט שוין געהאַט אויפגעעפנט אַ מויל, כדי אַ שריי צוטון.

—אייער קעניגלעכע הויכקייט! שווייגט! געדענקט אָן גאָט!— האָט יאַנקל אויסגעשריען.—שווייגט! מיר וועלן אייך הערפאַר באַ־צאָלן, אַזוי, וואָס אַזוינס האָט איר נאָך קיינמאָל נישט געזען: מיר גיבן אייך צוויי גאָלדענע טשערוואָנצעס.

—עהע! צוויי טשערוואָנצעס! צוויי טשערוואָנצעס זענען ביי מיר גאָר נישט: דעם גאָלער גיב איך צוויי טשערוואָנצעס, אַז ער זאָל מיר אָפּגאָלן כאָטש איין האַלבע באָרד. הונדערט טשער־וואָנצעס גיב אַהער, ייד!—האָט דער לעקיש פאַרדרייט די אוי־

בערשטע וואָנסעס—און וועסטו נישט געבן קיין הונדערט גילדע־
בע, גיב איך באַלד אַ געשריי!

—צו וואָס עפּעס אַזויפיל? — האָט פון ביטערניש געזאָגט דער בלאַס־געוואָרענער ייד, צעעפנדיק זיין לעדערן זעקעלע, אָבער ער איז געווען גליקלעך, וואָס אין זיין בייטעלע איז גראָד מער נישט געווען און וואָס דער תם האָט מער, ווי ביז די הונדערט נישט געקאָנט ציילן.

—הער, הער! לאָמיר גיכער אַוועקגיין פון דאַנען! איר זעט דאָך וואָס פאַר אַ שלעכטע אומה דאָס איז!—האָט יאַנקל געזאָגט באַמערקנדיק, ווי דער חברה־מאַן האָט צוגענומען דאָס געלט און גראָד ווי עס וואָלט אים געווען עפּעס אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך נישט געהייסן מער געבן.

—וואָס איז דאָס מיט דיר, טייוולשער תם — האָט בולבאַ אַרויסגערעדט—געלט האָסטו גענומען און פון ווייזן טראַכסטו צו מאָל נישט? ניין, דו האָסט באַדאַרפט ווייזן. בעת דו האָסט שוין דאָס געלט אין דער האַנט, האָסטו אַ צינד שוין נישט קיין רעכט אונז אָפּצוזאָגן.

— גייט, גייט צום טייוול!... אויב נישט, וועל איך אייך באַלד ווייזן, און איר זענט נאָך דאָ?... טראָגט זיך גיכער אָפּ אויף אייערע פיס, זאָג איך אייך!

—הער, הער! מיר וועלן גיין, ביי גאָט, ווי מיר וועלן גיין! אַ צרה אויף זיי! זאָלן אַלע בייזע חלומות אויסגיין צו זייערע קעפּ!—האָט דער אָרימער ייד אויסגעשריען.

בולבאַ האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט און אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, איז ער צוריק געגאַנגען, באַגלייט פון יאַנקלס פאַר־וואורפן, ווען דאָס האַרץ איז אָפּגעגעסן געוואָרן ביים געדאַנק,

אַז ער האָט אומזיסט אָנגעוואוירן די הונדערט רענדלעך.

—און צו וואָס נאָך אין זיין אָנרירן! זאָל ער זיך דאָרט, דער הונט, אַליין אָנקרענקן! דאָס איז שוין אַזאַ פאָלק, וואָס קאָן זיך נישט אַרומרייסן! אָך, ווי איז מיר, ס'אַראַ גליק גאָט שיקט די מענטשן! הונדערט טשערוואָנצעס נאָר פאַר דעם, אַז ער זאָל אונז נאָך אַרויסטרייבן און אונזער אַ ברודער: אים וועט מען די פאהלעך אויסרייסן, און פון דער באָרד וועט מען אים מאַכן אַזוינס, אַז מ'זאָל אויף איר נישט קאָנען אַ קוק טון, און קיינער וועט קיין הונדערט רענדלעך נישט געבן. אָ, גאָט מיינער! באַרם־הערציקער גאָט!

נאָך דאָס דאָזיקע אומגליק האָט גיכער געהאַט די השפעה אויף בולבאַן: זי האָט זיך אויסגעדרוקט אין אַן עסנדיקן פלאַם אין זיינע אויגן.

—מיר וועלן גיין!—האָט ער אינדעם געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט אויפגעציטערט— מיר וועלן גיין אויפן מאַרק אַרויף. איך וויל זען, ווי מ'וועט אים פייניקן.

—אוי, הער! צו וואָס דאָס אַהינגיין דאָרט? דאָס וועט דאָך אונז שוין גאָר נישט העלפן.

—מיר וועלן גיין!—האָט בולבאַ פעסט אַרויסגערעדט, און דער ייד האָט אַ זיפץ־טועַנדיק ווי אַ ניאַנקע, אים געַנומען נאָכ־גיין.

דעם מאַרק, אויף וועלכן עס האָט געדאַרפט אויסגעפירט ווערן דער משפט, איז נישט שווער געווען אויסצוגעפינען: פאָלק האָט אַהער געשטראָמט פון אַלע זייטן. אין יענער גראָבער צייט איז דאָס דאָזיקע געווען דאָס אינטערעסאַנטע שוישפיל נישט נאָר פאַר די טונקעלע מאַסן, נאָר אויך פאַר די העכערע ספערען.

אַ רוב זקנות, די סאַמע פרומסטע, אַ סך יינגע מיידלעך און פרויען, די סאַמע שרעקעדיקע, ווען ס'האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם געחלומט פאַרבלוטיקטע מתים, שרייענדיקע פון ווייטיק אַזוי הויך, ווי דאָס קאָן נאָר אַ שכורער הוזאַר — זיי האָבן אָבער, פונדעסטוועגן, נישט געמאַכט דערפון קיין נייגיריקייט.

— אַך, וואָסערע יסורים! — האָבן אַ סך פון זיי געשריען פון היסטאָרישן קדחת, שליסנדיק די אויגן און ערקלערנדיק זיך, אָבער פונדעסטוועגן זענען זיי טיילמאָל אָפּגעשטאַנען צו גענוג צייט.

אַן אַנדערער ווידער, האָט דאָס מויל צעעפנט, די הענט אויסגעצויגן פאָרויס און ער וואָלט געוואָלט אויף אַלעמענס קעפּ אַרויפשפּרינגען, כדי אַזויערנאָך בעסער צו זען. פון המון מיט שמאָלע, קליינע און געוועגלעכע קעפּ האָט אַרויסגערוקט זיין גראָבע פנים דער קצב; ער האָט זיך צום גאַנצן פּראָצעס צוגעקוקט מיט אויגן פון אַ בקי און זיך איבערגעשמועסט אויף איינזילביקע ווערטער מיטן פּאָליציי-מייסטער, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר זיינעם אַ ידיד, וואָרום אין אַ חגא-טאָג פלעגט ער זיך צוזאַמען מיט אים אין איין שענק אָנשכורן. נאָך אַנדערע האָבן זיך מתוכח-געווען מיט היץ, און נאָך אַנדערע האָבן זיך אַפילו געוועט. נאָר דער גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פון די וועלכע קוקן שטענדיק אויף דער גאַנצער וועלט און אויף אַלץ, וואָס עס קומט אין איר פאָר, מיט אַ ציפּנדיקן פינגער אין דער נאָז. אויפן פאָדערשטן פּלאַן, נעבן די סאַמע וואָנסאַטשעס, וועלכע בילדן די פּאָליציי-גוואַרדיע, איז געשטאַנען אַ יינגער פּריץ, אָדער גאָר אַזאַ, וואָס האָט נאָר אויסגעזען, ווי אַ פּריץ, אין אַ קריגס-קאָסטיום, וועלכער האָט שליסלעך, אויף זיך אָנגעטון אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט, אַזוי, אַז אין זיין שטוב איז אי-

בערגעבליבן נאָר אַ צעריסן העמד מיט אַלטע שטיוול. ביי אים אויפן האַלז זענען איינס איבער ס'אַנדערע געהאָנגען צוויי קיי־טעלעך מיט עפּעס אַ דוקאַט. ער איז געשטאַנען מיט זיין ליב־סטער יוזישאַ, און האָט זיך אָן אויפהער אומגעקוקט, אַז ס'זאָל אימיצער איר זיידן קליידל נישט איינריכטן. ער האָט איר אַלץ פאַרטייטשט אַזוי, אַז מ'האָט שוין, שליסלעך, גאָר נישט געקאָנט צוגעבן:

— אָט דאָס, נשמהלע יוזישאַ—האָט ער איר געזאָגט—דער גאַנצער עולם, וואָס איר זענט דאָ, איז אַהערגעקומען זען, ווי אַזוי מ'וועט הרגענען די פאַרברעכער. און אָט דער, נשמהלע, וועלכן איר זעט, ער האַלט אין דער האַנט אַ האַק און אַנדערע אינסטרומענטן — אָט דער איז דער שוחט און ער וועט ממיתן, און אַז ער וועט אָנהייבן צו רעדלען און אַנדערע וועלן גע־מען דורסן, וועט דער פאַרברעכער נאָך לעבן, נאָר אַז מ'וועט אים דעם קאָפּ אָפּהאַקן וועט ער שוין, נשמהלע, שטאַרבן. אין אָנהייב וועט ער שרייען, וואַרפן זיך, נאָר אַזוי ווי מען וועט אים דעם קאָפּ אָפּהאַקן, וועט ער שוין נישט קאָנען: נישט שרייען, נישט עסן, נישט טרינקען, אַלץ דערפאַר, וואָס ביי אים, נשמהלע, וועט שוין נישט זיין דער קאָפּ.

און יוזישאַ האָט דאָס אַלצדינג אויסגעהערט מיט מורא און נייגיר. די דעכער פון די הייזער זענען איינגאַנצן געווען פאַרפלייצט פון מענטשן. פון פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט משונה־דיקע פּנימער מיט וואָנסעס און אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענ־לעך צו טשעפּיקלעך. אויף באַלקאָנען, אונטער חופּות, איז גע־זעסן די אַריסטאָקראַטיע. אַ גוט הענטל פון אַלאַכנדיקער, בליש־טשענדיקער ווי ווייסער צוקער, פריילין, האָט זיך געהאַלטן פאַר די פּערל. הויכגעשטעלטע הערן, גענוג פעטע, האָבן געקוקט מיט

גרויס וויכטיקייט. אַ כלאָפּ אין אַ גלאַנציקן אַנצוג, מיט אויף אַ הינטער פֿאַרוואָרפֿענע אַרבל האָט דאָ אַרומגעטראָגן פֿאַרשידענע געטראַנקען און עסנוואַרג. אָפּטמאָל האָט אַ שטיפֿערן, אַ שוואַרצאויגיקע, כאַפּנדיק מיטן ליכטיקן הענטל איר דאָס קיכל מיט די פֿרוכטן אַרײַנגעוואָרפֿן צווישן המון. דער עולם אויסגעהונגערטע ריטער האָבן אונטערגעשטעלט זייערע היטלען, כדי דאָס אונטערצוכאַפּן—אין דעם האָט עפּעס אַ הויכער שליאַכטשיץ, אַרויסרוקנדיק זיך פֿונם המון מיטן קאָפּ, ער איז געווען אָנגעטון אין אַן אָפּגעשאָסענעם, רויטן מאַנטל מיט שוואַרצגעוואָרענע גאָלדשנורן—האָט ער דאָס, אַ דאַנק זײַנע לאַנגע הענט אונטערגעכאַפּט דער ערשטער, עס צוגעדריקט צום האַרצן, און ערשט נאָכדעם אַרײַנגעלייגט אין מויל. אַ פֿויגל, הענגענדיק אונטערן באַלקאָן אין אַ גאָלדענער שטייג, איז אויך געווען אַ צושויער: פֿאַרבײַגנדיק אָן אַ זייט די נאָז און אויפֿהייבנדיק אַ פֿוס, האָט ער, פֿון זײַן זייט, אויך גענוג אויפֿמערקזאַם זיך צוגעקוקט צום עולם. דער המון האָט אָבער אין דעם אויפֿגעטומלט, און פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט קולות:

—מ׳פֿירט זיי! מ׳פֿירט זיי! קאָזאַקן!

זיי זענען געגאַנגען מיט די גאָלע קעפּ, מיט לאַנגע טשופּרינעס און די בערד זענען בײַ זיי געווען פֿאַרלאָזטע. זיי זענען געגאַנגען נישט איבערגעשראָקן, נישט טרויעריק. נאָר מיט עפּעס אַזאַ שטילן שטאָלץ; זייערע קליידער. וואָס זענען געווען גענייט פֿון טייערן שטאָף האָבן זיך אויף זיי אויפֿגעטראָגן און געשאָרכט ווי נעבעכדיקע טראַנטעס; זיי האָבן נישט געקוקט און נישט געגרוסט צום פֿאָלק.

פֿאָרויס זיי איז געגאַנגען אָסטאַפּ.

וואָס האָט ער דערפילט, דער אַלטער טאַראַס, דאַמאָלס, בעת ער האָט געזען זײַן אָסטאַפּ? וואָס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אין זיין האַרצן? ער האָט אויף אים געקוקט פון דער מאַסע אַרויס און האָט נישט אויסגעמיטן נישט צו זען קיין איין באַוועגונג זיי־נע. זיי האָבן זיך שוין דערנענטערט צום גריכטס־פּאַלאַץ. אָסטאַפּ איז שטיין געבליבן. אים איז דעם ערשטן אויסגעקומען צוטרינקען דעם דאָזיקן שווערן בעכער. ער האָט געקוקט אויף די זייניקע, אַ האנט אויפגעהויבן אין דער הייך, און האָט הויך אויפן קול אַרויסגערעדט:

—גיב־זשע, גאָט, אַז די אַלע כופרים, וואָס שטייען אָט־אָ־דאָ; ס'זאָלן נישט דערהערן אָט די אומווירדיקע, ווי עס מאַטערט זיך אַ קריסט! קיין איינציקער פון אונז זאָל קיין איין וואָרט נישט אַרויסרעדן!

נאָך דעם דאָזיקן האָט ער זיך דערנענטערט צום עשאַפאָט.

—גוט, זונעלע, גוט! — האָט בולבא שטיל אַרויסגערעדט און אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט זיין גראָען קאָפּ.

דער תלין האָט פון אים אַראָפּגעריסן זיינע שליאַבריקע שמאטעס; מ'האָט אים געבונדן די הענט און די פיס אין ספּעציעל דערצו געמאַכטע הייזלעך, און... מיר וועלן דעם לייענער נישט פאַראומערן מיטן בילד פון די גהינומדיקע יסורים, פון וועלכע די האָר וואָלטן זיך זיי געשטעלט קאַפּויר. דאָס זענען געווען די לייבלעכע קינדער פון דער דאַמאָלסטיקער גראָבער און אַכזריות־דיקער צייט, בעת דער מענטש האָט נאָך געפירט זיין בלוטיק לעבן רק פון די קריגערישע קאַמפן, און ער האָט זיך דערמיט פאַרפרעסן די נשמה, נישט פילנדיק צו מאָל קיין מענטשלעכקייט. אומזיסט האָבן אייניקע, זעלטענע אויסנאַמען פון דער צייט זיך

אנטקעגענגעשטעלט יענע מיאוסע בעגריפן. אומזיסט האָט דער קעניג און אַ סך ריטער, וואָס זענען געווען באַשאָנקען מיט חכמה און נשמה, באַוויזן, אַז אַזאַ ענלעכע אַכזריות פון שטראָף קאָן גאָר אויפבערענען דאָס נקמה־געפיל פון דער קאָזאַקישער נאַציע. אָבער די שליטה פונם קעניג און די מיינונגען פון די חכמים איז געווען גאָרנישט אַקעגן דער אומאָרדענונג און דעם עקשנות־דיקן ווילן פון די קיסרלעכע שרים, וועלכע האָבן מיט זייער נישט באַדענקען זיך, אומבאַגרייפלעכער פרעמדקייט צו יעטווע־דער איינציקער, ברייטערער השגה, מיט דער קינדערישער זעלבסט־ליבע און נישטיקער שטאָלצקייט פאַרביטן דעם סיים אויף אַ חוזק פון אַ רעגירונג.—אָסטאַפּ האָט איבערגעטראָגן די פּייניקונ־גען, די אַכזריות, ווי אַ ריז. נישט קיין געשריי, נישט קיין קרעכץ, איז געהערט געוואָרן אַפילו דאַמאָלס, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן אי־בערצוהאַקן די ביינער פון זיינע הענט און פיס, בעת זייער אימהדיקער טראַסק האָט זיך שוין געהערט צווישן דעם טויטן־עולם פון ווייטע צושויער, בעת די מיידלעך האָבן זייערע אויגן געעפנט—גאָרנישט, אַפילו אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו אַ קרעכץ, איז פון זיין מויל נישט געהערט געוואָרן, זיין פּנים האָט זיך קיין קרום געטון.

טאַראַס איז געשטאַנען אין דער מאַסע מיט אַן אַראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ און אין דער זעלבער צייט, מיט שטאָלץ־אויפגע־הויבענע אויגן, און ווי מיט צופרידנקייט האָט ער אַרויסגע־רעדט:

— גוט אַזוי, זונעלע, גוט אַזוי!

אָבער בעת מ׳האָט אים צוגעפירט צו די לעצטע, שטערב־לעכע יסורים, האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי זיינע כחות האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערגעבן. און ער האָט אַ פיר־געטון מיט די אויגן

אַרום זיך: גאָט! אַלץ אומבאַקאַנטע, פרעמדע פּנימער! וואָלט
כאָטש אימיצער פון זיינע נאָנטע דאָ געווען ביי זיין טויט! דאָס
קרעכצן און דאָס שברת־הלב פון דער שוואַכער מאַמען, אָדער
דאָס זיגלאָזע יאָמערן פון אַ פרוי, וואָס רייסט זיך די האָר און
שלאָגט זיך אין דער ווייסער ברוסט אַריין, וואָלט ער איצט נישט
געוואָלט הערן; ער וואָלט אַצינד געוואָלט דערזען אַ האַרטן מאַנס
פּערשוין וועלכער זאָל אים מיט זיינס אַ שכלדיקן וואָרט אָפּפרישן
און דערפרייען אים ביי זיין סוף. און ער איז אַנידערגעפאַלן
אויסרופנדיק אין נשמהדיקער מאַכטלאָזיקייט:

—פאָטערל, וואו ביסטו? הערסטו כאָטש דאָס אַלצדינג צו?..

—איך הער!—האָט אָפּגעהילכט פון צווישן דער אַרומיקע־
שטילקייט, און אַ גאַנצע מיליאָניקע מאַסע האָט מיטאַמאָל אַ צי־
טער־געטון. אַ טייל פון די מיליטער־רייטער האָט זיך תיכף גע־
וואָרפן צו באַטראַכטן די מאַסן פון פאָלק.

יאַנקל איז בלאַס־געוואָרן ווי דער טויט; און בעת די ריי־
טער האָבן זיך שוין געהאַט פון אים אַביסל דערווייטערט, האָט
ער, אַ דערשראָקענער, זיך אויסגעדרייט, כדי צו זען טאַראַסן,
באָר טאַראַס איז שוין נעבן אים נישט געווען—אַפילו דער שפּור
זיינער איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

XII

עס האָבן זיך אויפגעזוכט טאַראַס שפורן. הונדערט און צוואַנציק טויזנט מאַן קאָזאַקיש חיל האָט זיך באַוויזן אויף די גרעניצן פון אוקראַינע. דאָס איז שוין נישט געווען עפּעס אַ קלייגער טייל אָדער אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויס נאָך זאַק־רויב אָדער אַניאָגן די טאַטער. ניין, עס האָט זיך אויפגעהויבן דאָס גאַנצע פאָלק, דען עס זענען איבערפולט געוואָרן די יסורים פונם פאָלק, — האָט עס זיך אויפגעהויבן, כדי זיך נוקם צו זיין פאַר דער אויסשפּעטונג פון אירע רעכטן, פאַר די שענדלעכע דערנידערונגען פון זייערע מדות, פאַרן באַליידיקן די אמונה פון די אָבות און דעם הייליקן מנהיג, פאַרן מביש־זיין די צערקווע, פאַרן פוגע־בכבוד זיין שרים פון פרעמדע ערדן, פאַר די בגישות, פאַר דער אוניע, פאַר דער מיאוסער ממשלה פון די יידן אויף דער קריסטלעכער ערד — פאַר אַלצדינג, וואָס האָט אונטערגעגראָבן און פון אַלטע צייטן אָן פאַרטאָפּלט דעם שטרענגן, קאָזאַקישן האַס.

דער ייִנגער, נאָר שטאַרקער אין גייסט, העטמאַן אָסטראַניצא האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אומצייליקער, קאָזאַקישער מחנה. נעבן אים איז געווען צו זען אַן אַלטן, געניטן חבר זיינעם מיט דעם בעל-יועץ גוניאַ. אַכט פּולקאָווניקעס האָבן געפירט צוועלף-טויזנטדיקע פּולקן. צוויי גענעראַל-קאָמאַנדירן און אַ גענעראַל-געהילף זענען געפאָרן באַלד הינטער די העטמאַנעס. אַ גענעראַל-כאָראָנזשע האָט אַרויסגעפירט דעם הויפּט-פּאָן, און נאָך אַ סך אַנדערע פענער האָבן געפלאַטערט אין דער לופט. עס זענען דאָ געווען אַ סך פּולק-ראַנגעס: פור-מיליטער, זעלנער-חברים, פּולק-שרייבער, און מיט זיי — פוס-גייער און רייטער-אָפּטיילונגען, כמעט אַזויפיל, וויפיל ס'זענען געווען פאַרשריבענע קאָזאַקן. האָבן זיך נאָך פאַרזאַמלט אַזעלכע, וואָס זענען געקומען נישט גערופענערהייט מיט אייגענע וואָפן און פרייוויליקע. פון אומעטום זענען געקומען קאָזאַקן: פון טשיגירין, פון פּערעיעסלאַוו, באַטורין, גלוכאָוו, פון אונטערשטן ברעג פון דניעפּר, און פון זיינע אַלע אויבערשטע טיילן און אינדזלען. פערד אָן אַן אויסלאָז און אומצייליקע לאַגערן פון פורן האָבן זיך געצויגן איבער די פעלדער. און צווישן די דאָזיקע קאָזאַקן, צווישן די זעלביקע אַכט פּולקן, איז געווען איינע, אַן אויסדערוויילטע, און מיט דעם דאָזיקן פּולק האָט אָנגעפירט טאַראַס בולבאַ. מיט אַלצדינג האָט ער איבערגעשטיגן די אַנדערע: סיי מיט די עלטערע יאָרן, סיי מיט דער געניטקייט, סיי מיט דער חכמה פון פירן זיין פּולק און מיט זיין שטאַרקסטן האַס צו די פיינט. אפילו די קאָזאַקן אַליין האָבן באַמערקט זיין אומדערבאַרעמלעכן צאָרן און אַכזריות. נאָר דאָס פייער און די תליה האָט זיין גראָען קאָפּ געמאַכט אַזוי אַנטשלאָסן, און זיין עצה אין מיליטער-ראַט האָט תמיד געאָטעמט מיט פאַרניכטונג.

מ׳דאַרף נישט צובאַשרייבן די אַלע שלאַכטן, וואו די קאָזאַקן האָבן זיך באַוויזן, און נישט אַלצדינג פון דער קאַמפּאַניע־מאַרשרוט איז גראַנדיעז — דאָס אַלצדינג איז צו־ריינגעטראָגן געוואָרן אין די בלעטער פון דער געשיכטע. ס׳איז באַוואוסט, וואָסערע מלחמה ס׳איז אויף דער רוסישער ערד געפירט־געוואָרן פאַר דער אמונה, און נישטאָ שוין קיין שטאַרקערע אמונה. אומצעברעכלעך און מוראדיק איז זי, ווי אַ נישט פון מענטשן־הענט געשאַפענער פעלדז צווישן דעם שטורמישן, תמיד זיך בייטנדיקן ים, פון דער ים־טיפעניש הייבט זי צו די הימלען אויף אירע אומצעברעכבאַרע ווענט, וואָס זענען אינגאַנצן באַשאַפן געוואָרן פון אומפאַרלעצטע, האַרטע שטיינער. פון אומעטום איז זי צוזען, און זי קוקט גלייך אין די אויגן פון די פאַרבאַלויפנדיקע כוואַליעס. און ווי איז צו דער שיף, וואָס שטויסט זיך אויף איר אָן! אין שפּענדלעך צעפליען אַלע אירע שוואַכע שיף־ווערק, זי טרענקט זיך און ס׳ברעכט זיך אויף אַש און שטויב אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר אין איר פאַראַן, און מיט אַן אומקומענדיקן קלאָג־געשריי ווערט די גאַנצע דערשיטערנדיקע לופט פאַרטייבט.

אין די בלעטלעך פון דער כראָניק ווערט פאָרגעשטעלט בפרטית, ווי אַזוי די פּוילישע גאַרניזאָנען זענען געלאָפן פון די באַפרייטע שטעט; ווי עס זענען אויפגעהאָנגען־געוואָרן די געוויסנלאָזע יידן־אַרענדאַטאָרן; ווי שוואַך עס איז געווען דער געקרוינטער העטמאַן ניקאָלאַי פּאָטאָצקי מיט זיין פיל־צאָליקער אַרמעע אַקעגן דעם דאָזיקן אומבאַזיגבאַרן כח; ווי אַזוי ער האָט אַ צעקלאַפּטער, אַ גערודפטער, אין זיין נישט־גרויסן טייכל דערטרונקען די בעסטע טייל פון זיין מיליטער; ווי אַזוי עס האָבן אים אַרום דער קליינעם שטעטל פּאָלאָנע אַרומגערינגלט די גרויזאַמע קאָזאַקן־פּולקן, און ווי אַזוי דער פּוילישער העטמאַן האָט,

אַן אַריינגעפירטער אין דער קלעם, פייערלעך מבטיח־געווען אַ פולע באַפרידיגונג מצד דעם קיסר און די קייסערלעכע שרים—צוריקצוגעבן אַלע פריערדיקע געזעצן און רעכטן. אָבער די קאָזאַקן זענען נישט פון די, וואָס זאָלן דערויף איינגיין: זיי האָבן שוין געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס אַ פוילישע שבועה, ..ון פאָטאָצקי וואָלט זיך שוין מער נישט געהנדלט אויף זיין זעקס־טויזנדיקן פערדל, רייצנדיק דאָס אויג פון באַקאַנטע פריילײנס און וועקן די קנאה פון אַדל־שטאַנד; ער וואָלט שוין מער נישט גערוישט אין די סיימען, פראַוונדיק ברייטע מאָלצייטן פאַר די סענאַטאָרן,—אויב עס וואָלט אים נישט מציל־געווען דאָס רוסישע גייסטלעכטום, וואָס האָט זיך גראָד געפונען אין שטעטל, בעת עס זענען אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אַלע פאָפּן, אָנגעטוענע אין הייליקע, גאָלדענע טאָגעס טראָגנדיק איקאָנעס מיט קרייצן, און פאָרויס פאַר אַלע איז געגאַנגען דער בישאָף מיט אַ צלם אין האַנט און אין אַ פאַסטאָרישן ד־היטעלע אויפן קאָפּ, — האָבן אַלע קאָזאַקן די קעפּ געבויגן און אַראָפּגענומען די היטלען. אין יענער צייט וואָלטן זיי אַוודאי פאַר קיינעם נישט געהאַט קיין דרך־ארץ, סיידן פאַרן קיסר אַליין; אָבער אַקעגן דער אייגענער, קריסטלעכער צערקווע האָבן זיי זיך נישט אַנדרייסט, און זיי האָבן בכבוד־געהאַלטן זייערע גייסטלעכע. האָט דער העטמאַן, צוזאַמען מיט די פולקאָווניקעס מסכים געווען אָפּצולאָזן פאָטאָצקין, נעמענדיק פון אים אַ פייערלעכע שבועה, אַז ער וועט באַפרייען אַלע קריסט־לעכע צערקוועס, צופאַרגעסן די אַלטע פיינטשאַפט און קיין שום באַליידיקונג נישט אָנטון דעם קאָזאַקישן חיל. נאָר איין פולקאָווניק איז נישט מסכים־געווען אויף אַזאַ שלום, און דער איינער איז געווען—טאַראַס. אַ פאַסמע האָר האָט ער זיך פון זיין קאָפּ אויסגעריסן און אויסגעשריען:

—העי, ה׳טמאַן און פולקאָווניקעס! באַגייט נישט אַזאַ ווייבעריש נאַרישקייט! גליִיבט נישט די ליאַכעס! זיי וועלן זיך פאַרקויפן, די פשאַ־יוכעס!

און בעת דער פולק־שרייבער האָט אויפגעשריבן דעם אָפּמאַך און דער העטמאַן האָט צוגעטון זיין מעכטיקע האַנט, האָט ער פון זיך אַראָפּגענומען דעם ריינעם שטאָל־שטיק, די טייערע, טערקישע שווערד, וועלכע איז געמאַכט־געוואָרן פון ערשטן־בעסטן אייזן. ווי אַ ריטל האָט ער זי צובראָכן אין צווייען, און איינצלווייז ביידע שטיקער ווייט אַוועקגעוואָרפן, זאָגנדיק:

—זייט־זשע, געזעגנט! פונקט אַזוי ווי די צוויי עקן פון דער דאָזיקער שווערד וועלן זיך שוין נישט פאַראייניקן און וועלן שוין קיין גאַנצע שווערד נישט ווערן, אַזוי וועלן מיר, חברים, אויף דער וועלט זיך שוין נישט זען! געדענקט־זשע מיינע לעצטע ווערטער... (דערביי איז זיך זיין שטים צעוואַקסן, זיך אויפגעהויבן העכער, האָט אָנגענומען אַן אומזעבאַרע קראַפט, און אַלע זענען טרויעריק געוואָרן ביי די נביאישע רייד: פאַר דער צייט פון אייער טויט, וועט איר מיך דערמאָנען: פון דיין קאָפּ, העטמאַן, וועט מען די הויט אַראָפּרייסן, מ׳וועט אים אָנפילן מיט גערשטענע געקעכטס, און לאַנג וועט מען אים אַזוי זען אויף אַלע יאַרידן! אויך איר, הערן, וועט שוין דערפון נישט פאַרמיטן ווערן מיט אייערע קעפּ! איר וועט פאַרפאַלן ווערן אין די פייכטע קעלערן, וואָס זענען פאַרמויערט אין שטייבערנע ווענט, אויב מ׳וועט אייך נאָר לעבעדיקערהייט נישט אַריינוואַרפן ווי די שעפּסן, אין קעסלען, און אייך אָפּקאָכן.

—און איר, יינגלעך!—האָט ער פאָרטגעזעצט, ווענדענדיק זיך צו די זייניקע—ווער פון אייך עס וויל שטאַרבן מיט זיין טויט—נישט הינטערן אויוון און אויף די ווייבערישע געלעגערס,

נישט שכורע הינטער אַ פּלויט פון אַ שענק, וואָס איז ענלעך צום טויט פון יעדער נבלה—נאָר מיט אַ בכבודן, קאָזאַקישן טויט, אַלע אויף איין געלעגער, ווי אַ באַווייבטער מיט זיין ייבגפרוי? אָדער, אפשר ווילט איר זיך אומקערן אַהיים, און צוריק-קערן זיך צו אומגלייביקע און האָבן אויף אייערע פּלייצעס צוטראָגן די פּוי-לישע קשיאָנדזעס?

— מיט דיר ווען מיר גיין, הער פּולקאָווניק! מיט דיר!— האָבן אויסגערופן אַלע, וואָס זענען געווען אין טאַראַסעס פּולק, און צו אים זענען געקומען נישט ווינציק אַנדערע.

—אויב מיט מיר, טאָ זאָל זיין מיט מיר! — האָט געזאָגט טאַראַס, אַרויפרוקנדיק זיך דאָס היטל טיפער אויפן קאָפּ. ער האָט אַ שטרענגן קוק געטון אויף אַלע איבערבלייבנדיקע, האָט זיך אַרויפגעריטן אויף זיין פערד און אויסגעשריען אויף זיינ שטייגער :

— וואָס, ס'וועט דאָך קיינער נישט האָבן קיין פאַריבל!— אַ, נו, היידאַ, יינגלעך, אין געסט צו די קאַטאָליקן!

באַלד נאָכדעם האָט ער אַ קלאַפּ-געטון דעם פערד און נאָך אים האָט נאָכגעצויגן אַ צוג פון הונדערט וועגענער. מיט אים זענען געווען אַ סך קאָזאַקישע רייטער, פוס-גייער, און אויסדריי-ענדיק זיך, האָט ער מיט זיין בליק געוואָרנט אַלע איבערגע-בליבענע : און אַ נישט-צאָרנדיקער איז געווען זיין בליק. קיי-נער האָט זיי נישט געוואָגט אָפּצושטעלן. לויטן מוסטער פונם גאַנצן מיליטער איז אַוועק דאָס פּולק, און נאָך לאַנג נאָכדעם, האָט זיך טאַראַס אומגעקוקט און געדראָעט.

טרויעריק זענען זיי געשטאַנען דער העטמאַן מיט די פּול-קאָווניקעס, אַלע האָבן זיי זיך פאַרטראַכט און לאַנג געשוויגן,

גראָד ווי זיי וואָלטן געווען באַשווערט פון עפּעס אַ שווער פּאָר־געפיל. נישט בחנם האָט זיי טאַראַס נביאות־געזאָגט: אַלץ איז טאַקע געווען אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט. נישט לאַנג נאָך דער בגידה הינטער קאַנעווע, איז אויף שטיקער צעריסן געוואָרן דער קאָפּ פון העטמאַן צוזאַמען מיט פיל פון די השובסטע שרים.

און וואָס מיט טאַראַסן? טאַראַס האָט מיט זיין פולק גע־הוליעט איבער גאַנץ פוילן. ער האָט אונטערגעצונדן אַכצן שטעט־לעך, קרוב פערציק קאָשטשאָלן און ער איז שוין געגאַנגען אויף קראָקע. ער האָט אויסגעהרגעט אַ סך פונם אַדל־שטאַנד, האָט בארויבט די רייכסטע און בעסטע פּאַלאַצן; די קאָזאַקן האָבן אויפ־געזיגלט און איבער דער ערד צעגאָסן אַלטן האָניק און ווייַן, וואָס זענען אַזוי זאָרגפול געהיטן געוואָרן אין די הערשאַפטלע־כע קעלערן. זיי האָבן חרוב געמאַכט און פאַרברענט טייערע חורות, מלבושים און חפצים, וואָס האָבן זיך געפונען אין די שאַצקאַמערן.

— האָט אויף גאָר נישט קיין רחמנות! — האָט טאַראַס גע־האַלטן אין איין איבערחזרן.

ס'איז זיי נישט געווען, די קאָזאַקן, קיין נפקא־מינה פון שוואַרצבבעמיקע פרייליינס, צי ווייסבריסטיקע, בלאָנד־האָריקע מייד־לעך; ביי די סאַמע אַלטאַרן האָבן זיי זיך נישט געקאָנט ראַטע־ווען: צוזאַמען מיט די אַלטאַרן האָט זיי טאַראַס פאַרברענט. נישט איין פּאָר שניי־ווייסע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט פון די פייער־פלאַמען צו די הימלען, יאָמערנדיק מיט שרעקלעכע קולות פון וואָס די רויע ערד וואָלט אַודאי גערירט געוואָרן, און דאָס סטעפּ־גראָז וואָלט פאַרדאַרט געוואָרן פונם צער. נאָר עס האָבן דאָס נישט געהערט די אַכזריותדיקע קאָזאַקן, און אויפהייבנדיק אויף די גאַסן מיט די שפּיזן זייערע בחורים, האָבן זיי צוגע־

וואָרפן אין די פלאַמען אַריין.

— דאָס איז אייך, פאַרהאַסטע ליאַכעס, אַ זכר נאָך אָסטאַפּן! — האָט טאַראַס געהאַלטן אין איין מורמלען.

און אַזעלכע הזכרות נאָך אָסטאַפּן האָט ער געפּראַוועט אין יעדן ישוב ביז דאַן, ווי לאַנג די פּוילישע רעגירונג האָט נישט דערזען, אַז טאַראַסעס שריט זענען געווען עפּעס מער ווי געוועגלעכע מערדעריי, און דעם זעלביקן פּאָטאָצקין איז איבערגעגעבן געוואָרן פינף פּולקן, כדי דורכאויס צוכאַפּן טאַראַסן.

זעקס טעג דורכאַנאַנד האָבן זיך די קאָזאַקן אויף הינטער וועגן אויסבאַהאַלטן פון אַלע פאַרפאָלגונגען; די פערד האָבן קוים אויסגעהאַלטן דאָס אומגעווענלעכע לויפעניש, און די קאָזאַקן האָבן זיך געראַטעוועט. נאָר פּאָטאָצקי איז דאָסמאָל ווערט געווען די פאָרגעלייגטע פירערשאַפט; אומערמידלעך האָט ער זיי פאַרפאָלגט און האָט זיי דערגרייכט ביים ברעג פון דניעסטער, וואו בולבא האָט פאַרנומען אויף אָפּרו אַ פאַרלאָזענע, איינגעפאַלענע פעסטונג.

ביי די סאַמע בויגונגען פון דעם דניעסטער טייך האָט זי זיך געזען מיט איר אָפּגעריסענער מויער און מיט אירע איינגעפאַלענע איבערבלייבענישן פון ווינט. מיט שטיין-שיט און צעבראָכענע ציגל איז געווען פאַרשאָטן דער שפּיץ פון דער פעלדזן וואַנט, וועלכע האָט זיך אַליאַדע מינוט געגרייט איינצעפאַלן און איז אַראָפּגעזונקען אונטן. אָט אַהערצו איז פון ביידע זייטן, וואָס ביים פעלד, געקומען אים אַרומרינגלען דער געקריינטער העטמאַן פּאָטאָצקי. פיר טעג האָבן זיך געשלאָגן און געקעמפט די קאָזאַקן, ווערנדיק זיך מיט ציגל און שטיינער. אָבער עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די זאַפּאַסן מיט די כחות, און טאַראַס האָט אַליין זיך באַשלאָסן אַריינצוקריגן צווישן די רייען.

אויף די קאָזאַקן האָבן זיך שוין געהאַט געפּרוּווט און עס קאָן זיין, אַז די ווילדע פערד וואָלטן זיי נאָכאַמאָל געדינט, ווי אינדעם, אין דער סאַמע מיט לויפן, האָט זיך טאַראַס אָפּגע־שטעלט און אויסגעשריען:

— שטיי! ס׳איז אַרייגעפאַלן די לולקע מיטן טאַבאַק; איך וויל נישט, אַז אַפילו אַ לולקע זאָל בלייבן ביי די פיינטלעכע ליאַכעס!

און דער אַלטער אַטאַמאַן האָט זיך אַראָפּגעבויגן, כדי אין גראָז אויפצוזוכן זיין טאַבאַק-לולקע, די שטענדיקע באַגלייטערן איבער ימים און יבשות, אויף מלחמות און אין דער היים.

פּלוצלונג איז אָבער אויף אים אָנגעפלויגן אַ באַנדע, וואָס האָבן אים אַרויפגעכאַפּט אויף זייער ריזיקער פּלייצע. מיט אַלע ווינע אבריםם האָט ער זיך פון זיי אַרויסגעריסן, אָבער ער איז אויף זיי געלעגן, און עס איז שוין נישט געווען אַזוי ווי פריער, בעת אויף דער ערד האָבן זיך אַרומגעדרייט אַזויפיל אים אונטערכאַפּנדיקע רויבער.

— עך, די עלטער, די עלטער! — האָט ער געזאָגט, און עס האָט זיך פונאַנדערגעוויינט דער דיקער, אַלטער קאָזאַק. נאָר נישט די זקנה איז דאָ געווען דער חייב: כח האָט איבערגעוועלטיקט אַ כח. ביי אַ דרייצן מאַן איז אים געהאָנגען אָן די הענט און פיס.

— מ׳האָט די געפאַנגען, די קראָ! — האָבן די ליאַכעס געשריען. — איצט דאַרף מען נאָר אַ טראַכט־טון וואָסער בעסערן כבוד מ׳זאָל אים, דעם הונט, צוטיילן!

און זיי האָבן אים מיט דער העטמאַנישער הסכמה, פאַר־משפט, צופאַרברענען אַ לעבעדיקן אין אַלעמענס אויגן. דאָ, אויפן

אָרט, איז געשטאַנען אַ נאַקעטער בוים, וועלכנס קרוין עס איז אָפּגעבּרענט געוואָרן פון אַ דונער. האָט מען אים צוגעצויגן מיט אייזערנע קייטן צום דיקצערנעם שטאַם, מיט אַ טשוואָק אים צוגעקלאַפּט די הענט, און אויפהייבנדיק אים אַביסעלע אין דער הייך, כּדי מ׳זאָל דעם קאָזאַק אומעטום זען — האָבּן זיי באַלד אויפן אָרט געבּומען צולייגן אונטערן בּוים אַ פייערשייטער. נאָר ניש אויפן שייטער־הויפן האָט טאַראַס געקוקט, ניש וועגן פייער אויף וועלכן מ׳האָט זיך געקליבן אים צופאַרברענען, האָט ער געטראַכט; ער האָט געקוקט, דער האַרציקער, אין דער זייט, וואו די קאָזאַקן האָבּן געשאָסן: פון דער הייך האָט ער אַלץ געזען, ווי אויף דער האַנט־פּלאַך.

— פאַרכאַפּטס, פאַרכאַפּטס, וואָס גיכער, יינגעלעך, דאָס בּערגל, וואָס בּיים וואַלד—האָט ער געשריען — אַהינצו וועלן זיי שוין ניש צו קומען!

אָבּער דער ווינט האָט זיינע ווערטער ניש דערטראָגן.

—אָט, זיי וועלן פאַרפאַלן ווערן פאַר ניש און נישט! — האָט ער אַרויסגערעדט אַ פאַרצווייפלטער, און אַראָפּגעקוקט אונטן, און עס האָט געגלאַנצט דער דניעסטער.

אַ פרייד האָט געלויכטן אין זיינע אויגן. פון צווישן די שטרויכן האָט ער באַמערקט די זיך זעענדיקע פיר אויסשפּעניקער, האָט ער צונויפגענומען אַלע זיינע כּחות און האָט העפטיק אַ געשריי געטון.

—צום בּרעג! צום בּרעג, יינגלעך! לאָזט זיך מיטן הינטער באַרגיקן וועגל, וואָס אויף לינקס. בּיים בּרעג שטייען שיפלעך, זאָלט איר זיי אַלע צונעמען, אַז מ׳זאָל אייך ניש קאָנען נאָכיאָגן!

דאָס מאָל האָט דער ווינט אַ בלאָז־געטון פֿון דער צווייטער זײַט, און אַלע זײַנע ווערטער זענען דורך די קאָזאַקן דערהערט געוואָרן. אָבער פֿאַר אַזאַ עצה האָט ער באַלד אויפֿן אָרט געקראָגן איבערן קאָפּ מיטן אײַזן פֿון אַן אַקס, אַזוי, אַז אַלץ האָט זיך פֿאַר זײַנע אויגן פֿאַרדרייט.

האָבן זיך די קאָזאַקן הענדום־פּענדום געלאָזט מיטן הינטערבאַרגיקן וועגל; אָבער שוין יאָגט מען זיי הינטער די פּלייצעס. מ׳זעט: עס פּלאָנטערט זיך, עס פּאַרלירט זיך עפּעס, דאָס וועגל, און ס׳ דרייט זיך אַרײַן אין אַ זײַט.

—אַ, חברים! נישטאָ אין ערגעץ וואו צולויפֿן!—האָבן אַלע געזאָגט.

האָבן זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, האָבן אויפֿגעהויבן זייערע נאַהייקעס, אַ פֿײַף־געטון, און זייערע טאָטערישע פֿערד נישט בעריִרנדיק אָן דער ערד, האָבן זיך אין דער לופֿט געדרייט ווי די שלאַנגען, זענען אַריבערגעפֿלויגן אין אָפּגרונט, און פּוץ — גלײַך אַרײַן אין דניעסטער.

צוויי זענען נאָר נישט אַרײַן אין טײַך, האָבן זיך אינדער־הייך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין און זענען אויף אייביק דאָרט פֿאַרפֿאַלן־געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע פֿערד. נישט באַווײַזנדיק צומאָל אַ געשריי צו טון, די קאָזאַקן זענען שוין געשוואומען מיט די פֿערד און האָבן שוין אָפּגעבונדן די שיפֿלעך. האָבן זיך די ליאַכעס אָפּגעשטעלט פֿאַרן אָפּגרונט, וואונדערנדיק זיך איבער דער אומדערהערטער קאָזאַקישער מעשה און האָבן געטראַכט: זאָלן זיי שפּרינגען, צי נישט?

איינער, אַ יינגער פּולקאָווניק, לעבעדיק, זודיק־בלוט, אַ לײַבלעכער ברודער פֿון וואונדערשיינער פּוילען, וועלכע האָט אַזוי באַצויבערט דעם אָרימען אַנדרי—ער האָט נישט לאַנג גע-

קלערט און זיך מיט אַלע כחות געוואָרפֿן צו די קאָזאַקן. ער האָט זיך דריי מאָל מיטן פֿערד איבערגעקייקלט אין דער לופֿט און איז גלייך אַנידערגעפֿאַלן אויף די שאַרפֿע פֿעלדזן. די שפּי-ציקע שטיינער האָבן אים צעריסן אויף שטיקלעך. וועלכע זענען אַראָפּגעפֿאַלן אין אָפּגרונט, און זיין מאַרך, אויסמישנדיק זיך מיטן בלוט, האָט באַשפּריצט די ביי די ווענט נישט-גלייך וואַקסנ-דיקע קושאַקעס.

ווען טאַראַס בולבא איז נאָכן קלאַפּ צו זיך געקומען און ער האָט געקוקט אויפֿן דניעסטער, זענען די קאָזאַקן שוין געווען אויף די שיפֿלעך און האָבן גערודערט מיט די וויאָסלעס. פֿון דער הייך האָט זיך צו זיי געשאָטן קוילן, נאָר צו זיי האָבן זיי נישט דערגרייכט. און ביים אַלטן אַטאַמאַן האָבן אויפֿגע-שטראַלט אַ פּאָר פֿריילעכע אויגן.

—זייט געגריסט, איר, חברים!—האָט ער צו זיי אַראָפּגע-שריגן פֿון-דער-הייך—דערמאָנט מיך כאָטש, און דעם קומענדיקן פֿריהלינג קומט ווידער דאָ אַהער, און גוט זאָלט איר אַ הוליע-טון! וואָס האָבן זיי גענומען, די טייוולשע ליאַכעס? איר מיינט, אַז ס'איז עפּעס פֿאַראַן אויף דער וועלט, פֿאַרוואָס דער קאָזאַק זאָל מורא-האָבן? וואַרט-זשע, ס'וועט קומען אַ צייט, ס'וועט זיין די צייט, און איר וועט שוין זען, וואָס עס באַטייט די פּראַוואָ-סלאַווישע, רוסישע אמונה! אַצינד פֿילן זיי שוין. די ווייטע און נאָענטע פֿעלקער: ס'וועט פֿון דער רוסישער ערד אויפֿשטיין זיין קיסר. און ס'וועט אויף דער וועלט נישט זיין קיין כח, וואָס זאָל פֿאַר אים נישט ווערן אונטערטעניק!...—און שוין האָט זיך דאָס פֿייער אויפֿגעהויבן פֿונם שייטער, עס האָט אַרומגעכאַפּט זיינע פֿיס, און צוזאַמען מיטן בוים האָט ער זיך באַהאָפּטן צו די פֿלאַמען...—און וועלן זיך דען אויף דערוועלט געפֿונען אַזעל-

כּע פֿייערן, יסורים, און אַזאַ כּח, וואָס זאָל קאָנען איבערשטייגן די רוסישע גבורה!

נישט דער קליינער טייך דניעסטר און די פֿיל פֿאַבריקן, וואָס געפֿונען זיך אַרום אים, נישט די געדיכטע טייַך־שטיינדלעך און די זאַמד־בערגלעך מיט די טיפֿע ערטער ;— עס גלאַנצט דער טייַך שפּיגל, וועלכער איז פֿאַרהילכט מיטן גלאָקישן געשריי פֿון וואַנען אַ שטאָלצע איַיז־קאַטשקע טראָגט זיך אויף אים איילִיק פֿאַרבײַ, און פֿיל הינער, רויט־קאָמיקע טײַך־הענער און אַלערליי אַנדערע פֿייגל זענען אויף זייגע זומפּן און ביַי די ברעגעס.

די קאָזאַקן זענען לעבעדיק געשוואומען אויף שמאָלע, צווייַרודערדיקער שיפלעך, האָבן בחברותא געטריבן די רודערס, זענען פֿאָרזיכטיק פֿאַרבײַגעגאַנגען זאַמד־בערג, באַאומרויִקנדיק די זיך אויפֿהייבנדיקע פֿייגל, און האָבן אַלץ געשמועסט וועגן זייער אַטאַמאַן.

סוף.